STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08688

FUN RAKEV BIZ KLOGE

Boruch Merin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך מערין

ברוך מערין

פון ראַקעוו ביז קלאָגע

בילדער פון אַ חרובער וועלט

מאַנוסקריפּט צוגעגרייט צום דרוק:

ב ע ר ל כ ה ן

ניו־יאָרק, פאַרבאַנד „נוסח ווילנע״, 1969.

BORUCH MERIN

FROM RAKEV TO KLOOGA

(Fun Rakev Biz Kloge)

•

Copyright
B. MERIN, New York
1969

•

Published by:
"CYCO"
25 East 78th Street, New York, N. Y. 10021
הויפּטפּאַרקויף: „ציקאָ"-בוכצענטער

•

Printed in U. S. A.
by:
KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96

דעם הייליקן אָנדענק פון מיין ליבער

פרוי

ל י נ אַ

און מיינע צוויי טייערע קינדערלעך

בנימינקע און אַווראַמעלע,

קרבנות פון די נאַציִשע רוצחים, הי״ד.



על אלה אני בוכיה

געצייכנט פון מחבר

אַ פּאָר ווערטער וועגן מחבר

ברוך מערין, אַ געבוירענער אין ווייסרוסישן ראַקעוו, האָט אין 1924 זיך באַזעצט אין ווילנע. זיין טאַטע איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ משכיל, וואָס האָט זיך אויך איבערגע־שריבן מיט חיים נחמן ביאַליק. זיינע קינדער האָט ער גע־געבן אַ נאַציאָנאַל־יידישע דערציאונג און אַ וועלטלעכע ביל־דונג. אין 1941 איז מערין און זיין משפּחה, צוזאַמען מיט אַלע ווילנער יידן, אַרונטערגעפאַלן אונטער די נאַציס, וואָס האָבן אָקופּירט די ליטווישע הויפּטשטאָט.

אין ווילנער געטאָ האָט מערין פאַרלאָרן זיין פרוי און זיינע צוויי קינדער. ער גופא איז פאַרשיקט געוואָרן אין טרויע־ריק באַרימטן קאַצעט קלאָגע, פון וואַנען ער איז על־פּי נס ניצול געוואָרן.

נאָך דער באַפרייאונג קומט ער קיין ווילנע. ניט געפינענ־דיק אין ווילנע פאַר זיך קיין מקום מנוחה, לאָזט ער זיך וואַנדערן איבער פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, עסטרייך און דייטשלאַנד. ער שטעלט זיך אָפּ אין פערנוואַלדער פּליטים־לאַגער, וואו ער איז געווען אַקטיוו אויפן קולטורעלן געביט. אַ געוויסע צייט איז ער געווען דער פאַרוואַלטער פון אַ קינ־דער־לאַגער פון דער עלית־הנוער און דערנאָך אַ קולטור־לייטער אין פערנוואַלד.

אין 1952 קומט ב. מערין קיין אַמעריקע, אַן איינזאַמער און עלנטער. אין ניו־יאָרק שליסט ער זיך אָן אין דער גרופּע ניי־געקומענע ווילנער און ווערט אַקטיוו אין דער פאַרוואַל־טונג פון ניי־געגרינדעטן פאַרבאַנד „נוסח־ווילנע״.

„נוסח ווילנע“ — פאַרוואַלטונג

אַ מצבה

איך בין ניט קיין שרייבער. מיר דוכט זיך אָבער, אַז מיינע זכרונות און באַשרייבונגען האָבן עפּעס אַ ווערט פאַר אונדזער יידיש־פאַרשניטענעם לעבן אין מזרח־איראָפּע.

פאַראַן נאָך אַ טעם פאַרן אַרויסגעבן מיין בוך:

נאָכן חורבן בין איך געבליבן עלנט ווי אַ שטיין. טאָ זאָל דאָס זיין אַן אָנדענק פון אַ יידן, וואָס האָט שטיל געליטן און וועט מסתמא אויך שטיל שטאַרבן.

און אַחרון אַחרון:

מיין ווייב און מיינע קינדער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע מענטשן־חיות — טאָ זאָל מיין בוך זיין אַ מצבה אויף זייער אומבאַקאַנטן קבר.

דער מחבר

אַ מאָל, אַ מאָל . . .

ראַקעווער פּאַרשוינען

מאַנטיק אין דער פרי, איידער דער מאַרק פלעגט זיך אויפשטעלן אין ראַקעוו, פלעגן אָנהייבן קומען סוחרים פון די אַרומיקע שטעטלעך. זיי פלעגן אַלע פאַרפאָרן צו ר' שמואלן אין אַכסניה. נאָכן דאַוונען פלעגט מען זיך זעצן צום טיש אָנבייסן. דערווייל פלעגט מען כאַפּן אַ שמועס. מען האָט גערעדט וועגן מקחים אויף תבואה, פעל, חזיר־האָר, וואָל און אַנדערע זאַכן. מען פלעגט זיך דערציילן וועגן די וויכטיקע פּאַסירונגען, יעדערער פון זיין שטעטל.

איין מאָנטיק איז געקומען אַ פרישער אורח, אַ ייד פון דאלהיבעוו. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט אין ראַקעוו חתונה געהאַט זיינער אַ קוזין, האָט ער געבעטן דעם בעל־אַכסניה דערציילן, ווי זיין קוזין האָט געטראָפן מיט זיין ווייב.

דער בעל־אַכסניה לאָזט זיך שטאַרק ניט בעטן און הייבט אָן בהרחבה־דיק:

ביי אונדז אין ראַקעוו איז דאָ אַן אַלטער רב, אַ ייד אַ צדיק און אַ גרויסער תלמיד־חכם. וואָס דער רב זאָגט איז הייליק. ס'איז אָבער דאָ אַ ייד אין שטעטל, יצחק־יעקב הייסט ער, אַ גרויסער בעל־העזהניק. פאַר אים האָט דער רב מורא. פאַרשטייט איר דאָך שוין, וואָס פאַר אַ בעל־דבר אָט דער יצחק־יעקב איז.

דער איבערשטער האָט זיך אָבער נוקם געווען אָן אים און אים צוגעשיקט אַ בר־פּלוגתא, שמואל דער קצב — אַ ייד אַ גיבור, אַ כעסן און אַ שלעגער. דער קצב וויל ניט דערלאָזן, אַז יצחק־יעקב זאָל זאָגן דעות אין שטעטל און ער האָט יענעם געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פאַר אים, פאַר יצחק־יעקבן, וועט זיין געזינטער, ווען ער וועט זיך מיט אים, מיט שמואל דעם

קצב, ניט פאַרטשעפּען. יצחק־יעקב מאַכט פון דעם כלומרשט חוזק, נאָר אין דער אמתן ציטערט ער פאַר שמואל דעם קצב און אַנטלויפט פון אים ווי פון פייער.

ווי שטייט אָבער אין פּרק: על דאטפת — אטפוך... האָט דאלהינעוו מהנה געווען ראַקעוו מיט אירן אַן אײדעם — דאָס איז, ר׳ ייד, אײער קוזין, יואל הייסט ער, יע? אַזוי איז יואל אַ גאַנץ פיינער ייד, ער האַנדלט ערלעך און מאַכט אַ לעבן. נאָר ער איז אַ ייד, וואָס לאָזט זיך פון קיינעם ניט טרעטן אויף די הינעראויגן און ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט. אַ מאָל האָט שמואל דער קצב אים אָנגערופן „יונגאַטש״, האָט אים אײער יואל אַזוי מכבד געווען, אַז שמואל דער קצב קען עד היום צו זיך ניט קומען. פון דעם קענט איר מאַכן אַ קל־וחומר, וואָס פאַר אַ מעמד אײער קוזין האָט אין ראַקעוו.

ס׳איז טאַקע ריכטיק, אַז אויסער מיט שמואל דעם קצב האָט יואל מיט קיינעם ניט געהאַט צו טאָן, נאָר פונדעסטוועגן פאַרשטייט יעדער איינער, אַז ס׳איז בעסער זיך ניט צו פאַרטשעפּען מיט אים.

ס׳איז אָבער פאַראַן דאָ אײן מענטש אין שטעטל, וואָס יואל בכבודו ובעצמו האָט מורא פאַר אים — דאָס איז זיין ווייב, יענטע הייסט זי. ווען יענטע צעכעסט זיך, ציבדן זיך אַן אירע אויגן ווי ביי אַ חיה און אויף אירע בלאַע ליפּן באַווייזט זיך אַ ווייסער שוים. יואל שטייט, נעבעך, ווי אַ פאַר־משפטער און טרייסלט זיך ווי אַ בלאַט. ער ווייסט שוין, אַז אָנהייבן זיך מיט יענטען איז געפערלעך, מאַכט ער אַ „ויברח״, ביז וואַנען ס׳וועט ביי איר אַריבער איר כעס.

איצטער איז אייך שוין קלאָר, ווי אײער קוזין האָט געטראָפן מיט זיין ווייב?...

הירשל סמאַרגאָנער

צווישן די פּליטים, וועלכע זיינען אַנגעלאָפן קיין ראַקעוו אין 1915, איז געווען איינער, וועמען מען האָט גערופן הירשל דער סמאַרגאָנער. ער איז אַרויפגעפאָרן אויפן מאַרק מיט אַ פור אָנגעפּאַקט מיט קינדער. ער און זיין הויזגעזינט זיינען געווען אַזוי אויסגעשעפּט פון וועג, אַז ווייטער האָבן זיי שוין ניט געקאָנט פאָרן.

יידן האָבן זיך מרחם געווען אויף אים און אויפגעזוכט הינטערן שטעטל אַ קליין אָפּגעלאָזן דירהלע. דאָרטן האָט הירשל און זיין משפּחה זיך אַריינגעצויגן.

הירשל איז געווען אַ דאַרער און הויכוואוקסיקער ייד, אויף זיין ברויטעם פּנים האָבן געלויכטן צוויי גרויסע קינדערשע אויגן. ער איז געווען אַ גוטמוטיקער מענטש. קיין גרויסער חכם איז הירשל ניט געווען. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן נאַרישע וויצן און אָפּלאַכן פון צווייטן. קיינער איז אָבער אויף אים ניט געווען אין כעס, ווייל ווען ער פלעגט זיך וויצלען אויף זיין חשבון, פלעגט ער זיך צעלאַכן מער ווי יעדער אַרומיקער.

אין דער היים איז הירשל געווען אַ דרדקי־מלמד, אָבער דאָ אין ראַקעוו, וואו די מלחמה איז אונטערן נאָז, האָבן זיך ניט געפונען קיין בעלנים צו לערנען זייערע קליינע קינדער, און היות הירשל איז געווען אַ ייד אַ נצרך, איז ער געוואָרן אַ בעל־עגלה. ער פלעגט פאָרן אין שטאָט אַריין און ברענגען סחורה פאַר די קרעמערס.

הירשל האָט פאַרדינט קוים אויף ברויט פאַר זיין גרויסער משפּחה. ער איז שטענדיק געווען האַלב הונגעריק, מחמת אויב ער וואָלט זיך

דערלויבט עסן צו זאַט, וואָלט גאָרניט געבליבן פאַר די קינדער. האָט הירשל, נעבעך, אַזוי זיך געמאַטערט אין ראַקעווו.

איין מאָל בין איך געשטאַנען אין אַ קראָם, ווען הירשל איז צוגעפאָרן מיט צווײ פעסלעך קעראָסין. ער איז צוגעגאַנגען צום קרעמער און גע־פרעגט ביי אים, וויפל פופציקער ער האָט אים נעכטן געגעבן. דער קרעמער איז גלייך בלייך געוואָרן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָ שמעקט מיט אַ גרויסן היזק און ער האָט זיך שוין געגריזשעט, הלמאי ער האָט אָנגעטרויט אַן אייגנס אַזאַ קבצן.

אַן אויפגערעגטער האָט דער קרעמער אַ זאָג געטאָן: „וואָס הייסט, וויפל פופציקער איך האָב דיר געגעבן, איך קען שווערן ביי אַ רב, אַז איך האָב דיר געגעבן דריי פופציקער".

„פויער, זאָלסטו אַזוי געזונט זיין, ווי דו האָסט מיר געגעבן דריי פופציקער", האָט הירשל געענטפערט.

דער קרעמער האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות זיך צו באַרואיקן און האָט פרובירט ווירקן אויף הירשלען מיט אַנדערע רייד: „הער זיך איין, הירשל, דו מאַכסט אַ לעבן פון מיר און אויב דו וועסט אָנהייבן מיט אַזעלכע שטיק, טאָ פאַרגעס וועגן מיר".

דער קרעמער איז דאָך אָבער פאָרט נייגעריק צו וויסן, וואָס הירשל וויל אים זאָגן, איז ער מוסיף בדרך שאלה: „אדרבא, לאָמיר הערן וויפל פופציקער זיינען דאָרט געווען?"

הירשל האָט מיט זיין נאַטירלעכן שמייכל אויף זיין פנים געענטפערט: „דאָרט זיינען געווען ניט דריי פופציקער, נאָר פיר". דאָס זאָגנדיק האָט ער אַראָפּגעצויגן זיין לאַנגן שטיוול, אַרויסגענומען אַ טיכעלע און דער־לאַנגט דעם קרעמער אַ פופציקער.

אַלע אין קראָם זיינען געבליבן שטיין ווי פאַרגאַפט. דער קרעמער האָט אַראָפּגענומען פון פאָליצע אַ קעסטל צוקערקעס און געגעבן הירשלען אַ מתנה פאַר זיינע קינדער.

אַ וואַסער־טרעגער און זיינע השגות

זיין גאַנצן לעבן האָט שלום געטראָגן וואַסער. איצטער איז ער שוין עלטער געוואָרן, זיין פלייצע האָט זיך אויסגעבויגן אונטער דער שטענדיקער לאַסט פון דער קאָראָמיסלע. די עמערס וואַסער ווערן פאַר אים אַלץ שווע־רער און שווערער.

בעלי־בתים האָבן צו אים טענות, הלמאַי ער האָט אויפגעהערט זיי צו ברענגען וואַסער. שלום וואָלט זיי גראָד וועלן צופרידנשטעלן. פאַר יעדער „נאַשטשע" וואַסער באַקומט ער אַ גראָשן און ער ווייסט דאָך, אַז קיין געלט וואָלגערט זיך ניט אויף די ראָקעווער גאַסן, נאָר אַ מענטש קען ניט אַרבעטן איבער די כוחות.

פריער האָט ער קיין מאָל ניט געטראַכט וועגן זיך אַזוי פיל ווי איצטער. היינט האַלט ער אין איין טראַכטן וועגן זיינע שוואַכע ביינער און זיין אויס־געמאַטערטן קערפּער, וואָס ציט אים נאָך אַנאַנד צום בעט.

אַ מאָל פלעגט ער זעקס טעג אַ וואָך האָרעווען ווי אַ פערד, שטענדיק איינגעשפּאַנט אין קאָראָמיסלע און שלעפּן די צוויי שווערע הילצערנע עמערס וואַסער. אָבער קלאָגן אויף זיין דאָליע האָט ער זיך ניט געקלאָגט. פאַר זיינע השגות און מיט זיינע באַדערפעניש איז אים געווען גענוג, וואָס ער האָט געהאַט.

יעדער פרימאָרגן פלעגט ער אויף גיך אָפּכאַפּן דאָס דאַווענען און גלייך נעמען זיך צו דער אַרבעט. די ערשטע פּאָר עמערס וואַסער פלעגט ער אַריינטראָגן צו יאַנקל דוד אין פּעקאַרניע. אויף די פּאַליצעס זיינען שוין געלעגן די וואַרעמע לעבלעך ברויט. דער פרישער ריח פלעגט פאַרכאַפּן זיין אָטעם און רייסן זיינע נאָזלעכער. ער פלעגט בעטן אָפּוועגן פאַר אים אַ פונט סיטניצע (ווייס קאָרנברויט) און עס שלינגען שטיקערווייז. די הנאה,

וואָס שלום האָט געהאַט פון אָנבייסן, איז געווען אין לשער. כדי צו שטילן זיין צערייצטן אַפּעטיט, פלעגט שלום פאַרטרינקען אַ קענדל קאַלטן וואַסער. ביים עסן דאָס פרישע ברויט פלעגט ער טראַכטן, אַז צוליב דעם לויבט צו האָרע־ווען אַ גאַנצן טאָג און אַז מען דאַרף לויבן דעם אייבערשטן פאַר זיינע רחמים.

פונדעסטוועגן קען מען ניט זאָגן, אַז שלום איז געווען אין גאַנצן צו־פרידן מיט זיך. ער האָט אויך געהאַט זיינע דאגות. פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין אַרבעט האָט ער אָפּגעשפּאָרט דריי רובל, ער האָט דאָס אויסגעביטן אויף פּאַפּירענע באַנקנאָטן און עס באַהאַלטן אין זיין שטיוול.

איין מאָל איז שלומען געקומען אַ גליקלעכער געדאַנק אין קאָפּ: אַוועק־טראָגן די אָפּגעשפּאָרטע סומע געלט צו יודל דעם אייזן־קרעמער. יודל איז אַ ייד אַ נגיד און אַ גרויסער ירא־שמים, ער וועט היטן זיין געלט, ווי אייגנס. אויב דער אייבערשטער וועט העלפן און יודל וועט צונעמען ביי אים די דריי רובל, וועט דאָס זיין פאַר אים, שלומען, אַ גליק. אַז דאָס געלט וועט זיין זיכער, אַז ער וועט פּטור ווערן פון דער דאגה עס צו היטן.

געזאָגט און געטאָן. שלום איז אַוועק צו יודל דעם נגיד. תחילת האָט ער זיך פאַרלאָרן, וואָס ער שטייט פּנים־אל־פּנים מיט אַ גביר ווי צוויי גלייכע. פון צעטומלעניש האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלען און געבעטן ר׳ יודלען אַריינצוגיין אין קאַמער. דאָרטן האָט ער פאַרטרויט פאַר יודלען זיין סוד. יודל האָט אַ טראַכט געטאָן און מיט אַ שמייכל זיך אָפּגערופן צו שלומען: „גוט, איך וועל ביי דיר צונעמען די דריי רובל. דו ווייסט דאָך אָבער, אַז איך טו קיין זאַך ניט פאַר אומזיסט. זאָג מיר, וואָס וועל איך האָבן פאַרן פּראָצענט״?

„גוט, ר׳ יודל״, האָט זיך שלום אָנגעכאַפּט, „פאַר פּראָצענט וועל איך אייך טראָגן אומזיסט וואַסער״. יודל האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און האָט מסכים געווען אויף שלומס אָנבאָט.

שלום האָט אַראָפּגעצויגן זיין שווערן שטיוול, האָט אַרויסגענומען די דריי רובלדיקע, זיי גוט באַטראַכט פון אַלע זייטן און עס איבערגעגעבן יודלען, פּונקט ווי אַ טאַטע לאָזט איבער זיין ייִנגל דאָס ערשטע מאָל אין חדר.

אַז ס׳איז אַריבער פּונקט אַ יאָר צייט, האָט יודל דער אייזן־קרעמער אַריינגערופן צו זיך שלומען, אים דערלאַנגט אַ רובל מיט פינף און זעכציק

קאָפּיקעס מיט אַ פּאַרטיקן חשבון: אין פאַרלויף פון דעם יאָר האָט שלום אים געבראַכט דריי הונדערט פּאָר עמערס וואַסער, צו גראַשן אַ פּאָר טרעפּט אַן אַ רובל מיט פופציק קאָפּיקעס, און פינף פּראָצענט פון דריי רובל איז פופצן קאָפּיקעס, סך־הכל — אַ רובל מיט פינף און זעכציק קאָפּיקעס.

אין די אַמאָליקע יאָרן האָט אַפילו אַ נגיד געהאַט אין זיך אַ ביסל יושר.

שלום האָט געקוקט אויפן געלט און ניט געוואוסט, צי נעמען דאָס געלט אָדער ניט. אין דעם איז אַריינגעקומען בעשקע, יודלס ווייב. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ קעלישעק בראָנפן און אין דער צווייטער אַ קיכל מיט ברויגע בעקלעך. זי האָט געהייסן שלומען צונעמען דאָס געלט, אויסטרינקען דעם בראָנפן און פאַרבייסן מיטן קיכל.

שלום האָט פון איבערראַשונג ניט געקענט קומען צו זיך. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן איז ער אין מיטן העלן טאָג אַוועק אַהיים צולייגן זיך, ביז וואַנען ער וועט זיך באַרואיקן. שלום האָט קיין מאָל ניט געחלומט, אַז ס'וועט אים טרעפן אַזאַ גליק.

וואָס קלענער די השגה, אַלץ נאָענטער איז דאָס גליק.

דער „מלאך" גבריאל

גאָר יונג איז גבריאל געבליבן אַ יתום און זיין מאַמע, ליבע די אלמנה, האָט געציטערט איבער איר בן־יחיד טאָג און נאַכט. ער איז שטענדיק געווען וואַרעם אָנגעטאָן, ער זאָל זיך, חלילה, ניט פאַרקילן. מיט די שטעטישע

יינגלעך האָט זי אים ניט געלאָזט זיך שפּילן. זי האָט מורא געהאַט, ער זאָל זיך, חלילה, ניט צעקאַליעטשען, שלאָגנדיק זיך מיט זיי, אָדער ער זאָל ניט פאַרבלאָנדזשען אין אַרומיקן וואַלד.

איז טאַקע ניט קיין וואונדער, וואָס גבריאל איז אויסגעוואַקסן אַ שוואַך בחורל, וואָס אַלע קראַנקייטן האָבן זיך אָפּט געטשעפּעט צו אים.

דעם גאַנצן טאָג פלעגט גבריאל פאַרברענגען אין בית־מדרש. בכלל איז ער געווען אַ שווייגער און זעלטן ווען גערעדט מיט מענטשן.

עטלעכע מאָל האָבן ישובניקעס פאָרגעלייגט גבריאלן, ער זאָל פאָרן מיט זיי אין דאָרף אַריין צו קנעלן מיט זייערע קינדער, אָבער ליבע די אַלמנה האָט ניט געלאָזן איר גבריאלן זיך שיידן מיט איר.

איין מאָל, ווען גבריאל איז געבליבן אַליין אין בית־מדרש, איז צו אים צוגעגאַנגען אַ פיין־געקליידעטער ייד, קענטיק אַ גרויסשטאָטישער, און האָט פאַרפירט מיט אים אַ שמועס. דער פרעמדער האָט דערציילט גבריאלן, אַז ער איז אַ „מאַכער״: ער באַפרייט בחורים פון פריזיוו, און ער האָט פאָר־געלייגט גבריאלן צו ווערן אַ „מלאך״ — דאָס הייסט, אַז ער זאָל זיך שטעלן פאַר אַ מיליטערישער קאָמיסיע אונטער אַ פרעמדן נאָמען און ווען ער וועט באַפרייט ווערן פון מיליטער־דינסט, וועט ער אָפּגעבן דעם באַפרייאונגס־בילעט דעם „מאַכער״. דערפאַר וועט ער באַקומען 150 רובל.

דערהערנדיק אַזאַ סומע, האָבן גבריאלס אויגן אָנגעהויבן צו גלאַנצן. ער האָט באַטראַכט דעם יידן ווי זיינעם אַ גואל המושיע. גבריאל האָט געמיינט, אַז ער איז אַ לא־יוצלח און וועט קיין מאָל קיין גראָשן ניט קענען פאַרדינען, און דאָ מיט אַ מאָל — אַזאַ גליקלעכער צופאַל. אַ קלייניקייט — הונדערט מיט פופציק רובל!

גבריאל האָט מסכים געווען און האָט צוגעזאָגט דעם יידן קיינעם גאָר־ניט צו דערציילן וועגן געשלאָסענעם אָפּמאַך. דער „מאַכער״ האָט אַרויס־גענומען אַ פינף און צוואַנציקער און דערלאַנגט גבריאלן ווי האַנטגעלט אויף הוצאות־הדרך.

דער „געשעפט״ האָט געקלאַפּט. גבריאל האָט זיך שוין געשטעלט פאַר עטלעכע יידישע פריזיוויניקעס און ער האָט שוין באַקומען פון „מאַכער״ אַ שיינע פאָר הונדערטער רובל. ער האָט זיך איינגעקויפט נייע מלבושים,

האָט באַקומען אַ בעסערן אַפּעטיט און בכלל אָנגעהויבן זיך צו פירן מעשה מענטש.

די ראַקעווער יידן איז, פאַרשטייט זיך, די גאַנצע זאַך געווען אַ רעטעניש: וואו ווערט עס גבריאל אַפּט נעלם און וואו נעמט ער געלט אויף אַרומצופאָרן, אויף קליידן זיך ווי אַ פּריץ און געבן נדבות?

גבריאלס מאַמע האָט פאַר אירע שכנים דערקלערט, אַז איר זון איז מיט מזל אַ חתן געוואָרן און אַז פון צייט צו צייט פאָרט ער צו זיין כלה. אייניקע האָבן געגלייבט אין דעם און אַנדערע ניט.

אָבער קיין סוד איז ניט אייביק.

צופעליק האָט זיך אַ ראַקעווער ייד דערוואוסט, טאַקע פון דעם „מאַכער" גופא, פון גאַנצן סוד. דאָס שטעטל האָט אָפּגעלעבט. דער שטילער גבריאל איז מיט אַ מאָל געוואָרן דער העלד פון טאָג. חברה לצים האָבן אים געגעבן אַ צונאָמען: דער „מלאך גבריאל".

דערווייל איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. מען האָט געדאַרפט האָבן וואָס מער סאָלדאַטן און די דאָקטוירים האָבן שוין ניט געקוקט אויפן געזונט פון די פריזיוויניקעס. איז איין מאָל גבריאל אַריין אין דער פריזיוו־קאָמיסיע, דער דאָקטאָר האָט אים אויסגעהערט און אַ זאָג געטאָן: „גאָדיען" (ער טויג). גלייך זיינען צו אים צוגעגאַנגען סאָלדאַטן און אַוועקגעפירט אים אין די קאַזאַרמעס.

דאָס מאָל איז גבריאל אַריינגעפאַלן און איז אַוועק דינען פאַר אַ צוויטן בחור, יעקב צוקער פון מינסק.

עטלעכע חדשים שפּעטער האָבן די עלטערן פון יעקב צוקער באַקומען אַ מעלדונג פון מיליטערישן שטאַב, אַז זייער זון יעקב איז געפאַלן אין אַ שלאַכט מיט די דייטשן לעבן קעניגסבערג.

ראַקעווער יידן האָבן שטאַרק באַדויערט גבריאלס טויט. זיי האָבן צוגעגעבן, אַז ווען ער וואָלט ניט געוואָרן קיין „מלאך", וואָלט ער אַזוי גיך ניט פאַרשניטן געוואָרן פון דער וועלט.

הירשל „וואלאָי"

די ראַקעווער יידן זיינען געווען אָרעמע, שטילע, גוטמוטיקע און פרומע מענטשן. יעדער איינער האָט געהאָרעוועט אַ גאַנצע וואָך, אָפּגע־קומען מיט גאָרניט, אַ מאָל ניט דערעסן, נאָר געקליבן גראָשנס, כדי אויף שבת זאָל זיין חלה און אַ שטיקל פלייש.

אַזוי האָט זיך דער שטעטלשער רואיקער לעבן געצויגן ביזן יאָר 1913. דעמאָלט האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געביטן. די ראַקעווער יידן זיינען מיט אַ מאָל געוואָרן קריגעריש געשטימט. די קריגערישקייט איז געקומען צוליב דעם, וואָס שטעטל האָט זיך געקליבן נעמען אַ נייעם רב. עס האָבן זיך גלייך געשאַפן צוויי צדדים. אַ טייל האָט געטענהט, אַז מען דאַרף נעמען אַ יונגן רב און אַ טייל איז געווען פאַר נעמען אַן אַלטן רב. יעדער צד האָט געמאַכט שבת פאַר זיך און ביידע צדדים האָבן אַראָפּגע־בראַכט צוויי רבנים. מיט דעם האָט זיך אָבער דער ענין ניט געענדיקט. פאַרקערט, ערשט איצט האָט זיך צעפלאַקערט אַ פייער אין שטעטל.

אין שטעטל זיינען געווען צוויי בתי־מדרשים. דער יונגער רב האָט מיט זיין צד זיך באַפעסטיקט אין אַלטן בית־מדרש און דער אַלטער רב האָט פאַרנומען די שניידערשע שול.

דער אַלטער צד איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט, הלמאי דער יונגער צד האָט פאַרכאַפּט דעם אַלטן בית־מדרש און געסטראַשעט צו פאַרטרייבן מיט כוח דעם יונגן רב מיט זיינע מענטשן.

אין פרייטיק צו נאַכטס האָט זיך דער יונגער צד דערוואוסט, אַז מאָרגן וועט דער אַלטער צד מיט כוח אַריינפירן זייער רב אין אַלטן בית־מדרש.

דער יונגער צד האָט זיך גענומען גרייטן צו דער מאָרגנדיקער

שלאַכט. מען האָט אָפּגעקויפט עטלעכע קאַסטנס פאַרשטונקענע אייער. מען האָט אָנגעפילט צענדליקער עמערס מיט שמוציקן וואַסער און דאָס אַלץ אַרויפגעשטעלט אין דער ווייבערשער שול. דאָרטן האָבן זיי זיך פאַרבאַריקאַדירט און געוואַרט ביז אין דער פרי.

אַז דער אַלטער צד, אַ המון פון אַ פּאָר הונדערט מענטשן, אויסגעפּוצט יום־טובדיק אין שוואַרצע סורדוקן, האָבן זיך גענומען דערנעענטערן צום אַלטן בית־מדרש, האָבן די יידן פון דער ווייבערשער שול גענומען פאַרשיטן זיי מיט אַ מבול פאַרשטונקענע אייער און באַגיסן זיי מיט שמוציקן וואַסער. דער אַלטער צד איז געוואָרן נאָך מער אויפגעבראַכט און גענומען שטורעמען דעם בית־מדרש. ס'האָט שוין געהאַלטן, אַז דער אַלטער צד זאָל מנצח זיין. דאָס האָט זיך אָבער זיי ניט איינגעגעבן, ווייל אין דער לעצטער מינוט איז געקומען אַן אינטערווענץ פון גאָר אַן אומגעריכטער זייט.

אין ראַקעוו איז געווען אַ ייד, משה דער קאַראַבעלניק האָט ער געהייסן. זונטיק פלעגט ער אַרויספאָרן מיט צוויי וועגענער איינגעפּאַקטער סחורה אין דאָרף אַריין און קומען צוריק אַהיים פלעגט ער אויף שבת.

ביי אים האָט געדינט אַ דאָרפסיונג, הירשל. אַזוי ווי אין ראַקעוו האָט יעדער געמוזט האָבן אַ צונעמעניש, האָט מען הירשלען געקרויגט מיטן צונאָמען „וואַלאַי", וואָס ס'האָט געמיינט: ריזיק, מעכטיק, שטאַרק.

הירשל האָט ניט געקענט ריידן קיין יידיש און דאַווענען האָט ער אויך ניט געקענט, האָט ער זיך געשעמט אַרויסצוגיין אין גאַס און טרעפן זיך מיט דער שטעטלשער יוגנט. דעם גאַנצן שבת פלעגט ער אָפּזיצן אין שטאַל מיט די פערד.

זומערצייט פלעגט ער פירן באָדן די פערד צום טייך. דאָס איז געווען אַן אַטראַקציע פאַרן גאַנצן שטעטל. דער עולם פלעגט זיך צוזאַמענקלייבן לעבן משה דעם קאַראַבעלניק און אָפּוואַרטן, ביז וואַנען די טויערן וועלן זיך עפענען.

פון הויף פלעגן זיך אַרויסלאָזן אויפן גאַס די צוויי פעטע אויסגערוטע פערד, און הירשל וואַלאַי, מיט אַ פאַרקאַמטן געדיכטן קאָפּ האָר און אין אַ שניי־ווייס העמד, האָט זיי געפירט פאַר די צוימען.

די פערד פלעגן פּרובירן טאַנצן און וואַרפן זיך אין די זייטן. אָבער

הירשל וואלאַי פלעגט אַ צי טאָן זייערע צוגעשמידטע מיילער מיט זיינע מעכטיקע הענט און באַרואיקן זייערע צעקאָכטע בלוטן.

הירשלס בעל־הבית, משה דער קאַראַבעלניק, איז געווען אַן איבער־געגעבבענער מיטגליד פון יונגן צד. ער האָט אויך געגומען אַן אַנטייל אין געשלעג אויפן שולהויף. ווען ער האָט דערפילט, אַז דער יונגער צד ווערט שוואַכער, איז ער אַוועק אַהיים און געקומען צוריק מיט הירשל וואלאַי. ער האָט אים מיטן האַנט אָנגעוויזן די טעריטאָריע, וואָס איז פאַרנומען דורכן אַלטן צד, און געזאָגט אים עפּעס אויפן אויער.

הירשל וואלאַי איז גיך צוגעגאַנגען צום אַלטן צד, האָט זיך אַ ביסל איינגעבויגן, צוזאַמענגעדריקט די הענט און גענומען מיט זיי דרייען, ווי מיט צוויי מילשטיינער. אין אַ הרף־עין פלעגט ער אַ כאַפּ טאָן אַן „אַלטצדישן", דורכלאָזן אים דורך זיינע הענט און לאָזן אים ליגן אויף דער ערד. ס'האָט לאַנג ניט גענומען און דער אַלטער צד איז געלעגן צעממיטט אויפן שולהויף. דער יונגער צד האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון.

פאַר ראַקעוו איז הירשל וואלאַי געוואָרן אַ סענסאַציע און מען האָט ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן אים, וועגן זיין דרייסטקייט און וועגן זיין גבורה.

אַ ביסל שפּעטער איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. די ראַקעווער יידן זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ ים פון דאגות און צרות. זיי איז שוין אין קאָפּ ניט געלעגן צו קריגן זיך צווישן זיך און האָבן פאַרגעסן וועגן די רבנים און במילא וועגן הירשל וואלאַי.

אין יאָרן אַרום האָב איך זיך געטראָפן מיט מיינע פריינד. זיי האָבן גערעדט וועגן ז. שניאורס „נח פאַנדרע", וואָס איז דעמאָלט געווען אין מאָדע. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז שניאור האָט צו פיל מגזם געווען מיט נח פאַנדרעס גבורה, דערפאַר פאַרלירט זיין ווערק אַ סך פון זיין ריאַ־ליסטישער שילדערונג.

איך האָב זיך דעמאָלט דערמאָנט וועגן אַמאָליקן ראַקעווער העלד, הירשל וואלאַי. איך האָב דערציילט מיינע פריינד וועגן אים, פאַרגליכן אים מיטן שקלאָווער גיבור און אויסגעפירט, אַז נח פאַנדרעס גבורות קענען אויך זיין גענומען פון רויען לעבן.

הושע דער סבאָרשטשיק

קינדער האָבן זייער ליב צו הערן מעשהלעך. ביי אונדז זיינען געווען צען קינדער. די פיר ייִנגערע זיינען שטענדיק געווען פּריווילעגירט אין דער פרי אַריינצוקריכן צו דער מאַמען אין בעט, באַלאַגערן זי פון אַלע זייטן און מאַטערן זי, אַז זי זאָל דערציילן מעשהלעך.

זי האָט געהאַט אַ סעריע געשיכטעס, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן פאַר אונדז יעדער פרימאָרגן און מיר, די קינדער, האָבן זיי שוין געקענט אויף אויסנווייניק.

איין מעשה וועגן הושע דעם סבאָרשטשיק איז געווען זייער אַ טראַגישע און זי האָט זיך פאַרקריצט אין מיין זכרון אויף שטענדיק. און מעשה שהיה כך היה:

די תקופה פון די קאַנטאָניסטן, ווען יידן אַליין האָבן געכאַפּט יידישע ייִנגלעך אין רוסלאַנד און זיי אָפּגעגעבן אויף 25 יאָר מיליטער־דינסט, איז אַ טרויעריקער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון די יידן אונטער די צאַרן. אויך ראַקעוו האָט געגעבן איר צאָל יונגע קרבנות. דורכגעפירט די דאָזיקע גרויזאַמע אַרבעט האָט אַ שטעטלשער ייד, וועמען מען האָט צוליב דעם גערופן הושע דער סבאָרשטשיק, וואָס אין רוסיש מיינט דאָס אַ זאַמלער, אַ קאָלעקטאָר.

די גבירישע ייִנגלעך פלעגט הושע ניט טשעפּען, ווייל ער האָט ניט געוואָלט זיך אָנהייבן מיט זיי און, צווייטנס, פלעגן זייערע עלטערן אים גוט באַצאָלן. ער פלעגט כאַפּן נאָר אָרעמע יתומים, וואָס האָבן ניט גע־האַט קיין שטאַרקע באַשיצערס.

דער גורל פון די יונגע קרבנות איז געווען אַ גרויזאַמער. דעם גרעסטן טייל פון זיי פלעגט מען אין מיליטער צווינגען צו שמדן זיך און

די, וועלכע פלעגן ניט וועלן נאָכגעבן, פלעגט מען מאַטערן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זיי פלעגן אויסגיין.

דאָ, אין דעם אָרט, פלעגן מיר אָנהייבן שטאַרקער צו אָטעמען און די מאַמע פלעגט ווייטער דערציילן, אָבער מיט אַ וויכלעכער שטים: אין ראַקעוו האָט דעמאָלט געלעבט אַ פיינער ייד, נאָר אַ גרויסער אָרעמאַן, זיינע צוויי יינגלעך האָט ער געשיקט אין תלמוד־תורה און ניט צו אַ מלמד, ווייל ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן שכר־לימוד.

דער ייד פלעגט קויפן פאַרשיידענע סחורות, פלעגט דאָס אַרומטראָגן איבער די דערפער און בייטן מיט די פויערים אויף דאָרפישע פראָדוקטן. אויף אַלע שבת פלעגט דער ייד קומען אַהיים, הנאה צו האָבן אַ ביסל פון זיין לעבן.

איין מאָל איז דער ייד ניט געקומען צוריק אויף שבת. אין שטעטל איז געוואָרן אַ טומל. מען האָט אים געזוכט אַרומזוכן און נאָכפרעגן זיך וועגן אים און ס׳האָט גאָרניט געהאָלפן. דער ייד איז נעלם געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין. ערשט פרילינג צייט האָט מען אין וואַלד, אונטערן צעגאַנגענעם שניי, געפונען זיין טויטן קערפּער.

זיין ווייב האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט איר מאַנס טויט און איז קראַנק געוואָרן. ווייבער פלעגן צונויפקלייבן אין שטעטל נדבות און אַריינטראָגן איר אין שטוב, זי זאָל ניט אויסגיין פון הונגער מיט אירע יונגע יתומים.

דעם עלטערן יינגל האָבן יידן אַרויסגענומען פון תלמוד־תורה און אַוועקגעגעבן לערנען זיך שניידעריי. ס׳איז שוין צייט געווען צו טראַכטן וועגן תכלית. דער יינגל, כמעט נאָך אַ קינד, האָט געהאָרעוועט ביים שניידער גאַנצענע טעג און די פאַרדינטע עטלעכע גראָשנס פלעגט ער אָפּגעבן דער קראַנקער מאַמען.

אָט אויף דעם יתומל האָט הושע געוואָרפן אַן אויג. ווער ווייס זיך פאַר אים אָננעמען — האָט הושע געטראַכט — זיין קראַנקע מאַמע אָדער זיין יינגערער ברודערל?

אין אַ קאַלטער ווינטערנאַכט, ווען דער שניידער־יינגל איז געגאַנגען אַהיים פון דער אַרבעט, איז אים הושע באַפאַלן, פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל און מיט געוואַלד אַריינגעשטופּט אים צו זיך אין קעלער אַריין.

פון דעמאָלט אָן איז דאָס יתומל נעלם געוואָרן אויף אייביק.

די קראַנקע מאַמע האָט ניט געקענט איבערטראָגן דעם צער און פון צרות איז זי אַראָפּ פון זינען. איין נאַכט איז זי אַרויסגעלאָפן אַ נאַקע־טע פון שטוב און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין טייך אַריין — און דער־טרונקען געוואָרן.

דאָ פלעגן אונדזערע קינדערישע הערצער אָנהייבן צו קלאַפּן נאָך שטאַרקער און פון שרעק פלעגט אונדז אָפּגיסן אַ קאַלטער שוויס.

אין מיר האָט געברענט אַ שרעקלעכער כעס אויף הושען. מיר האָט זיך זייער געוואָלט נוקם זיין זיך אָן אים, נאָר וואָס קען איך טאָן, אַז איך בין נאָך אַ קליינער ייִנגל און ער איז שוין אָן אַלטער ייִד מיט אַ וויס־גראָער באָרד? אָבער ווען איך בין אַ ביסל עלטער געוואָרן, בין איך איין מאָל אַריינגעפאַלן אין אַלטן בית־מדרש. הושע איז געזעסן אין טלית און געזאָגט תהלים. אין מיר האָט אויפגעקאָכט דער קינדערשער כעס, האָב איך געכאַפּט אַ נאַסן האַנטעך און אַ וואָרף געטאָן הושען אין פּנים אַריין. איך האָב עפּעס געפילט ווי אַ שטיין וואָלט מיר אַראָפּ פון האַרצן.

הושע האָט געדאַווענט אין אַלטן בית־מדרש, איז געשטאַנען אויבן אָן אין מזרח גלייך מיט אַלע בעלי־בתים. איך פלעג אים שטענדיק זען גייענדיק צוריק פון שול, קענטיק, אַז ער פלעגט גיין דאַווענען גאַנץ פרי.

ווי האָט אַזאַ ייִד געקענט אַזוי לאַנג לעבן? האָבן אים די שרעקלעכע געוויינען פון די קליינע קינדער און די הילפגעשרייען פון די אַלמנות ניט געקענט פאַרפּייניקן זיינע יאָרן?

מיין רבי דערקלערט השגחת הבורא

אונדזער שטוב איז תמיד געווען אַ פרומע. מיין טאַטע איז געווען אַ גרויסער מאַמין און די מאַמע האָט געוואוסט, אַז יידן מוזן מקיים זיין מצוות און וואַרטן אויף משיחן. אַזאַ אַטמאָספער פון פרומען שטייגער־לעבן האָב איך אַריינגעאָטעמט פון מיינע פריסטע קינדער־יאָרן.

ווען איך בין אַ ביסל עלטער געוואָרן, האָבן די רעיונות זיך גענומען גריבלען וועגן גאָט, וועגן דער תורה, וועגן מצוות — אָבער פאַר מיין קינ־דערשן שכל זיינען דאָס געווען צו הויכע ענינים, אַז איך זאָל קענען געפינען אַ דערקלערונג אויף זיי.

איך האָב נאָך דעמאָלט אַפילו ניט געוואוסט, אַז מען טאָר זיך ניט אַריינלאָזן אין חקירות ודרישות וועגן ענינים פון „מה למעלה ומה למטה". איך האָב אויך ניט געוואוסט, אַז אין אַנדערע חדרים קריגן די ייִנגלעך קלעפּ פאַר אַזעלכע שאלות. האָב איך אין מיין תמימות זיך געווענדט מיט מיינע פראַגעס צו מיין רבין און געבעטן אים אויפקלערן, פאַר וואָס אַ ייד מוז מקיים זיין אַלע מצוות און אָפּהיטן אַלע געבאָטן פון דער תורה.

מיין רבי, ר' ישראל חיים, האָט זיך פאַר דער שאלה ניט דערשראָקן. פאַרקערט, ער איז געווען צופרידן און גערן גענומען אויפקלערן, הויך אויפן קול, אַלע ייִנגלעך זאָלן הערן זיין ענטפער. און אָט וואָס ער האָט געזאָגט:

— ס'זיינען פאַראַן אַ סך באַווייזן, אַז מיר האָבן אַ רבונו של עולם, וועלכער וואַכט איבער אונדז און באַשיצט אונדז. אויב, חס וחלילה, מיר וואָלטן אים ניט געהאַט, וואָלט שוין לאַנג פון אונדז ניט פאַרבליבן קיין שריד ופליט. אָט בעמט, למשל, אונדזער שטעטל ראקעוו. סך הכל זיינען דאָ אַ 500 יידישע נפשות און גוים זיינען דאָ טויזנט. יעדער גוי איז צוויי מאָל אַזוי גרויס און צען מאָל אַזוי שטאַרק ווי אַ ייד. יעדער גוי האָט אונדז

פיינט און איז שטענדיק גרייט צו הרגענען יידן. אין אַ מאַרקטאָג פאָרן זיך צונויף אין ראַקעוו פון די אַרומיקע דערפער נאָך אַ דריי טויזנט פויערים, ווילדע חיות. זיי שיכורן זיך אָן און חלשן צו שלאָגן און ראַבירן יידישע קראָמען. די צוויי פאָליציאַנטן טרינקען צוזאַמען מיט זיי און וואַלגערן זיך דעם גאַנצן טאָג אין שענק. טאָ זאָגט מיר, אדרבא, ווער, אויב ניט דער בורא עולם האָט אויף אונדז זיין השגחה און צווימט אונדזערע שונאים, אַז זיי זאָלן אונדז, חלילה, קיין שלעכטס ניט טאָן? און אויב אַזוי, איז דאָך קלאָר, אַז מיר יידן מוזן בכל נפשך ובכל מאדך לערנען די תורה הקדושה און אָפּהיטן אַלע אירע געבאָטן.

איך האָב אויסגעהערט דעם רבין. אַלע זיינע אַרגומענטן זיינען פאַר מיר געווען מאָסגיביק און איבערצייגנדיק. אַלע מיינע ספקות זיינען צערונען געוואָרן. איך בין געוואָרן נאָך מער גלייביק און מער פרום.

ס׳ציט מיך צום חדר

מיין טאַטע איז געווען אַ הייסער אָנהענגער פון דער השכלה. צו צען יאָר האָט ער מיך אַרויסגענומען פון חדר און מיך אָפּגעגעבן לערנען אין אַ רוסישער מלוכהשער שול אין אַ פרעמדער שטאָט. מען האָט מיך אויסגעפוצט אין אַן אוניפאָרם מיט גאָלדענע קנעפּ, מיט אַ האַרט היטל מיט אַ ראַנד און אַ גאָלדענעם צייכן. ס׳איז טאַקע געווען שיין און צוציענדיק, איך אָבער האָב זיך געפילט פרעמד אין די צאַצקעדיקע מלבושים. אין קלאַס האָב איך זיך געפילט נאָך פרעמדער.

רוסיש האָב איך גערעדט מיט אַ יידישן אַקצענט און די לערערס מיט די שילערס האָבן געהאַלטן אין איין אָפּלאַכן און מאַכן חוזק פון מיר. איך האָב זיך געפילט ווי אין אַ תפיסה און שטאַרק געבענקט נאָך דער היים און נאָכן חדר. איך האָב קוים דערלעבט די ביי־יאָר וואַקאַציעס און בין אַ גליקלעכער אַוועקגעפאָרן אַהיים.

ביי אונדז אין שטוב איז געווען אַ שמחה, מ׳האָט זיך געגרייסט מיט מיר און געהאַלטן אין איין טענהן, אַז איך האָב זיך געביטן, ניט צו דערקענען. די עלטערן און די אַנדערע קינדער אין אונדזער הויז זיינען געווען צופרידן. די מאַמע האָט מיך געהאַלטן אין איין קושן. איך האָב זיי אָבער ניט דער־ציילט וועגן מיינע ליידן און אַז איך בן אַ צעבראָכענער און אַ דערשלאָגענער. איך האָב פשוט ניט געהאַט קיין חשק אַרויסצוגיין אויף דער גאַס אין מיין אוניפאָרם.

אין אָוונט בין איך אַוועק אין חדר. דאָס צימערל איז געווען שמאָל און נידעריק. די ווענט זיינען געווען פאַררייכערט פון ברענענדיקן נאַפטלעמפּל. דער רבי האָט געלערנט מיט די תלמידים. ווען זיי האָבן מיך דערזען, זיינען זיי אַלע ווי צעטומלט געוואָרן. דער רבי איז צוגעגאַנגען און מיר געגעבן שלום־עליכם. די תלמידים האָבן געטאָן דאָס זעלביקע. אין מיינע געדאַנקען האָב איך פאַרגליכן דעם ליכטיקן געראַמען קלאַסצימער מיט דעם ענגן שמוציקן חדר. פאַרן אויג איז אין דער גויאישקער שול געווען אַלץ שענער און בעסער און ליכטיקער, אָבער אין האַרצן — אין האַרצן איז דאָ אַלץ געווען נאָענטער און וואַרעמער און ליבער. דער רבי מיט זיין איידעלן און אויסגעמאַטערטן פּנים, די יינגלעך אין די אַלטע בגדים, דער ענגער אָפּגע־לאָזענער צימער האָבן מיך מער צוגעצויגן צו זיך, ווי די אויסגעפּוצטע און אויפגערוימטע צימערן פון דער מלוכהשער שול. דער יידישער אומעט, וואָס האָט געוויינט אין אַלטן חדר, איז מיר געווען נאָענטער, ווי די גויאישע פרייד אין דער פּרעמד־שטאַטישער שול.

עס האָט מיך געצויגן צום חדר. יעדער טאָג אין דער פרי פלעג איך אַוועקגיין אַהין אויף אַ גאַנצן טאָג. קיין מאָל איז מיר דער חדר ניט אַזוי ליב געווען ווי איצט און זעלטן ווען האָב איך אַזוי שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם רבינס לערנען. דעריבער איז מיר געוואָרן שטאַרק ביטער אויפן האַרצן, ווען ס׳איז געקומען דער טאָג און איך האָב געדאַרפט צוריקפאָרן

זיך לערנען אין דער מלוכהשער שול. אָבער ווען דער פורמאַן איז צוגעפאָרן צו אונדזער הויז און מען האָט מיך געבומען אַנטאָן מיין מאַנטל, איז עפּעס געשען אַזוינס, וואָס קיינער האָט ניט דערוואַרט און וואָס האָט אויפגערו־דערט אַלע שטוביקע.

אין דער לעצטער מינוט, שוין שטייענדיק אויפן שוועל, האָב איך זיך אָנגענומען מיט כוח און אַ זאָג געטאָן: איך פאָר ניט. אין שטוב איז געוואָרן אַ מהומה. די מאַמע איז צוגעגאַנגען צו מיר און מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט: ס'טייטש, דו פאָרסט ניט, מיר האָבן דאָך פאַר דיר באַצאָלט הונדערט רובל, דו ווייסט וויפל געלט דאָס איז, און איצט ווילסטו אַלץ זאָל גיין פאַרפאַלן? וואָס ווילסטו טאָן?

— איך וויל גיין צוריק אין חדר, האָב איך געענטפערט.

דער טאַטע מיינער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. ער האָט זיך צוגעקוקט צו אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר. כדי ניט צו דערלאָזן צו אַ קריגעריי, האָט ער געהייסן דעם פורמאַן אַוועקפאָרן און און מיך לאָזן צו רו.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט מיך דער טאַטע געהייסן זיך אָנטאָן און מיטגיין מיט אים צו צדוק דעם לאַטוטניק. צדוק איז ניט געווען קיין שניי־דער פון נייע בגדים, ער פלעגט לייגן לאַטעס און איבערניצעווען אַלטע בגדים. ער האָט אויסגעזען ווי אַ שד, ווי עפּעס אַ פאַרזעעניש. שטענדיק, סיי זומער און סיי ווינטער, איז אויף אים געהאַנגען עפּעס אַן אָפּגעקראָכענע קאַמזעלקע. דער אַרבעטסטיש האָט פאַרנומען כמעט דעם גאַנצן צימער און אויף אים זיינען געווען אָנגעוואָרפן שמאַטעס פון דער גאַנצער וועלט. דער־זעענדיק אונדז, האָט ער זיך פאַרלאָרן און אַלץ האָט געבומען פאַלן פון זיינע הענט.

„וואָס וועט איר זאָגן גוטס”, האָט ער געפרעגט ביים טאַטן.

דער טאַטע האָט אים מיט אַ רואיקן טאָן געענטפערט: „איך האָב גע־בראַכט מיין יינגל, איך וויל אים דאָ איבערלאָזן ביי אייך, איר זאָלט אים לערנען שניידעריי”.

איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז מיין טאַטע וועט האָבן אַזאַ כוח. איך האָב אַ זאָג געטאָן: קום! און אים אַ ציי געטאָן פאַרן אַרבל. אויפן גאַס האָב איך דעם טאַטן אַ פרעג געטאָן: וואָס ווילסטו, איך זאָל ווערן אַ לאַטוט־

ניק? „אויב דו ווילסט זיך ניט לערנען, טאָ זיי אַ לאַטוטניק", האָט ער געענטפערט.

דערהערנדיק אַזעלכע האַרבע דיבורים פון מיין טאַטן, האָב איך אַ זאָג געטאָן: גוט, איך וועל זיך פאַרן לערנען, אָבער מיין האַרץ וועט בלייבן אין חדר.

כאָטש מיין האַרץ האָט מיך נאָך אַלץ געצויגן צום חדר, בין איך אָבער געווען זייער צופרידן פון מיין טאַטעס המצאה, ווי אַזוי ער האָט פאַרשטאַנען אויף אַזאַ מחוכמדיקן אופן אויסצופירן דאָס זייניקע.

מיין צער פון פאַרלירן דעם חדר איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך דער פלוצעמדיקער חכמה פון מיין טאַטן.

אַ פּאָגראָם אין שטעטל

ווען איך בין אַלט געווען קנאַפּע פיר יאָר, האָב איך שוין אינסטינקטיוו דערפילט, אַז איך געהער צו עפּעס אַ גרופּע מענטשן, וואָס שטענדיק לעבן זיי אין שרעק און תמיד האָבן זיי מורא, אַז מען זאָל זיי ניט פלוצעם טאָן שלעכטס. דאָס מוחל האָט עס ניט פאַרשטאַנען, אָבער דאָס קליינע הערצל האָט עס געפילט. און גאָר גיך איז זיך פאַרלאָפן אַ געשעעניש אין שטעטל, וואָס האָט אויך די יידישע קינדער געגעבן אַ לעקציע, אַז זיי זיינען ניט בלויז אויסגעקליבן געוואָרן פון גאָט צו לערנען זיין תורה, נאָר אויך פון מענטשן — צו זיין געיאָגט און געפּלאָגט.

געווען איז עס אין יאָר 1904. די רוסן האָבן דעמאָלט מלחמה געהאַלטן מיט די יאַפּאַנעזער. אין אונדזער שטעטל ראַקעוו האָבן זיך אָפּגעשטעלט הונדערטער פורן, אין וועלכע מען האָט געפירט מאָביליזירטע מענער פון די אַרומיקע דערפער צום זאַמלפּונקט אין מינסק. די יונגע פּויערים האָבן זיך געפילט הפקרדיק און זיך געלאָזן וואוילגיין. זיי האָבן צעראַבירט די „מאָנאָפּאָלקע", דאָס מלוכהשע געשעפט פון בראָנפן. דאָס גאַנצע שטעטעלע, דער עיקר דער מאַרק, האָט אויסגעזען ווי איין גרויסער שענק. טויזנטער פויערים האָבן זיך אויסגעזעצט אויף זייערע וועגענער און געגומען טרינקען דעם „ביטערן טראָפּן". און כטוב לב המלך ביין, האָבן זיי זיך געלאָזט ראַבירן יידישע קראָמען. אין שטעטל איז געוואָרן אַ שרעקלעכע מהומה און יידן האָבן אָנגעהויבן זיך באַהאַלטן, ווער וואו נאָר עס האָט געקענט.

אין אַט דער צייט, געדענק איך, האָב איך געשטיפט און געזונגען הויך אויפן קול. מיין מאַמע איז צוגעגאַנגען צו מיר און מיר דראָענדיק געזאָגט, אַז אויב די פּויערים וועלן דערהערן, ווי מען זינגט דאָ, וועלן זיי אַריינקומען און אונדז אַלעמען דערהרגענען. איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס די מאַמע רעדט צו מיר, נאָר איך האָט דערפילט, אַז איך דאַרף זיין שטיל.

מען האָט געעפנט דעם קעלער און די גאַנצע משפחה האָט זיך אַהין אַראָפּגעלאָזן און דער טאַטע האָט שטאַרק פאַרהאַקט די טיר. פון גאַס האָבן זיך געטראָגן קולות פון די שיכורים און קלאַנגען פון אויפגעריסענע טירן. מיר האָבן אַלע געציטערט פון שרעק און די גאַנצע נאַכט ניט צוגעמאַכט קיין אויג. אין דער פרי האָבן די קולות אויפגעהערט. דער טאַטע איז אַרויס דער ערשטער, און ווען ער איז געקומען צוריק האָט ער דערציילט, אַז אַלע פויערים זיינען זיך צעפאָרן און אַז זיי האָבן אין שטעטל אָנגעמאַכט אַ חורבן.

אָט מיט וואָס עס הייבן זיך אָן די ערשטע שפּראָצונגען פון זכרון ביי אַ יידיש יינגל פון אַ רוסיש שטעטל — פון אַ פּאָגראָם!

נאָכן פּאָגראָם האָבן די ראַקעווער יידן פאַרשטאַנען, אַז זיי דאַרפן עפּעס טאָן, כדי זיך צו פאַרטיידיקן פון אָנפאַלערס. זיי האָבן זיך אָרגאַני־זירט און צונויפגעזאַמלט געלט, געקויפט עטלעכע רעוואָלווערן און גומענע שטעקנס. די יונגע בחורים האָבן זיך אויסגעלערנט ווי צו באַנוצן מיטן געווער, און ווי נאָר אין שטעטל פלעגט ווערן אַ מהומה, פלעגן זיי זיך

אַרויסלאָזן אויף די גאַסן און אָנלערנען די פּאָגראָמשטשיקעס אַזוי, אַז עס איז ביי זיי פאַרגאַנגען דער חשק אָנצופאַלן אויף ראַקעווער יידן.

די זעלבשוץ האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, ווייל די צאַרישע רעגי־רונג איז ניט געווען פאַראינטערעסירט, אַז די יידן זאָלן אַליין זיך קענען פאַרטיידיקן אין אַן עת־צרה.

אַ גימנאַזיע לערנט פון אַ ישיבה

אין דער צאַרישער מלוכה־שול, אין וועלכער אויך איך האָב גע־לערנט, האָט געהערשט אַ שטרענגע דיסציפּלין. יעדער שילער האָט זיך געמוזט צופּאַסן צום סדר פון שול, ווען ניט פלעגט מען אים משלח זיין.

די קריסטלעכע שילערס זיינען מערסטנס געווען זין פון מלוכה־באַאַמטע אָדער פּריצים. זיי זיינען אַלע געווען „מאַמעס זינדלעך", הויכע, שיינע און צעלאָזענע אָן אַ גרענעץ.

דעם גאַנצן טאָג איז אַלץ צוגעגאַנגען, ווי ס'דאַרף צו זיין. אָבער נאָך די לימודים, ווען די שילערס פלעגן דאַרפן פאַרלאָזן דעם לערן־אַנשטאַלט, פלעגט זיי באַפאַלן אַ ווילדע משוגעת. זיי פלעגן אַלע, אין די הונדערטער, מיט אַ מאָל זיך אַ לאָז טאָן צום אַרויסגאַנג און מיט ווילדע געשרייען זיך נעמען שטופּן. פון דער גאַנצער שטאָט פלעגן קומען מענטשן צוקוקן זיך צום ווילדן ספּעקטאַקל. דער דירעקטאָר מיט די לערערס האָבן עטלעכע מאָל געפּרובירט אינטערוועניר͏ן, אָבער די צע־יושעטע גימנאַזיסטן האָבן זיך ניט געמאַכט וויסנדיק.

פאַר די לערערס איז דאָס געווען אַ שאַנד, זיי האָבן אָבער ניט געוואָלט אָננעמען קיין שטרענגערע מיטלען, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט איינרייסן מיט די עלטערן פון די קינדער, מיט וועלכע זיי האָבן געשפילט אין קאָרטן און געטרונקען בראָנפן צוזאַמען.

דער דירעקטאָר האָט ניט גערוט. אים איז געגאַנגען אין לעבן צו געפינען אַ מיטל, ווי פטור צו ווערן פון דער ווילדער אַנשיקעניש — און ער איז געפאַלן אויף אַ המצאה.

איין מאָל, נאָך מיטאָגצייט איז דאָס געווען, האָט מען אונדז אַלעמען געהייסן אַרויסגיין אויפן גאַס און צעשטעלן זיך אין שערענגעס. באַלד איז אַרויס דער דירעקטאָר און האָט געגעבן אַ קאָמאַנדע „רעכטס!" און געהייסן גיין נאָך אים. מיר זיינען אים נאָכגעגאַנגען אַ צען גאַסן. ער האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ שמאָל געסל און אונדז געהייסן בלייבן שטיין און קוקן אַנטקעגן.

אַנטקעגן אונדז איז געשטאַנען אַ ברייטער הילצענער בנין מיט אַ הויכן גאַנעק ביים אַריינגאַנג. דאָס איז געווען די שטאָטישע ישיבה. ס'איז גראָד געווען די צייט, ווען די ישיבה־בחורים זיינען געגאַנגען אויף מיטאָג.

מיר האָבן זיך צוגעקוקט, ווי ס'גיט זיך אָן עפן די טיר און עס באַווייזן זיך ישיבה־בחורים, יעדערער אין אַ שוואַרצער קאַפּאָטע מיט אַ קאַפּעלושל אויפן קאָפּ. יעדערער פון זיי הייבט אויף די האַנט און גיט אַ קוש די מזוזה און לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ פון די טרעפּ צום גאַס.

די אויפפירונג פון די ישיבה־בחורים איז באמת געווען אַ געוואַלדיקע דעמאָנסטראַציע פאַר די ווילדע שקצים.

ווען אַלע בחורים האָבן שוין פאַרלאָזן די ישיבה, איז דער דירעקטאָר אַרויף אויפן הויכן גאַנעק און האָט געהאַלטן פאַר אונדז אַ מוסר־דרשה:

איך האָב אייך געבראַכט אַ הער צו, כדי צו באַווייזן אייך, ווי קול־טורעלע מענטשן פאַרלאָזן זייער לערן־אַנשטאַלט. זיי וועלן ניט פאַרשאַפן קיין שאַנד און עגמת־נפש זייער דירעקטאָר און זייערע לערערס; איך האָב אייך געבראַכט אַהער, כדי איר זאָלט זיך אַראָפּנעמען אַ משל פון די בחורים און לערנען זיך, ווי איר דאַרפט זיך אויפפירן אין דער צוקונפט. איך פאַרלאַנג פון אייך מיר צוצוזאָגן, אַז פון היינט אָן וועלן זיך שוין ניט איבערחזרן די וואַקכאַנאַליעס, ווי ביז היינט. איר זאָגט מיר צו?

מיר אַלע, ווי אמתע סאָלדאַטן, האָבן אויסגעשריען אין איין קול: טאַק טאָטשנאָ (זייער פּינקטלעך).

פון דעמאָלט אָן איז די מהומה ביים פאַרלאָזן די קלאַסן אין גאַנצן פאַרשוואונדן, אַזוי ווי מיטן האַנט צוגענומען. אונדזערע שילערס האָבן זיך באַמיט נאָכצוטאָן די ישיבה־בחורים אויף וויפל זיי האָבן נאָר געקענט.

מיין טאַטע שטאַרבט

איך האָב פאַרלאָזן די היים פון טאַטע־מאַמע אין מיין גאַנץ פריען עלטער. און כאָטש איך האָב לאַנגע יאָרן זיך שוין ניט געהאַט געפונען אונטער דער השגחה פון מיינע עלטערן, בין איך נאָך אַלץ געווען אונטער דער השפעה פון רעליגיעזן חינוך אין די קינדער־יאָרן און פון דער גאַנצער יידיש־טראַדיציאָנעלער סביבה אין מיין היימשטאָט.

ווען ס'איז אָנגעקומען די צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, בין איך געווען ווייט פון מיין היים. איינער אַליין, אָן אַ קרוב און אָן אַ גואל, אין אַ פרעמדער שטאָט, אין אַ וועלט פול מיט סכנות. יונג בין איך געווען און נאַאיוו בין איך געווען און מיין מוח איז נאָך געווען פול מיט קינדישפרימיטיווער אמונה אין רבונו־של־עולם. אין שווערע מינוטן, ווען דאָס האַרץ האָט געצאַפּלט, איז מיין איינציקע טרייסט געווען אַ מין תפילה צו גאָט, אַז ער זאָל זיך מרחם זיין אויף מיר און מיר קומען צו הילף. איך בין געווען זיכער, אַז ער הערט זיך צו מיר צו און וועט דערפילן מיינע בקשות.

און ניט נאָר סכנות פון קריג און מהומות האָבן פאַראומערט מיין געַ־מיט. נאָך גרעסער איז געווען דער צער פון בענקשאַפט אַהיים, וואָס האָט געשניטן מיין האַרץ. עס האָט געפעלט דער צאַרטער מאַמעשער בליק און דאָס קלוגע פאָטערלעכע וואָרט. גרויס איז דעריבער געווען מיין שמחה, ווען ווינטערצייט 1917 איז פּלוצלונג געקומען צו מיר מיין טאַטע אין דער רוסישער שטאָט, וואו איך האָב זיך געלערנט.

מיין פרייד האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. דער טאַטע האָט זיך שטאַרק צוגעקילט און געקראַגן גרויסע היץ. די דאָקטאָרישע הילף האָט ניט געפירט צו קיין בעסערונג. ער איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער. איך בין ניט אַפּגעטראָטן פון זיין בעט.

מיר האָבן איין מאָל צו אים איינגעלאַדן גאָר אַ גרויסן דאָקטאָר. ער האָט אונטערזוכט דעם טאַטן און איך האָב געהערט, ווי ער האָט געזאָגט צו די אַרומיקע, אַז ער קאָן דעם חולה מיט גאָרנישט העלפן. ערשט דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די לאַגע פון מיין טאַטן איז אַ געפערלעכע. איך האָב נאָך אָבער אַלץ ניט פאַרלאָרן מיין האָפענונג, מחמת פאַר מיר האָט נאָך עקסיסטירט אַ העכערע אינסטאַנץ, צו וועלכער איך קען זיך ווענדן נאָך רחמים, און געהאָפט, אַז מען וועט מיר ניט אָפּזאָגן.

איך בין אַריין אין אַ קליין צימערל און אָנגעהויבן צו זאָגן תהילים. עטלעכע קאַפּיטלעך, וואָס זיינען מיר געווען צום האַרצן, האָב איך געזאָגט צו עטלעכע מאָל. ווען איך בין אין גאַנצן באַהערשט געוואָרן פון דבקות־דיקער פאַרצווייפלונג און טרערן האָבן ניט אויפגעהערט זיך צו גיסן, האָב איך אַוועקגעלייגט דעם תהילים און מיט אייגענע ווערטער אמונהדיק אַרויס־געבליפּעט: רבונו־של־עולם, איך זע, אַז דו קלייבסט זיך צוצונעמען פון אונדז דעם טאַטן. מסתמא דאַרף אַזוי זיין, מסתמא דאַרף אונדזער משפחה ברענגען פאַר דיר אַ קרבן. אויב דו ווילסט צונעמען מיין טאַטן, וועט מיין מאַמע בלייבן אַן אַלמנה און צען קינדער וועלן בלייבן יתומים. איך בעט דיך, טו ניט אָפּ דעם חסד פון אונדזער משפחה און אנשטאָט מיין טאַטן נעם מיך צו...

דער אייבערשטער האָט, קענטיק, ניט געוואָלט בייטן זיין גזר־דין. מיין טאַטע איז געשטאָרבן דעם זעלבן טאָג.

יענעם טאָג האָט אויך מיין גרויסע אמונה אין גאָט אָנגעהויבן שטאַרבן.

צוויי מלאכים

אין 1928 האָבן מיר באַקומען אַן איינלאַדונג פון אונדזער מחותנתטע שרה קאַפּלינסקי פון סלאָנים צו קומען פאַרברענגען דעם זומער אין זייער אייגענעם וואַלד. מיין שוועסטער שיפרה האָט גלייך אָנגענומען די איינלאַדונג און איז אַוועקגעפאָרן צו די קאַפּלינסקיס.

איך מיט מיין ברודער זיינען געבליבן אין ווילנע, וואו מיר האָבן גע־מוזט זוכן אַן עצה, ווי צו שאַפן נדן פאַר דער שוועסטער, וועלכע איז דעמאָלט פונקט געוואָרן אַ כלה. אונדזער לאַגע איז געווען זייער אַ שלעכטע. מיר זיינען אַרומגעגאַנגען ווי אָן קעפּ. אין יענער צייט איז חתונה מאַכן אַ מיידל געווען אַן ערנסטע פּראָבלעם. מיר האָבן פאַרקויפט דער מאַמעס צירונג און דעם טאַטנס ביבליאָטעק, וואָס איז באַשטאַנען פון זעלטענע, זייער טייערע ספרים.

דערווייל איז די שוועסטער געקומען צוריק פון סלאָנים, זי איז געווען גליקלעך און צופרידן פון איר באַזוך. זי האָט געהאַלטן אין איין דערציילן, וואָס פאַר אַ פיינע און איידעלע מענטשן עס זיינען די קאַפּלינסקיס און אַז זיי האָבן זי באַהאַנדלט ווי אַן אייגענע טאָכטער.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אָנגעקומען אַ בריוו פון שרה קאַפּלינסקי, אין וועלכן זי האָט מיך געבעטן למען השם צו קומען קיין סלאָנים, זיי ווילן זיך מיט מיר דורכריידן וועגן אַ וויכטיקן ענין.

איך האָב די איינלאַדונג אָנגענומען. די באַלעבאָסטע פון סלאָנימער האָ־טעל, וואו איך בין אַריינגעפאָרן, האָט מיר געזאָגט, אַז שרה איז אַ פרוי איינע אין אַ מדינה. זי האַלט אין איין זוכן קראַנקע, אָרעמע, נויטבאַדערפטיקע און העלפט זיי מיט וואָס זי קען נאָר. קיין זאַך איז פאַר איר ניט צו שווער, אַבי צו העלפן ליידנדיקע מענטשן. דעריבער רופן זיי זי אין סלאָנים „דער

מלאך״. דער איבערשטער צאָלט איר אָפּ פאַר אירע מעשים טובים: זי האָט אַ פיינעם גאַטספּאַרכטיקן מאַן, וועלכער גיט איר צו מוט צו העלפן מענטשן. די קינדער אירע זיינען אַלע אידל און שיין. קיין געלט פעלט זיי אויך ניט. זיי זיינען גאָט צו דאַנקען זייער פאַרמעגלעכע מענטשן.

אַז איך בין געקומען צו די קאַפּלינסקיס, איז שוין געווען אָוונט. זיי האָבן מיך גענומען פונאַנדערפרעגן, וואָס איז מיט שיפרהן און פאַר וואָס לייגן מיר אָפּ די חתונה?

איך האָב זיי דערציילט, אַז ס׳פעלט מיר נאָך געלט צום נדן און ווען איך וועל דאָס איינקאַסירן, וועט זי דעמאָלט חתונה האָבן.

„וויפל געלט פעלט נאָך אייך צום נדן?״ האָבן די קאַפּלינסקיס ביי מיר געפרעגט.

„מיר פעלט נאָך אַן אַכט הונדערט דאָלאַר״, האָב איך זיי געענטפערט. די קאַפּלינסקיס האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ געוויסער פאַרוואונדערונג, ווייל אין יענער צייט איז אַכט הונדערט דאָלאַר געווען אַ שלל מיט געלט.

„גוט״, האָט געזאָגט קאַפּלינסקי, „מיר זיינען גרייט אייך אויסצולייען די אַכט הונדערט דאָלאַר און ווען איר וועט האָבן, וועט איר אונדז צוריק־געבן״.

דערהערנדיק די ווערטער בין איך געוואָרן אין גאַנצן צעטומלט. ווי ס׳איז מיר דעמאָלט געווען שלעכט, איז מיר אָבער געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. ס״זיינען נאָך פאַראַן אויף דער וועלט, האָב איך געטראַכט, נאָבעלע מענטשן. איך האָב באַטראַכט די קאַפּלינסקיס און איך האָב דערזען, אַז איך זיץ דאָ ניט מיט איינעם, נאָר מיט צוויי מלאכים.

איך האָב באַנומען, אַז פאַקטיש לייגן זיי מיר פאָר אַ נדבה, ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין אויסזיכטן אויף אַ מעגלעכקייט זיי אומצוקערן דאָס געלט. דער געדאַנק האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז עס פּאַסט ניט פאַר מיר צו נעמען אַ נדבה. איך בין בייגעשטאַנען אַ גרויסן נסיון. איך האָב האַרציק באַדאַנקט די קאַפּלינסקיס און זיך אָפּגעזאָגט פון דער הלוואה.

אויף מאָרגן אין דער פרי בין איך צוריקגעפאָרן קיין ווילנע. איך האָב וועגן אַלץ דערציילט מיין שוועסטער און מיין ברודער. זיי האָבן מיר ניט געקענט מוחל זיין, פאַר וואָס איך האָב אַזוי געהאַנדלט. „ס׳טייטש״, האָט דער ברודער געטענהט, „אַז מיר טרינקען זיך און עס האָט זיך געמאַכט

אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען, האָסטו צוליב דיינע באַרישע קאַפּריזן ניט אויסגענוצט די געלעגנהייט. מיר וואָלטן דאָך זייער געלט ניט אויפגעגעסן און מיט דער צייט וואָלטן מיר זיי אויסגעצאָלט". איך האָב זיך געפילט שולדיק, אַזוי ווי איך וואָלט אָפּגעטאָן דעם גרעסטן פאַרברעכן. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ניט צוגעמאַכט קיין אויג.

אין דער פרי איז אָנגעקומען פאַר מיר אַ רעגיסטרירטער בריוו. דער בריוו איז געווען פון די קאַפּלינסקיס. און אין אים זיינען געווען... אַכט הונדערט דאָלאַר.

אין דער צייט פון היטלער־חורבן האָבן אויך די בעסטע — און אפשר גראָד זיי — ניט געקענט אויסמיידן דעם ביטערן יידישן גורל. דער שוואַכער קאַפּלינסקי האָט נאָך געהאַט די זכיה צו שטאַרבן חול־המועד פסח, 1940, אויף זיין אייגענעם בעט, אַרומגערינגלט מיט דער ליבע און וואַרעמקייט פון דער משפחה און נאָענטע פריינד.

שרה קאַפּלינסקי מיט אירע קינדער זיינען אַריינגעפאַלן אין סלאָנימער געטאָ. זי איז געווען אין גאַנצן צעבראָכן. לעבן־געבליבענע עדות פון געטאָ האָבן מיר דערציילט, אַז שרה האָט ניט געקענט צוזען דעם צער פון די הונגעריקע יידן און זי האָט מיט די לעצטע כוחות אָנגעהויבן צו באַקן ברויט פאַר די הונגעריקע. די דייטשן האָבן אָבער ניט געמאַכט פאַר קיינעם קיין אויסנאַם, און שרה מיט אירע פיר קינדער זיינען אומגעקומען. עס איז פאַרבליבן איין זון, נחום, וועלכער איז היינט אַ באַרימטער פּראָפעסאָר אין תל־אביבער אוניווערסיטעט.

הכנסת־אורחים

דאָס איז געווען אין די דרייסיקער יאָרן. איך בין דורכגעפאָרן הער־מאַנאָוויטש, אַ שטעטעלע די גרייס ווי אַ גענעץ, וואו עס האָבן געלעבט אַ פּאָר צענדליק יידישע משפחות.

מיין פורמאַן האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט קויפן פּאַפּיראָסן און איך בין געזעסן אויפן וואָגן.

אין דעם איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ הויכער ייד, אין די פופציקער, מיט אַ ברייטער באָרד און אַלטמאָדיש געקליידט: אַ היטל מיט אַ דאַשיק, אַ לאַנ־גע קאַפּאָטע און קורצע שטיוול. אויף דער לינקער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גרויסן טלית־זעקל. קאָנטיק, אַז ער איז געגאַנגען פון דאַווענען. ער האָט מיר אָנגעהויבן צו שטעלן פראַגעס:

— אַ ייד?

— יע, אַ ייד.

— נאָט אייך „שלום".

— עליכם שלום.

— וואוהין פאָרט אַ ייד?

— איך פאָר פון לוזשקי קיין דיסנע.

— אויב אַזוי, טאָ קומט אַראָפּ צו מיר, איר וועט עפּעס צובייסן.

— איך דאַנק אייך זייער, איך האָב שוין אָנגעביסן אין לוזשקי — האָב איך געענטפערט.

— איך וויל האָבן אייך פאַר אַן אורח.

דער פורמאַן איז צוגעקומען מיט די פּאַפּיראָסן. הערנדיק אונדזער שמועס, האָט ער אַ זאָג געטאָן: דעם הער מינדעל טאָר מען ניט אָפּזאָגן.

האָב איך שוין ניט געהאַט קיין ברירה און האָב מסכים געווען צו פֿאָרן צום הער מינדעל.

מינדעל איז אַוועק גיך, כמעט ווי געלאָפֿן, און מיר זיינען אים נאָכגעפֿאָרן. ער האָט געעפֿנט די טיר פֿון זיין שטוב און האָט אַ געשריי געטאָן: שרה, שרה, מיר האָבן אורחים, גרייט עפּעס צו צום עסן!

מיר זיינען אַריין אין שטוב. אַלץ איז געווען באַלעבאַטיש און זייער ריין. פֿאָרנט זיינען געשטאַנען עטלעכע פּאָליצעס מיט ספֿרים. שרה האָט אויסגעשפּרייט אַ ווייסן טישטעך איבערן לאַנגן טיש. זי האָט אָנגעשטעלט אַ טיש מיט פֿאַרשיידענע מאכלים און האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן: עסט, עסט, שעמט זיך ניט, ס'איז פֿאַראַן נאָך, און מינדעל פֿלעגט זיך יעדער מינוט אויפֿשטעלן און העלפֿן שרהן דערלאַנגען צום טיש.

איך בין געווען פּשוט איבערראַשט פֿון דער האַרציקער גאַסטפֿריינדלעכקייט צו אַ ווילד־פֿרעמדן מענטשן. די מידה פֿון הכנסת־אורחים, וואָס די תורה דערציילט שוין וועגן אברהם אבינו, איז אַלע מאָל געווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט ביי יידן, אָבער אין אונדזערע טעג, אַפֿילו נאָך פֿאַרן צווייטן וועלטקריג, איז זי דאָך געוואָרן אַלץ ווייניקער אָנזעעוודיק. דעריבער האָט געמאַכט אויף מיר אַזאַ שטאַרקן רושם די הכנסת־אורחימדיקע טאַט פֿון די מינדלס אין אַ שטעטל אַ העק אין דער ווילנער פּראָווינץ.

איר קליינע שטעטעלעך אין דער ליטע, וויפֿל גוטס איז געלעגן אין די הערצער פֿון אייערע אָרעמע יידעלעך?

„יידן שלאָגן דייטשן"

די נגלווייז איז דאָס פאָרן אַהיים אויף פסח פאַר מיר געווען אַ גרויס פאַרגעניגן. איך פלעג באַצייטנס שוין אָנהייבן ציילן די טעג און שפּעטער די שעהן, וואָס זיינען מיר נאָך פאַרבליבן ביזן פאָרן. פּסח פאַלט אויס אין דער שענסטער צייט פון יאָר, אין פרילינג, ווען אַלץ וועקט זיך אויף צום לעבן, אַפילו די מענטשן פון שטעטל ווערן מונטערער און אויפגעלעבט. אונדזער שטוב איז אויסגעווייסט, ציכטיק און העל באַלויכטן. צום סדר זיינען אַלע אויסגעפּוצט אין נייע בגדים. דער טאַטע ווי אַ פּאַטריאַרך פאַרנעמט דעם אייבנאָן, די מאַמע שיינט פון גליק. אַרום דריי לאַנגע טישן זיצן די צען קינדער, געסט און אורחים. מיין האַרץ איז פול מיט יוגנט־לעכער פרייד.

אין 1918 האָט זיך די לאַגע אין גאַנצן געביטן. איך פאָר אַהיים אָן חשק און אָן התלהבות. דער טאַטע איז שוין ניטאָ. די עלטערע קינדער זיינען זיך צעפאָרן. די מאַמע איז געוואָרן אַלט און צעבראָכן צוליבן טאַטנס טויט. די קינדער זיינען איר ליב און טייער, דער טאַטע איז אָבער געווען דער אינהאַלט פון איר לעבן, איר שטאַלץ. ער האָט געפירט די מסחרים און זיך פאַרנומען מיט דער דערציאונג פון די קינדער. ווען דער טאַטע פלעגט זיצן און לערנען, איז די מאַמע געווען גליקלעך. זי האָט אויפגעפּאַסט, אַז עס זאָל זיין שטיל אין שטוב, מען זאָל אים, חלילה, ניט שטערן אין לערנען.

קיינער פון די שטוביקע וויל ניט אַרויסווייזן זיין אומעט, וואָס דריקט אויפן האַרצן. ס'איז דאָס ערשטע מאָל, ווען אונדזער משפּחה זיצט פּסח אַ פאַריתומטע. ס'איז געפאַלן די קרוין פון דער פאַמיליע און דער „סדר" וועט מוזן אָנגעפירט ווערן שוין פון אָן אַנדערן. איך האָב געטראַכט, אַז צו צעשטרייען דעם אומעט, וואָלט אפשר געווען גוט צו פאַרבעטן צום

„סדר" איינעם פון די יידישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער דייטשער אַרמיי, וואָס האָט דעמאָלט אָקופּירט אונדזער שטעטל. מיין מאַמע האָט מסכים געווען מיט מיר און האָט מיך געהייסן ברענגען אַ יידישן סאָל־דאַט אויף פּסח.

אַ סאָלדאַט האָט מיך צוגעפירט צום דייטשישן אָפיצער און איך האָב אים דערקלערט נאָך וואָס איך בין געקומען. ער האָט גלייך פאַראַרדנט, אַז מען זאָל ברענגען אַלע יידישע סאָלדאַטן. אין עטלעכע מינוט אַרום זיינען שוין געשטאַנען פאַר אים עלף יידישע סאָלדאַטן. ער האָט זיי איבערגעגעבן דעם ציל פון מיין קומען אַהער. די יידישע סאָלדאַטן זיינען געווען צופרידן מיט דער בשורה און יעדערער פון זיי איז צוגעגאַנגען צו מיר זיך באַגריסן. איך בין אָבער געווען דערשלאָגן: וואו וועלן מיר זיך אַהינטאָן מיט עלף סאָלדאַטן און וואָס וועלן מיר זיי געבן עסן?

אָבער קיין אַנדער אויסוועג איז שוין ניט געווען. איך האָב באַשלאָסן צו נעמען אַלע עלף סאָלדאַטן מיט זיך און דערנאָך וועט מען זען, וואָס צו טאָן. ווי נאָר מיר האָבן זיך דערנענטערט צום שטעטלשן מאַרק, איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ ייד און געפרעגט, וואו איך פיר די סאָלדאַטן. איך האָב אים געענטפערט, אַז דאָס זיינען יידן און איך פיר זיי צו אונדז צו די סדרים. „גיב מיר איינעם", האָט ער אַ זאָג געטאָן. — „גוט, נעמט".

ס'איז באַלד צוגעקומען אַ צווייטער און דריטער. אַז די שטעטלשע יידן האָבן דערהערט, אַז מען „טיילט" דאָ סאָלדאַטן אויף פּסח, האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן ווי אומטערגעשאָסענע. יעדערער האָט געוואָלט כאַפּן אַ סאָל־דאַט. ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַ שטופּעריי און אַ רייסעניש. ביי די סאָלדאַטן זיינען אַראָפּגעפאַלן די היטלען און איינער איז אַפילו געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעריסענעם אַרבל. ווען אַ ראַקעווער ייד האָט נאָר אַ געלעגנהייט מקיים צו זיין די מצווה פון הכנסת אורחים, וויל ער עס ניט דורכלאָזן.

די שטופּעניש און רייסעניש אַרום די יידישע סאָלדאַטן האָבן פאַר אַ פרעמדן געקענט אויסזען, כאילו יידן שלאָגן דייטשע סאָלדאַטן. אַזוי האָט עס טאַקע אויסגעזען אין די אויגן פון די שטעטלשע קריסטן. יענע זיינען תיכף אַוועקגעלאָפן צו די דייטשן און זיי דערציילט, אַז יידן שלאָגן דייטשע סאָלדאַטן אויפן מאַרק.

דער אָפיצער האָט גלייך באַוואָפנט זיינע סאָלדאַטן און זיי זיינען גע־

קומען ראַטעווען די דייטשע סאָלדאַטן. ווי נאָר די יידן האָבן דערזען די דייטשן, האָבן זיי זיך דערשראָקן און זיך אויפגעהערט צו שטופּן. דער אָפיצער איז צוגעגאַנגען צו די יידישע סאָלדאַטן און זיי געפרעגט, וואָס דאָ קומט פאָר. זיי האָבן אים דערקלערט, אַז ס'איז אַנגעלאָפן אַן עולם יידן און יעדערער וויל נעמען צו זיך אַ סאָלדאַט אויף פּסח. דעמאָלט האָט דער אָפיצער זיך באַרואיקט און פאַראָרדנט, אַז יעדער סאָלדאַט זאָל אויסקלייבן אַ יידן און מיטגיין מיט אים.

אין דעם גאַנצן טומל האָט זיך דערוויל מיין גאַנצער אויפטו פאַר זיך געענדיקט מיט גאָרנישט: איך בין געבליבן אַן אַ סאָלדאַט, און מיר האָבן שוין געמוזט פּראַווען די סדרים ניט נאָר אָן טאַטן, נאָר אויך אָן אַן אורח.

פּאָליאַקן באַפאַלן יידן

אין יאָר 1919 האָט פּוילן מלחמה געהאַלטן מיט רוסלאַנד. די פּאָליאַקן האָבן שוין דעמאָלט געהאַט פאַרנומען גאַנץ פּוילן און אַ טייל ווייס־רוסלאַנד. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אין שטעטעלע איוויע, ניט גאָר ווייט פון ראַקעוו. אָבער אין ראַקעוו גופא איז דאָס לעבן אָנגעגאַנגען נאָרמאַל און רואיק. פון דער פאַרנומענער פּוילישער זייט זיינען דערגאַנגען קלאַנ־גען, אַז די פּאָליאַקן באַציִען זיך ברוטאַל צו די יידן. די ראַקעווער יידן האָבן גערעכנט, אַז די רוסן וועלן שוין מער ניט אָפּטרעטן, זיינען זיי ניט געווען פיל באַזאָרגט וועגן דעם.

ס׳איז געווען אַ הייסער זומערדיקער טאָג. די זון האָט געברענט. קרעמערס זיינען געשטאַנען לעבן זייערע קראָמען און אויסגעקוקט אויף אַ קונה, אַנדערע האָבן אַריינגעקוקט אין אַ ספר און נאָך אַנדערע האָבן זיך איינגעמושטשעט אין אַ זאַק גרויפּן אין זייער קראָם און גאָר געכאַפּט אַ דרעמל.

אויפן מאַרק האָבן זיך אַרומגעדרייט דאָרפישע שיקסעס מיט ווייסע קאָפּטיכלעך, אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן טעלערלעך מיט יאַגדעס אָדער שוועמלעך. זיי האָבן שוין אויך געוואָלט פּטור ווערן פון זייער סחורה און גיין וואָס גיכער אַהיים.

פּלוצלונג איז די שטעטלשע אידיליע צערונען געוואָרן. פון ווילנער גאַס האָבן זיך ווי אַ וויכער איבערן מאַרק אַריבערגעטראָגן אַ צענדליק פּוילישע קאַוואַלעריסטן. זיי האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט, נאָר זיינען גע־לאָפן ווייטער.

יידן האָבן זיך גלייך דערשראָקן. די קרעמערס האָבן גענומען אויף גיך צומאַכן די קראָמען און די ווייבער, וואָס זיינען געזעסן אויף די בריקלעך, זיינען גיך זיך צעלאָפן אַהיים.

דער מאַרק איז געוואָרן פּוסט, ווי אויסגעשטאָרבן. איבער די פענצ־טערס האָט מען אַראָפּגעלאָזן די פאָרהאַנגען און דורך די שפּעלטלעך האָט מען געקוקט אויפן מאַרק און אַנדערע גאַסן.

ערשט פאַר נאַכט צו האָט אין ראַקעוו אַריינגעמאַרשירט אַ פּוילישער פּאָלק סאָלדאַטן. מען האָט געזאָגט, אַז דאָס זיינען פּאָזנאַנטשיקעס. ווי נאָר זיי זיינען אַריינגעקומען, האָבן זיי גלייך גענומען שלאָגן יידן, שניידן בערד און ראַבירן יידיש פאַרמעגן.

אין די רייכערע יידישע הייזער האָט מען געבראַכט צום וואוינען פּוילישע אָפיצערן. יידן זיינען געקומען צו זיי בעטן רחמים, אַז זיי זאָלן באַפעלן זייערע סאָלדאַטן זיך ניט צו איזדיעקעווען איבער די יידן. די אָפיצערן האָבן אָבער געענטפערט, אַז בשעת זיי זיינען געגאַנגען אַהער, זיינען זיי אין וואַלד באַפאַלן געוואָרן דורך יידן, וועלכע האָבן געשאָסן אויף זיי, על־כן איז ניט קיין עוולה, ווען די סאָלדאַטן ווילן זיך אַ ביסל אָפּרעכענען מיט די היגע יידן.

גראָד אין אָט דער מהומה איז געשטאָרבן אונדזער מאַמע. גיין איבער

די גאַסן, צו דער לוויה, איז דעמאָלט געווען אַ מסירת־נפש. מיר זיינען אָבער אַלע געגאַנגען. די פּאָליאַקן האָבן, אמת, אונדז טאַקע ניט געשלאָגן, נאָר זיי האָבן געהאַלטן אין איין איבערקרימען אונדז, ווי מיר וויינען. זיי האָבן געמאַכט חוזק פון אונדז אַזוי, ווי ס'וואָלט פאָרגעקומען ניט קיין לוויה, נאָר עפּעס אַ שמחה. זייער חוצפּה וועל איך קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

דאָס אָפּרעכענען זיך מיט די ראַקעווער יידן האָט געדויערט אַ פּאָר וואָכן. די סאָלדאַטן זיינען אַוועק ווייטער און איבערגעלאָזן דאָס שטעטל ווי נאָך אַ פּאָגראָם.

„וואַרפט מיך אַראָפּ!״

אין 1915 האָבן די רוסן געליטן גרויסע מפּלות אויף די פראָנטן. אַלע שפּיטאָלן זיינען געווען פאַרפּלייצט מיט פאַרוואונדעטע.

דער דירעקטאָר פון אונדזער שול האָט געהאַלטן פאַר אונדז אַ פּאַטריאָטישע רעדע און געזאָגט, אַז היות עס פעלן פלעצער פאַר די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, לייגט ער פאָר, אַז מיר זאָלן באַפרייען צוויי צימערן אין אונדזער שול און דאָרט איינאָרדענען אַ שפּיטאָל.

דער פּראָיעקט איז אונדז אַלעמען געפעלן געוואָרן און מיר זיינען גלייך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און דער שפּיטאָל איז געווען פאַרטיק. ווען די פאַרוואונדעטע האָבן געדאַרפט אָנקומען, זיינען מיר אַוועקגעגאַנגען מיט טראָגבעטלעך צו דער באַנסטאַנציע.

די שטימונג איז ביי אונדז געווען אַ געהויבענע. מיר האָבן געפילט, אַז מיר גייען דערפילן אונדזער פּאַטריאָטישן און הומאַניטאַרן חוב. ווען די באַן איז אָנגעקומען און די סאַניטאַרן האָבן גענומען אַראָפּטראָגן די פאַר־וואונדעטע און זיי אויסלייגן אויף די בעטלעך, וואָס מיר האָבן געדאַרפט טראָגן אין שפּיטאָל, האָט מען אויפן טראָגבעטל, וואָס איך מיט מיין יידישן חבר האָט געדאַרפט טראָגן, אַרויפגעלייגט אַ יונגיטשקן סאָלדאַט מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ. איך און מיין חבר האָבן צערטלעך און מיט זאָרג זיך באַמיט צו מאַכן באַקוועמער זיין געלעגער און מיר האָבן אים מכבד געווען מיט שאָקאָלאַד.

פאַר אונדז, צוויי ייִנגלעך, איז געווען צו שווער אים צו טראָגן און איך האָב מיין חבר פאָרגעלייגט, אויף יידיש, אַז מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן און זיך אַ ביסל אָפּרוען. ווען דער פאַרוואונדעטער האָט דערהערט, אַז איך רייד יידיש, האָט ער זיך גענומען וואַרפן ווי אין אַ קאָנוואולסיע און גענומען שרייען הויך אויפן קול: „איך וויל ניט זשידעס זאָלן מיך טראָגן, וואַרפט מיך שוין אַראָפּ!" ס'איז אַנטשטאַנען אַ טומל, דער דירעקטאָר האָט צוגע־רופן צוויי קריסטלעכע שילערס און געהייסן זיי טראָגן דעם פאַרוואונדעטן.

אַנטוישטע און באַליידיקטע, מיט טרערן אין די אויגן, האָבן מיר זיך אָװעקגעזעצט, איך מיט מיין חבר, און אַ לענגערע צייט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

ווי גרויס דאַרף זיין די שנאה צו יידן, ווען אַפילו מיט אַ פאַרבאַנ־דאַזשירטן פאַרבלוטיקטן קאָפּ וויל אַ גוי ניט אָננעמען די הילף פון אחינו בני ישראל?

אַ דאַנק פון אַ פּאָליאַק

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מיין רוסישע שול מיך געשיקט אויף פּראַקטישער אַרבעט אין אַ הידראָ־טעכנישן אָפּטייל ביט ווייט פון דייטש־רוסישן פראָנט. איך האָב דאָרטן געפונען צענדליקער רוסישע פּראַק־טיקאַנטן. מיר האָבן געאַרבעט און געלעבט צוזאַמען.

געחברט האָב איך זיך בעיקר מיט איינעם פון זיי, קאזיק ראַטייסקי. ער איז געווען אַ פּליט פון פּוילן. אַ שיינער און גוט־דערצויגענער שייגעץ, אַ זון פון רייכע פּוילישע פּריצים. מיר האָבן ביידע געוואוינט אין איין צימער. מיט דער צייט האָבן מיר זיך אַזוי גוט צוזאַמענגעלעבט, אַז אַלץ איז ביי אונדז געוואָרן שותפותדיק.

אין די אַרומיקע הויפן זיינען נאָך געזעסן די פּוילישע פּריצים און אָנגעפירט מיט זייערווירטשאַפט. קאזיק האָט זיך מיט זיי באַפריינדט און פלעגט זיי אָפט באַזוכן.

איין מאָל איז קאזיק אַוועקגעפאָרן און האָט זיך פאַרהאַלטן דאָרטן לענגער ווי געוויינלעך. איך בין געוואָרן אומרואיק, האָב איך געהייסן דעם באַדינער אָנזאַטלען דריי פערד און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן נאָך קאזיקן.

איך בין ניט אַריין אין הויז פון פּריץ, וואו קאזיק האָט פאַרבראַכט, נאָר געבעטן אים אַרויסרופן. קאזיק איז אַרויס אַ ביסל אָנגעשיכורט און עפּעס ניט צופרידן. איך האָב אים דערציילט די סיבה, הלמאי איך בין געקומען אַהער.

קאזיק האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט די בעלי־בתים און מיר זיינען אַוועק צו די פערד. איך בין געגאַנגען פאָרויס און קאזיק הינטער מיר. פּלוצלונג האָב איך דערשפּירט אַ שטאַרקן זעץ אין קאָפּ, דאָס איז געווען אַ „מתנה" פון מיין טייערן פּוילישן חבר.

איך האָב געפילט, אַז דאָס האָט קאזיק ניט אַ קלאָפּ געטאָן זיין חבר, נאָר דאָס האָט אַ פּאָליאַק געשלאָגן אַ יידן, וואָס האָט זיך דערלויבט צו שטערן זיין געמיטלעכן וויזיט אין אַ פּריציש הויז.

נאָך דער דאָזיקער פּאַסירונג האָב איך שוין געהאַט ווייניק צו טאָן מיט קאַזיקן, כאָטש מיר האָבן נאָך געוואוינט אין איין צימער.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אַן אָנגריף אויף אונדזער פּראָנטאָפּשניט און אונדזער אָרטשאַפט האָט יעדער טאָג געקענט אַריינפאַלן אין זייערע הענט. ס'איז געוואָרן אַ בהלה. די אָפיצערן און די אינזשינערן זיינען זיך צעלאָפן און אונדז געהייסן טאָן, וואָס מיר ווילן.

איך האָב איינגעשפּאַנט אַ פּאָר פערד און באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים. מיטן באַן האָט מען שוין ניט געקענט פאָרן.

ווען איך בין שוין געזעסן אויפן וואָגן, איז צו מיר צוגעקומען קאזיק און מיט אַ פאַלשן שמייכל אויף זיין פּנים האָט ער מיר געזאָגט: „דו פאָרסט אַוועק און מיך לאָזסטו דאָ איבער אַליין. נעם מיך אויך מיט". איך האָב ניט געהאַט קיין האַרץ אים אָפּצוזאָגן.

אין שטוב ביי אונדז האָט זיך קאזיק געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. ער האָט געגעסן און געטרונקען און געהאַלטן אין איין חנפענען יעדערן.

ווען די דייטשן זיינען אַריין אויך אין מיין היימשטעטל, האָט קאזיק באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים, קיין פּוילן. ער האָט וויפל מאָל מיר געגעבן אָנ־צוהערן, אַז ער קען ניט אַראָפּפאָרן אַהיים אין די אַלטע בגדים און אָן אַ האַנטזייגערל. האָבן מיר גענומען און אים אויפגעפּוצט ווי אַ פּריץ און אים געקויפט אַפילו אַ האַנטזייגערל.

קאזיק איז געווען זייער צופרידן און אונדז וואַרעם באַדאַנקט. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט קומען אַהיים, וועט ער גלייך אָפּשיקן דאָס געלט, וואָס מיין מאַמע האָט אויסגעלייגט פאַר אים פאַר די אַלע איינגע־קויפטע זאַכן.

קאזיק איז אַוועקגעפאָרן און איז פאַרשוואונדן ווי אין וואַסער אַריין.

ביים סוף ערשטן וועלטקריג איז אונדזער שטעטל פאַרנומען געוואָרן דורך די פּאָליאַקן. דער ערשטער ברוך־הבא זייערער איז געווען אַ פּאָגראָם אויף יידן. אַ וואָך צייט נאָך אַנאַנד האָבן זיי זיך געלאָזן וואוילגיין. זיי האָבן ראַבירט הייזער, קראָמען און געממית אַלט און יונג.

ווען ס'איז געוואָרן אַ ביסל רואיקער, איז צו מיר געקומען אַ יונגער ווייסרוס פון אונדזער שטעטל, וועלכער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט מיר און קאזיקן. ער האָט מיר דערציילט, אַז נעכטן איז געווען ביי אים קאזיק. ער איז אַן אָפיצער אין דער פוילישער אַרמיי. זיי האָבן פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג. פאַרן אַוועקפאָרן האָט ער פאַרגעלייגט קאזיקן צו קומען מיך געוואָר ווערן. קאזיק האָט זיך אָפּגעזאָגט און צוגעגעבן, אַז ביי אים זיינען איצט אַזוי שטאַרק געוואָרן זיינע נאַציאָנאַלע געפילן, אַז ער קען אַ יידן גלייך אין די אויגן ניט קוקן...

אַ קאָרעער וועגן יידן

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך געאַרבעט אין אַ הידראָ־טעכנישן אָפּטייל ביי דער רוסישער אַרמיי אויפן דייטשן פראָנט.

אין רוסלאַנד האָבן דעמאָלט אויסגעפעלט אַרבעטערס. ס'פלעגן קומען אַהין כינעזער און קאָרעער אַרבעטן. איך פלעג זיי פאַררעגיסטרירן און פונאַנדערשיקן צו די געהעריקע פונקטן.

אַ מאָל זיינען מיר געזעסן אין קאַנצעלאַריע, אָפיצערן און אינזשינערן, אויסער מיר אַלע רוסן, און האָבן געכאַפּט אַ געמיטלעכן שמועס. אין מיטן איז אַריינגעקומען אַ פרישער קאָרעער. היות איך בין גראָד געווען אויפגע־לייגט, האָב איך אים געשטעלט אַ פּאָר זייטיקע פראַגעס. די איבעריקע האָבן זיך צוגעהערט צו אונדזער שמועס:

— ווי לאַנג ביסטו פון קאָרעע?

— אַ, שוין דריי וואָכן, די גאַנצע צייט געפאָרן אין וואַגאָן.

— ווי געפעלט דיר רוסלאַנד?

— אָ, רוסלאַנד געפעלט מיר זייער, אַ פיין לאַנד.

— ווי געפעלן דיר די רוסישע מענטשן?

— אָ, די רוסישע מענטשן געפעלן מיר זייער.

— און ווי געפעלן דיר די יידן?

— אָ, די יידן, זיי זיינען אַ פאַרשאָלטן פאָלק.

דערהערנדיק זיין ענטפער, איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן און איך האָב זיך ניט געקענט מוחל זיין, פאַר וואָס איך האָב אים געשטעלט די לעצטע פראַגע.

ווער האָט זיך געקענט ריכטן אויף אַזאַ אָפּשניט? איך האָב געוואוסט, אַז אין קאָרעע זיינען קיין יידן ניטאָ — טאָ ווי האָט אַ קאָרעער, שוין אין זיינע ערשטע טריט אויף דער רוסישער ערד, געקענט ווערן אַזוי גיך באַווירקט פון דער אַטמאָספער פון שנאה צו יידן?

איינער פון די רוסישע אינזשינערן האָט קענטיק געוואָלט פאַרריכטן מיין מערכה, האָט ער אַ פרעג געטאָן ביי דעם קאָרעער, אָנווייזנדיק אויף מיר: און ווי געפעלט דיר אָט דער מענטש? דער קאָרעער האָט מיך באַטראַכט און האָט געענטפערט: „אָ, ער געפעלט מיר זייער".

— און צי ווייסטו, אַז ער איז אַ ייד? — האָט דער אינזשינער ווידער געפרעגט.

— ס'איז אוממעגלעך — האָט דער קאָרעער געענטפערט.

ער האָט, אַ פנים, זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אַ ייד קען אויסזען און ריידן ווי אַ מענטש.

פאַראַן לענדער, וואו די לופט איז אַזוי פול מיטן גיפט פון שנאה צו יידן, אַז מיטן ערשטן באַריר מיט זיי, ווערט מען גלייך פאַרסמט פון דאָזיקן באַציל.

רוסלאַנד איז איינס פון די דאָזיקע לענדער — אַזוי ביים צאַר, אַזוי ביים באָלשעוויק.

אַ מעשהלע פאַר קינדער

קינדער האָבן זייער ליב צו הערן מעשהלעך. איך מײַנע קינדער האָבן געהאַט אַ שוואַכקייט צו אַזעלכע דערציילונגען.

אין דער פרי, ווען איך פלעג נאָך חלשן שלאָפן, פלעגן זיי זיך אַרײַנכאַפּן צו מיר אין בעט און צושטיין, אַז איך זאָל זיי עפּעס דערציילן. אַ פאַרשלאָפענער פלעג איך זיי אָנהייבן דערציילן ניט קיין געשטויגענע און ניט קיין געפלויגענע געשיכטעלעך. פאַר די קינדער איז אַלץ געווען גוטע סחורה. משמעות, אַז פאַר זיי איז וויכטיקער דאָס הערן ווי דאָס פאַרשטיין. זייער קינדערשע פאַנטאַזיע מאָלט שוין אויס פאַרשיידענע פאַרביקע בילדלעך פון די ווערטער, וואָס זיי הערן.

איין מעשהלע האָט ביי די קינדער מיינע גאָר שטאַרק אויסגענומען. עס איז זיי ניט געוואָרן איבערדריסיק צו הערן עס כמעט יעדער פרימאָרגן. און ווייל די מעשה, וואָס קלינגט ווי אַ פאַבעל, איז ביי מיר פאַרבונדן מיט זיסע זכרונות, וועל איך עס איבערדערציילן נאָך אַ מאָל אין דער פאָרעם, ווי איך האָב דערציילט מיינע קינדער:

שכל האָט אַ האָן און די מעשה הייבט זיך אָן. אַ מאָל, גאָר אין די אַלטע צייטן, פלעגן מענטשן גיין צו פוס פון איין אָרט צום צווייטן. שפּעטער צו האָט זיך דער מענטש אַרומגעזען, אַז צו וואָס זאָל ער פטרן זיינע אייגענע כוחות, ער וועט בעסער כאַפּן אַ חיה, וועט זיך אַרויפזעצן אויף איר און די חיה וועט אים שוין ברענגען וואו נאָר ער דאַרף.

די ערשטע חיה, וואָס דער מענטש האָט פאַרטראַכט צו כאַפּן, איז געווען דער לייב. ער איז דער קייסער פון די חיות, ער איז שטאַרק, פלינק און קלוג.

דער מענטש איז צוגעגאַנגען צום לייב און האָט געוואָלט אַרויפכאַפּן זיך אויף אים און מאַכן די ערשטע נסיעה. דער לייב האָט זיך אָבער פּלינק אַ דריי געטאָן, האָט געגעבן אַ ברום, אַראָפּגעשליידערט דעם מענטשן פון זיך און געוואָלט אים צערייסן אויף שטיקער. קוים אַ לעבעדיקער איז דער מענטש אַנטלאָפן פון לייב און באַשלאָסן מער מיט אים זיך ניט אָנצוהייבן.

האָט דער מענטש פּרובירט מזל מיטן טיגער. דער טיגער איז אָבער נאָך געווען בייזער ווי דער לייב און האָט דעם מענטשן אַפילו ניט צוגעלאָזן צו רייטן אויף זיין קאַרק.

דער מענטש איז אָבער זייער אַ פאַרביסענע באַשעפעניש. אז ער פאַר־טראַכט עפּעס, וועט ער שוין פון דעם ניט אָפּטרעטן. איז ער צוגעגאַנגען צו אַ דריטער חיה. ער האָט זי אַ גלעט געטאָן איבערן פעל און מכבד געווען מיט אַ צוקער־לעקעך. די חיה האָט גוטמוטיק אַראָפּגעלאָזן איר קאָפּ און געקוקט עפּעס נחתדיק אויף דער מאָדנער צווייפיסיקער חיה, וואָס קעכלט זי מיט צוקערלעך. דעמאָלט האָט דער מענטש זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער חיה און מיט די פיס גענומען קלאַפּן איר אין בויך. די חיה האָט זיך געיאָגט פייל פון בויגן און גיך געבראַכט דעם מענטשן צום ביישיקן אָרט.

מען האָט דעמאָלט אַ נאָמען געגעבן די דאָזיקע חיה: פערד. דאָס האָט גע־מיינט: אַ נאַר, אַ גולם. דער נאָמען, ווייזט אויס, וועט פאַרבלייבן פאַרן פערד, כל־זמן ער וועט ניט ווערן קליגער און וועט זיך ניט באַפרייען פון זיין שקלאַפישער באַטור צו פאַרקויפן זיין פרייהייט פאַר אַ צוקערל.

דאָס איז די ענדע פון דער לעגענדע.

אַ מאָל האָב איך געהאָפט, אַז דער מוסר־השכל פון דעם מעשהלע וועט ווען ס'איז צו נוץ קומען מיינע קינדער אין זייער לעבן. איך האָב זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז ס'עקסיסטירן אויף דער וועלט מענטשן־חיות, וועלכע קענען הרגענען יונגע אומשולדיקע קינדער, כדי צו באַפרידיקן זייער בלוטדורשטיקע אינסטינקטן.

אונטער די סאָוועטן

אַ סדר מיט „גויים"

פּאַסירט האָט דאָס אין 1920 אין רוסלאַנד. איך בין געווען זייער דער־שלאָגן, וואָס היי־יאָר וועל איך ניט קענען פאָרן אַהיים אויף פּסח און אָנשטאָט פּראַווען די סדרים אין אַ היימישער סביבה, וועל איך דאַרפן זיצן איינער אַליין אין מיין צימער.

די באַלעבאַטים פון דער דירה זיינען געווען אַ קריסטלעך פּאָרפאָלק אין די פערציקער. ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָב איך זיך אַריינ־געצויגן צו זיי און געפילט זיך ניט שלעכט. צופעליק האָב איך זיך דער־וואוסט, אַז זיי הייסן גערשאַנאָוויטש. ס'האָט מיך שטאַרק געוואונדערט, ווי ווי אַזוי קומט דאָס צו קריסטן אַן עכט־יידישער פאַמיליע־נאָמען.

אין דער פרי פלעגן די גערשאַנאָוויטשעס אָוועקגיין צו דער אַרבעט און נאָך מיטאָג קומען צוריק. צו מיר האָבן זיי זיך באַצויגן גאַנץ פריינד־לעך, אָבער איך בין געווען מיט זיי פון דער ווייטנס, ווייל מיר האָט זיך עפּעס געדוכט, אַז זיי זיינען משומדים.

זייער אָפט פלעגן זיי מיך איינלאַדן צו זיך אויף אַ גלעזל טיי. מיר פלעגן שמועסן וועגן פאַרשיידענע זאַכן, אָבער קיין מאָל ניט אָנגערירט קיין יידישע פּראָבלעמען. זיי פלעגן מיר דערציילן זייער אינטערעסאַנטע פּאַסירונגען פון זייער לעבן.

ער, נאָך זייענדיק גאָר אַ יונגער בחור, איז אַריינגעטראָטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער פלעגט אויספילן די געפערלעכסטע פונק־ציעס. צום סוף האָט מען אים געכאַפּט און פאַרשיקט קיין סאַכאַלין. דאָרט האָט ער חתונה געהאַט מיט זיין ווייב. די רעוואָלוציע אין 1917 האָט זיי

באַפּרייט. מען האָט זיי געבראַכט צוריק און אָנגעפּאַרטרויט זיי גאָר הויכע שטעלעס.

איין מאָל, זיצנדיק ביי זיי, האָט זיך ביי מיר ניט ווילנדיק אַרויסגע־רעדט, אַז היי־יאָר איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, אַז איך זאָל ניט פאָרן אַהיים און בלייבן פּסח אין דער פרעמד.

דערהערנדיק דאָס, האָט מיך גערשאַנאָוויטש געבעטן אַריינגיין אין אַ טונקעלן צימער. ער האָט פון מיר פאַרלאַנגט אַן ערנוואָרט, אַז וואָס ער וועט מיר זאָגן, וועט בלייבן צווישן אונדז אַ סוד. ער האָט מיר פאַרטרויט, אַז שוין זעכצן יאָר ווי ער פּראַוועט ניט קיין סדרים און אַז ער בענקט זייער נאָך דעם, על־כן לייגט ער פאָר, אַז מיר זאָלן דאָ ביי אים דורכפירן דעם „סדר" כדין וכדת.

איך בין נבהל ונשתומם געוואָרן און דערציילט אים, אַז איך האָב גאָר געהאַלטן זיי פאַר גויים אָדער פאַר משומדים.

„איך בין ניט קיין גוי און ניט קיין משומד — האָט גערשאַנאָוויטש געזאָגט — מיין טאַטע איז אַ מאָל געווען אַ ראש־ישיבה און איך האָב גע־לערנט ביי אים אין זיין ישיבה. די לעצטע צוואַנציק יאָר בין איך פאַר־גויאישט געוואָרן, אָבער איצטער האָט זיך גראָד אין מיר דערוועקט אַ בענק־שאַפט נאָכן אַמאָליקן אָרט לעבן".

מיר זיינען צוריק אַריין אין ליכטיקן צימער און ער האָט איבערגע־געבן זיין ווייב אונדזער שמועס. און צו מיר האָט ער געזאָגט: היות אַלע קענען זיי אין שטאָט, איז ריזיקאַליש פאַר זיי צו גיין איינקויפן פּסחדיקע זאַכן, דעריבער בעט ער מיך אַלץ צו באַזאָרגן. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ גרויסע סומע געלט און געבעטן מיך צו קויפן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע.

איך האָב איינגעקויפט נייע טעפּ און געשיר, ווייַן, הגדות, כשר פלייש, פיש און מצות. קיין חרוסת האָב איך ניט געקראָגן. מען האָט מיר אַפילו געזאָגט, אַז מען קען דאָס יע קריגן ערגעץ־וואו ווייט ביי אַ שמש, נאָר איך האָב זיך ניט געוואָלט וואַרפן צו פיל אין די אויגן, ווייל די יעווסעקציע האָט דעמאָלט געבושעוועט אויף די גאַסן. ערב פּסח איז געווען פאַר זיי אַ גאָלדענער סעזאָן.

די פרוי גערשאַנאָוויטש איז געקומען אַהיים פריער, זי האָט פאַר־

קאַשערט די אַרבל און גענומען זיך צו דער אַרבעט. לויט איר אַנווייזונג, האָב איך אַרויסגעצויגן זייערע בעטן פון שלאָפצימער. אין שלאָפצימער זייַנען ניט געווען קיין פענצטערס און מען האָט ניט געדאַרפט מורא האָבן, אַז עמעצער זאָל אונדז באַמערקן, ווי מיר פּראַווען דעם סדר. איך האָב געדעקט דעם טיש מיט אַ ווייסן טישטעך און אָוועקגעשטעלט אַ הסב־בעט און עס צוגעדעקט מיט אַ ווייסן ליילעך.

אַז גערשאָנאָוויטש איז געקומען, האָט ער באַטראַכט דעם צימער און זיין פּנים האָט געלויכטן. ער האָט אַ זאָג געטאָן: „ווסיאָ קאַק פּאָלאָגאַיעטסאַ" (אַלץ ווי ס'דאַרף צו זיין).

שטילערהייט, קיינער זאָל ניט הערן, האָבן מיר געזאָגט די הגדה. מיר האָט זיך געדוכט, אַז מיר זיינען אַן איבערגעבליבן הייפעלע פון די אַמאָליקע אַנוסים.

די ליטווינער קומען אָן

אין יאָר 1939, נאָך דעם ווי די סאָוועטן האָבן פאַרנומען ווילנע און אַ טייל פון פוילן, האָבן זיי צוגעטראָגן די ליטווינער ווי אַ מתנה די שטאָט ווילנע און איר אומגעגנט.

די רוסן, אין משך פון זייער הערשאַפט אונטער די צאַרן, האָבן זיך געסטאַרעט צו רוסיפיצירן ווילנע, די פּאָליאַקן האָבן בעת זייער ממשלה זיך אָנגעשטרענגט צו פּאָלאָניזירן די אַמאָליקע ליטווישע הויפּשטאָט.

אַזוי אַרום איז אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער פאַרבליבן אין ווילנע גאָר אַ קליין הייפעלע ליטווינער.

ווען די ליטווישע חיילות האָבן דעם 28סטן אָקטאָבער, 1939, אַריינ־געמאַרשירט אין שטאָט, איז דאָס פאַר די פּאָליאַקן געווען אַ טרויער־טאָג. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען דערשלאָגענע. דערפאַר האָט די קליינע צאָל ליטווינער טריאומפירט. זיי האָבן געמאַכט אַ „לחיים" און געטאַנצט אין די גאַסן. זיי האָבן זיך געקושט מיט די ליטווישע סאָלדאַטן און זיינע געווען שיכור פון גליק.

ס'קען אָבער, משמעות, ניט זיין קיין אמתע שמחה, ניט לאָזנדיק זיך וואוילגיין איבער יידן, און כטוב לב הגוי ביין, האָבן ליטווינער גענומען שלאָגן יידן אויף די גאַסן. אין שטאָט איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק און די דערשראָקענע יידן האָבן זיך גענומען באַהאַלטן אין זייערע הייזער.

די פאַרביטערטע פּאָליאַקן האָבן זיך גלייך אויסגעמישט מיט די ליטווינער און זיי האָבן אויסגעלאָזן כל חמתם צו די יידן. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין יידישע הייזער, געשלאָגן יידן און צעראַבירט זייער גוטס.

איך בין געשטאַנען ביי אַ פענצטער און צוגעקוקט זיך צום פּאָגראָם אויף ברייטע־גאַס. איך האָב געזען, ווי יונגע כוליגאַנעס פלעגן ברענגען צו שלעפּן פון ערגעץ וואו אַ ייד און דער המון פלעגט אים נעמען שלאָגן מיט די הענט און שטעקנס. אויפן גאַס איז געווען צהלה ושמחה. למען האמת מוז איך צוגעבן, אַז ניט יעדערער האָט זיך באַטייליקט אין שלאָגן די יידן, אָבער אויף קיין איין פּנים האָב איך ניט באַמערקט אַן אויסדרוק פון שאַנד אָדער מיטלייד.

ס'איז אויך כדאַי צו באַמערקן, אַז אין דער צייט פון די אָנפאַלן זיינען דורך דער ברייטע־גאַס דורכגעפאָרן צענדליקער אויטאָס מיט סאָוועטישע מיליטער־לייט. זיי האָבן, צוליב טאַקטישע טעמים ווייזט אויס, זיך ניט געקענט אַריינמישן אין די שטאָטישע אנגעלעגנהייטן. איך בין אָבער זיכער, אַז ס'וואָלט געווען גענוג פאַר זיי זיך צו פאַרהאַלטן אויף איין מינוט, און דער המון וואָלט זיך צעלאָפן. זיי האָבן דאָס אָבער ניט געטאָן און איך האָב פון זייער פּאַסיווקייט דעמאָלט געלערנט אַ געוויסן מוסר־השכל...

לאַוורראָוו

אין 1940 האָב איך אין דער קאָמוניסטישער ווילנע אָנגעפירט מיט אַ מלוכהשער וועשפאַבריק.

אין פאַבריק האָט געהערשט אַ מוסטער־אָרדענונג אין יעדער פּרט.

מיינע ליטווישע דירעקטאָרן, ווען זיי פלעגן וועלן אויספיינען זיך פאַר אַ הויכן גאַסט מיט זייערע אויפטועך, פלעגן זיי אים ברענגען באַווייזן מיין אָנגעפירטע פאַבריק.

איין מאָל איז געקומען אין פאַבריק גאָר אַ געהויבענער גאַסט, איי־נער פון די העכסטע באַאַמטע, וואָס מאָסקווע האָט דעלעגירט קיין ליטע. זיין נאָמען איז געווען לאַוורראָוו. ער האָט זיך אַריינגעלאָזן מיט גאָר אַ גרויסער סוויטע אויף אַן אינספעקציע. מעשה באַלעבאָס איז ער צוגע־גאַנגען צו די פּאַליצעס, האָט אַרויסגעצויגן אַ שאַכטל מיט העמדער, האָט זיי באַקוקט און צוריק אַריינגעשטעלט.

אָבער ווי פּאַסט דאָס פאַר לאַוורראָוון סתם ניט אַרויסצואווייזן פאַר דער גאַנצער סוויטע זיין בקיאות אין פּרייזן און פּראָדוקציע? האָט ער ביי מיר אַ פרעג געטאָן:

— וויפל קאָסט אַזאַ העמד?

— צוואַנציק ליט — האָב איך אים געענטפערט.

— און ווי קאַלקולירסטו דעם פּרייז? — האָט ער מיך ווידער גע־פרעגט.

—די שטאָף קאָסט זעכצן ליט, דאָס אויפנייען צווי ליט, פאַבריק־הוצאות איין ליט און ניט קיין פאַרויסגעזעענע הוצאות 5 פּראָצענט, אויך איין ליט, צוזאַמען צוואַנציק ליט — האָב איך אים געענטפערט.

לאַוורעאַוו האָט געפונען אַ חסרון אין מיין ענטפער:

— איר פאַרגעסט, אַז איר לעבט איצטער אין אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג און איר ווילט זיך ניט אָפּזאָגן פון די קאַפּיטאַליסטישע השגות. ביי אונדז איז אַ העמד פאַרן אַרבעטער און ניט פאַרקערט. מיר באַמיען זיך צו פאַרביליקן די פּראָדוקציע, כדי דער פּראָלעטאַריער זאָל דאָס קענען קויפן און איר סטאַרעט זיך גאָר צו פאַרטייערן דאָס העמד, אַז אַן אַרבעטער זאָל עס ניט קענען קויפן. צו וואָס דאַרף מען נאָך צורעכענען פינף פּראָצענט ניט קיין פאַרויסגעזעענע הוצאות? דאָס איז אַ בורזשואַזע המצאה. ביי אונדז איז יעדער זאַך טייער, נאָר דער טייערסטער מאַטעריאַל איז דער מענטש און מיר דאַרפן זען, אַז ער זאָל וואָס מער הנאה האָבן פון לעבן.

ס'האָט ניט געפּאַסט, און ס'איז אויך געווען אַ רעכט ביסל ריזיקאַליש, זיך אַריינצולאָזן מיט לאַוורעאַוון אין וויכוחים, האָב איך צוגעגעבן, אַז ער איז גערעכט און צוגעזאָגט אים, אַז מער וועלן מיר די פינף פּראָצענט ניט צו־רעכענען.

אָבער די וועשפאַבריק האָט דאָך געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק. ער פלעגט פון צייט צו צייט זיך אַריינלאָזן צו מיר אויף אַ באַזוך, אַזוי אַז עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ געוויסע באַקאַנטשאַפט צווישן אונדזביידן.

די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט איז מיר גאָר גיך צו ניץ געקומען.

איין טאָג האָב איך באַקומען אַ מעלדונג פון פּראָקוראָר, אַז מיר דאַרפן פאַרלאָזן אונדזער דירה אין צוויי טעג און איבערציִען זיך ערגעץ וואו אין אַן עק שטאָט, אין אַ פאַרוואָרפן און אָפּגעלאָזן געסל.

ס'איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן. אין אונדזער דירהלע האָבן מיר שוין געוואוינט פיר יאָר. מיר האָבן געקויפט נייע מעבל און יעדער זאַך איז געשטאַנען אויף איר אָרט. די בשורה האָט מיך געטראָפן ווי אַ דונער.

אַ צעטראָגענער בין איך אַוועקגעלאָפן צום פּראָקוראָר. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן דעם אורטייל, ווייל איך בין אַ הויז־באַזיצער און אַז איך בין געוועזן געזעסן אין טייערע דירות, איצ־טער קען איך זיצן אין אַן ערגערער.

איך האָב פּרובירט אים איבערצייגן, אַז איך האָב קיין מאָל ניט געהאַט קיין הייזער און אויב עמעצער האָט אים דערטראָגן, אַז איך האָב יע אַ הויז, טאָ פאַר וואָס האָט ער ניט אָנגעגעבן דעם אַדרעס פון מיין הויז?

דער פּראָקוראָר איז געוואָרן זייער אויפגעבראַכט פון מיין חוצפּה און האָט מיך געוואָרנט, אַז אויב איך וועל גלייך ניט פאַרלאָזן דעם צי־מער, וועט ער הייסן מיך אַרעסטירן.

לאַווראָוו האָט זיך דערוואוסט וועגן גאַנצן ענין דורך זיין פרוי, וואָס איז געווען דערביי, ווען ס'איז אָנגעקומען די מעלדונג פון פּראָקוראָר. גלייך אויף מאָרגן, ווען איך בין געקומען אין פאַבריק אין דער פרי, האָט געקלונגען דער טעלעפאָן: לאַווראָוו האָט מיך געבעטן קומען גלייך צו אים.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די גאַנצע מיצקעוויטש־גאַס איז גע־ווען פול מיט מענטשן, וואָס זיינען דאָ געשטאַנען אין ריי אויפגענומען צו ווערן פון לאַווראָוון, האָט מען מיך גלייך אַריינגעלאָזן צו אים.

לאַווראָוו האָט מיך באַגעגנט מיט אַ שמייכל. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַפילו זייער פאַרנומען, ס'וואַרטן אויף אים הונדערטער מענטשן, נאָר ער וועט מיט מיר צופאָרן צום פּראָקוראָר.

מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין זיין אויטאָ און מיר זיינען געפאָרן צום פּראָקוראָר.

דערזעענדיק לאַוראָוון, איז דער פּראָקוראָר נשתומם געוואָרן, אָבער דערזעענדיק מיך, האָט ער גלאַט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר.

לאַווראָוו איז גלייך צוגעטראָטן צום ענין. „הער זיך איין", האָט ער געזאָגט צום פּראָקוראָר, „דער מאַן איז מיינער אַ מיטאַרבעטער, פאַר וואָס ווילסטו אים אַרויסוואַרפן פון זיין דירה?"

לאַווראָוו האָט אָפּגעוואָרפן אַלע טענות פון פּראָקוראָר און אים גע־בעטן צו אַנולירן זיין באַשלוס.

דער פּראָקוראָר האָט זיך ניט געוואָלט איינרייסן מיט לאַווראָוון און אים נאָכגעגעבן.

אומעטום, און נאָך מער אין סאָוועט־רוסלאַנד, איז ניט שלעכט צו האָבן אַ צד אין טיש...

אַ פּאַטאַלער צופֿאַל

אין 1940 בין איך געווען אַן אַנגעשטעלטער אין דעם גרעסטן ליטוויש־סאָוועטישן קאָאָפּעראַטיוו „רוטאַ" אין ווילנע. די דירעקטאָרן פֿון „רוטאַ" האָבן געהאַט אַ הויכע מיינונג וועגן מיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פֿעאיקייטן און האָבן מיך באַשטימט פֿאַרן דירעקטאָר פֿון אַ ניי־געעפֿנטער וועשפֿאַבריק אין דער ליטווישער הויפּטשטאָט.

עס האָט זיך מיר איינגעגעבן גוט צו אָרגאַניזירן די פֿאַבריק. איר פּראָדוקציע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר הויכער קוואַליטעט און גלייכצייטיק מיט אירע נידעריקע פּרייזן.

אין יענער צייט האָט געהערשט אַ ליידנשאַפֿטלעכע טענדענץ אין סאָוועטישע קאָאָפּעראַטיוון צו פֿאַרמעסטן זיך מיט אַ צווייטן און באַווייזן זייערע גרויסע דערגרייכונגען. ווי אַן אָריגינעלן פֿאַרמעסט אַזאַ האָב איך פֿאַרגעלייגט מיינע דירעקטאָרן צו מאַכן אַן אויסשטעלונג פֿון דער פּראָדוקציע פֿון מיין אַנגעפֿירטער וועשפֿאַבריק. תחילת האָבן זיי אָפּגעוואָרפֿן מיין פּלאַן, אָבער דערנאָך האָבן זיי מסכים געווען אויף דעם.

די הכנות זיינען אַוועק אַ גאַנג. קינסטלערס האָבן מיר געהאָלפֿן צוגרייטן די עקספּאָנאַטן און נאָך עטלעכע וואָכן ענערגישער אַרבעט האָט זיך די אויסשטעלונג געעפֿנט.

די אויסשטעלונג, וואָס איז געווען אַ גרויסע נייס, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. די דירעקטאָרן זיינען געווען אויסער זיך פֿאַר פֿרייד.

אויף דער פֿייערלעכער דערעפֿענונג פֿון דער אויסשטעלונג זיינען, כנהוג, געהאַלטן געוואָרן דרשות. מען האָט געלויבט „רוטאַ" און אירע דירעקטאָרן פֿאַר זייער ענערגיע און איניציאַטיוו. אויך מיין נאָמען האָט מען ניט פֿאַרפֿעלט און מיך מכבד געווען מיט אויסערגעוויינטלעכע שבחים.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, ווען איך האָב געהערט אַזוי פיל קאָמפּלימענטן פון אַזעלכע הויכע שררות.

איין טאָג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ קאָמיסיע פון מאָסקווע צו באַזוכן די אויסשטעלונג. משמעות, אַז זי האָט אויסגענומען ביי די קאָמיסיע־לייט, ווייל אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך באַקומען אַ מעלדונג פון מאָסקווע, אַז אין משך פון די קומענדיקע צען טעג זאָל איך איינפּאַקן מיינע עקספּאָנאַטן, צו־גרייטן אַ פּערסאָנאַל און פּרייטיק אָפּפאָרן קיין מאָסקווע מיט אַ צוגעגרייטן וואַגאָן אויפן ווילנער וואָקזאַל.

ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק צו דער נסיעה און מיר האָבן זיך שוין געגרייט צו פאָרן, איז אין לעצטן מאָמענט אָנגעקומען אַ ידיעה פון דער ווילנער באַנסטאַנציע, אַז דער באַשטימטער וואַגאָן וועט זיין ניט פּרייטיק, נאָר מאָנטיק.

איך און מיין ווייב, וואָס האָט מיט די קינדער אויך געדאַרפט מיטפאָרן מיט מיר, זיינען געווען אַנטוישט, אָבער דאָס אָפּלייגן די נסיעה אויף עטלעכע טעג איז נאָך אַלעמען געווען נאָר אַ קליינע אומבאַקוועמלעכקייט. מיר האָבן יענעם ערב פּרייטיק ניט געוואוסט, ווי פאַטאַל דער דאָזיקער אָפּלייג איז פאַר אונדזער משפחה: צוויי טעג נאָך דעם איז אויסגעבראָכן די דייטש־סאָוועטישע מלחמה, די דייטשן זיינען אַריין קיין ווילנע, וואו מיין פרוי און ביידע קינדער זיינען אומגעקומען פון די מערדערישע הענט.

מיין קוזינע אין מאָסקווע

מיין מאָסקווער קוזינע איז אַ האַרציקע און באַוואוסטזיניקע פרוי. זי האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אין אַ רבנישער שטוב. תמיד האָט זי געאַר־

בעט און געפּראַצעוועט און קוים געמאַכט אַ לעבן. זי האָט אויסגעהאָדע־וועט צוויי פיינע טעכטער, ביידע געראָטן אין דער מאַמען. זיי שטודירן אין באַזונדערע אוניווערסיטעטן און לעבן צוזאַמען ווייט היינטערן שטאָט אין אַ קליין שטיבל.

וואָס שייך זייער יידישקייט, איז דאָס פריער, פאַרן צווייטן וועלטקריג, געווען פאַר זיי אַן אַבסטראַקטער באַגריף. לעצטנס אָבער, ווען דער אַנטי־סעמיטיזם האָט גענומען וואַקסן, האָבן זיך גענומען וועקן אין זיי יידישע געפילן. איינע האָט מיר געזאָגט, אַז איר גאַנצן לעבן האָט זי ניט געהאַט צו טאָן מיט יידישקייט, דאָס איינציקע, וואָס זי געדענקט, איז, אַז אין אירע פריע קינדער־יאָרן איז געווען געקומען צו גאַסט זייער זיידע פון ווייסרוס־לאַנד, ער האָט זי גענומען פאַר אַ הענטל און אַוועקגעפירט אין שול. די מאַמע האָט יענעם אָוונט געבענטשט ליכט.

היינט ליידט זי ווי אַ יידיש מיידל און ווען זי האָט נאָר די געלעגנ־היינט צו פאַרטיידיקן איר אַנגערירטן כבוד, טוט זי דאָס גערן.

מיינע קוזינעס האָבן מיך באַקענט מיט זייערע יידישע חברטעס און פּראָפעסאָרן. דאָס רוב מיידלעך זיינען געווען אַסימילירט. איך האָב גע־פילט, אַז מיט עטלעכע יאָר פריער וואָלט איך ניט געהאַט מיט זיי וועגן וואָס צו ריידן. היינט אָבער האָבן מיר שוין געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך.

איך האָב ביי עטלעכע פון זיי געבעטן געבן מיר אַן אָפנהאַרציקן ענט־פער אויף דער פראַגע: מיט וועמען ווילן זיי חתונה האָבן?

יעדערע פון זיי, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך פריער צונויפגערעדט, האָט מיר געענטפערט דאָס זעלביקע: יע, איך וויל חתונה האָבן, נאָר קודם־כל דאַרף דער בחור זיין אַ ייד.

גאָר אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט איינע אַ פּראָפעסאָר־שע. זי איז געווען אַ פרוי אין די דרייסיקער, זייער אַ שיינע, מיט אַן עכטן רוסישן פּנים. איך פלעג זי אָפט באַזוכן. זי איז געווען זייער נייגעריק צו הערן, ווי מיר האָבן אַ מאָל געלעבט אין אַנטיסעמיטישן פּוילן און אין די געטאָס און קאַצעטן. זי פלעגט מיך באַקענען מיט אירע באַזוכערס און פאַר איינצלנע פון זיי, צו וועלכע זי האָט געפילט אַ צוטרוי, פלעגט זיך נאָך צוגעבן „עטאָ נאַש יעווריי (דאָס איז אונדזער אַ ייד).

די מאַמע איז געווען שטאַלץ מיט אירע טעכטער, אָבער גלייכצייטיק דערשלאָגן. זי האָט מיר איין מאָל אַזוי אויפגעקלערט די זאַך:

— אין אונדזער שטיבעלע פלעגן יעדער אָוונט צונויפקלייבן זיך יונג־וואַרג, יידישע און קריסטלעכע, חברים פון מיינע טעכטער, און פאַרברענגען זייער פיין די צייט. צווישן זיי זיינען געווען צוויי קריסטלעכע סטודענטן, וועלכע האָבן געחלשט נאָך מיינע טעכטער און איך בין געווען זיכער, אַז ווען זיי וועלן ענדיקן, וועלן זיי חתונה האָבן מיט זיי. אָבער מיט אַ מאָל איז אויסגעבראָכן די מלחמה. די יידישע ייִנגלעך זיינען אַוועק אויפן פראָנט און זיי זיינען שוין צוריק ניט געקומען און די קריסטלעכע זיינען געוואָרן אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטיזם. ניט נאָר מיידן זיי אויס די יידישע מיידלעך, נאָר זיי באַגריסן זיך גאָר מיט זיי ניט. אַזוי אַרום זע איך ניט מיט וועמען מיינע טעכטער וועלן חתונה האָבן און איך האָב מורא, אַז זיי זאָלן ניט פאַרזעסן ווערן.

אַז מיין קוזינע האָט געענדיקט, האָב איך זי אַ פרעג געטאָן: „זאָג מיר, איז ביי דיר, אַ בת־הרב, רעכט געווען, אַז דיינע קינדער זאָלן חתונה האָבן מיט קריסטן?"

— יע, האָט די קוזינע געענטפערט. פאַרשטייסט, ביז 1938, במשך פון אַ פופצן יאָר, האָבן מיר ניט געפילט, אַז מיר זיינען יידן, מיר זיינען געווען מיט מענטשן צו גלייך און במילא איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן אונדזער יידישקייט. געמישטע חתונות זיינען ביי אונדז געווען אַ באַרמאַלע דערשיינונג. היינט אָבער איז דער אַנטיסעמיטיזם דאָ שטאַרק געשטיגן און די לאַגע האָט זיך אין גאַנצן געביטן. היינט, ווען ס'וואָלט זיך אַפילו געפונען אַ שייגעץ, וועלכער וואָלט וועלן נעמען מיינע אַ טאָכטער, וואָלט איך עס ניט דערלויבט, ווייל ער איז אונדז פרעמד און במילא וואָלט ניט געקענט זיין קיין גליקלעך צוזאַמענלעבן. מיינע קינדער זיינען געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אין אַט דעם געסעלע. כמעט אַלע אונדזערע שכנים זיינען קריסטן, אָבער מיר האָבן געלעבט צווישן זיך ווי גוטע פריינד. אָבער איצט, ווען מיינס אַ מיידל גייט צום אויטאָבוס, לויפן זי נאָך די קליינע קינדער און שרייען „זשידאָווקאַ". מיין עלטערע טאָכטער האָט שטודירט אין אַן אינסטיטוט פאַר אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן. מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָט דער פּראָפעסאָר צונויפגערופן אַלע יידישע סטודענטן און געמאָלדן זיי, אַז היות

אין אויסלאַנד הערשט דער אַנטיסעמיטיזם און פאַר ידישע דיפּלאָמאַטן האָט מען ניט קיין רעספּעקט. על־כן לייגט ער פאַר די יידן צו באַפרייען די פּלעצער פאַר ניט־יידן.

איך קען דיר ברענגען נאָך צענדליקער פאַקטן, וואָס וועלן באַשטע־טיקן, ווי מען האָט אונדז פיינט און ווי מען שטופּט אונדז אַרויס פון די בעסערע פּלעצער. ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז אַזעלכע באַציאונגען האָבן געווירקט אויף אונדז און מיר זיינען געוואָרן נאַציאָנאַל געשטימט. אָט נעם אַזאַ משל: אין מאָסקווע איז דאָ אַן ערשטקלאַסישער יידישער טעאַטער, אונטער דער לייטונג פון מיכאָעלסן. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן ניט קיין סך יידן באַזוכט דעם טעאַטער און היינט דאַרף מען באַשטעלן בילעטן מיט וואָכן פריער. די יידישע יוגנטלעכע פאַרשטייען ניט קיין יידיש, קומען זיי מיט זייערע עלטערן און יענע איבערזעצן זיי יעדער וואָרט. אין מאָסקווע זיינען כמעט ניטאָ קיין שולן און די מערסטע יידן האָבן שוין לאַנג ניט גע־דאַוונט. היינט אָבער ווילן די יידן דאַוונען, האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט מיט מנינים. אויף יעדער הויף איז דאָ אַ מנין אין אַ פּריוואַט הויז.

איך וועל דיר געבן נאָך אַ ביישפּיל: מיט עטלעכע טעג פריער, פאַר דיין קומען, האָבן זיך אין שטאָט פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מען האָט די יידן אָפּגעגעבן פּאַלעסטינע. יידן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום הויפּט־רב, שלייר־פער, צו דערוויסן זיך, צי דאָס איז אמת. דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן עם־רב ס׳איז אָנגעלאָפן, אויף יעדערנס פּנים זיינען געווען אויסגעגאָסן נייגעריקייט און האָפענונג. איך האָב זיך דאָרטן אויך גע־שטופּט און געזען, אַז ווען יידן דערפילן נאָר אַ געפאַר, הייבן זיי זיך אָן צו טוליען איינע צו די אַנדערע.

איך האָב זיך איבערצייגט, אַז ווען מען לאָזט אונדז לעבן רואיק, פאַר־געסן מיר וועגן אונדזער יידישקייט און, פאַרקערט, ווען מען הייבט אונדז אָן צו אונטערדריקן, דערוועקט זיך אין אונדז אונדזער נאַציאָנאַלער גע־פיל.

צווישן גוטע גויים וואַקסן שלעכטע יידן און צווישן שלעכטע גויים וואַקסן גוטע יידן.

„מען שלאָגט די אַבראַמס"

מיין קוזינע אין מאָסקווע איז געווען זייער צופרידן מיט מיין קומען צו איר גלייך נאָכן צווייטן וועלטקריג. מיר פלעגן פאַרברענגען און דער־ציילן איינער דעם אַנדערן מעשיות פון אַ מאָל, וואָס זי האָט זייער ליב גע־האַט. אויסער דעם פלעג איך איר העלפן אין איר שטוביקער אַרבעט. דעמאָלט איז יעדער קלייניקייט געווען זייער טייער און כדי צו באַקומען דאָס, פלעגט מען דאַרפן אָפט מאָל גיין גענוג ווייט.

דאָס מאָל האָט מיר די קוזינע געשיקט קויפן אַ קוואָרט מילך. זי האָט מיר אָנגעוויזן די ריכטונג צו גיין צום „טאָלטשאָק", צום מערקל. ס'איז געווען אַ היפּשער מהלך.

אַז איך בין שוין געווען ניט ווייט פון מערקל, האָב איך באַמערקט, אַז דאָרטן קומט פאָר עפּעס אַ טומל, אַ שטופּעריי און ס'הערן זיך געשרייען. איך האָב אַ פרעג געטאָן ביי די אַרומיקע מענטשן: „וואָס קומט דאָרט פאָר?". זיי האָבן מיך באַרואיקט, „דאָס איז גאָרנישט, דאָס שלאָגט מען די אַבראַמס". אַזוי האָבן די קריסטן דעמאָלט גערופן די יידן.

דערהערנדיק דאָס האָב איך זיך גלייך אומגעקערט צוריק, ס'איז מיר שוין קיין מילך אין קאָפּ ניט געלעגן.

מיין האָפענונג שוין מער ניט צו זען, ווי מען שלאָגט יידן, איז ביי מיר פלוצלונג צערונען געוואָרן און גראָד אין יענעם לאַנד, וואָס רעדט אַזוי פיל וועגן פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט פון פעלקער.

בכלל האָט דער אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועט־רוסלאַנד שטאַרק אויפ־געהויבן דעם קאָפּ נאָכן צווייטן וועלטקריג. יידן־פיינדלעכע סצענעס איז דעמאָלט אויסגעקומען צו זען ניט זעלטן. איין מאָל האָט זיך אַזאַ סצענע אָפּגעשפּילט טאַקע מיט מיר און מיין קוזינע.

דאָס האָט פּאַסירט אין אַ טראַמווײַ. איך און מײַן קוזינע מיט אירע טעכטער און אירע אַ שוועגערין מיט אירע צוויי מיידלעך זײַנען געפאָרן פון שטאָט צוריק אַהיים, וואָס האָט זיך געפונען הינטערן שטאָט.

אין טראַמווײַ איז געווען ענג, זײַנען מיר אַלע געשטאַנען אויפן פּלאַט־פאָרם און געטיילט זיך מיט די אײַנדרוקן פון מוזיי פון דער רעוואָלוציע, וואָס מיר האָבן אָקאָרשט באַזוכט.

ווען דער טראַמווײַ האָט געהאַלטן ביים אָפּשטעלן זיך, האָט זיך פונאַנ־דערגעעפנט די טיר און ס׳האָט זיך באַוויזן אַ הויכער אָפיצער. ווי נאָר ער האָט אונדז דערזען, האָט ער צוגעהאַלטן פון הינטן די טיר און באַטראַכט אונדז מיט אַ שמייכל פול מיט האַס. ער האָט זיך אומגעדרייט צו די מענטשן אין וואַגאָן און אַנוויזנדיק אויף אונדז מיט זײַן האַנט האָט ער מיט אַ קליב־געגנדיקער שטים אויסגערופן: „זעט נאָר, חברים, זייער אַן אינטערעסאַנטע סצענע, ווי די אַבראַמס קלײַבן זיך פאָרן הנאה צו האָבן פון דער פרילינג־דיקער נאַטור״.

דער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ ביטול אונדז אָפּגע־מאָסטן מיט די אויגן.

איך מיט די צוויי עלטערע פרויען זײַנען געשטאַנען ווי באַגראָבענע. די מיידלעך האָבן פון באַליידיקונג זיך פאַרלאָרן און געוואָלט זיך וואַרפן אויפן אָפיצער. די מאַמעס האָבן זיי קוים אָפּגעהאַלטן.

אַט אַזוי האָט עפנטלעך דעמאָנסטרירט זײַנע אַנטיסעמיטישע גע־פילן אַ סאָוועטישער אָפיצער אין דער קאָמוניסטישער הויפּשטאָט.

אַ טלית

זייענדיק נאָך אַ יונגער יינגל האָב איך זיך געלערנט רוסיש ביי אַ לערער, וועלכער איז געווען גראָד אונדזערער אַ קרוב. ער האָט פריער געלערנט אין וואָלאָזשינער ישיבה און איז געווען זייער אַ פרומער בחור. ער האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן אינטערעס אין וועלטלעכע לימודים. האָט ער אין דער שטיל זיך געלערנט אַלגעמיינע לימודים און נאָך עטלעכע יאָר פון פלייסיקן שטודירן האָט ער אויסגעהאַלטן מלוכה־עקזאַמענס און באַקומען אַ מאַטורע־אַטעסטאַט.

ער האָט פאַרלאָזן די ישיבה און איז געוואָרן אַ רוסישער לערער. דאָס האָט שטאַרק געהויבן זיין אַנזען. אויסער דעם האָט ער געהאַט נאָך מעלות. ער איז געווען אַ העלדישער שיינער בחור מיט אַן אָפענעם גוטמוטיקן פנים און איז געווען ערלעך און באַשיידן. מיידלעך האָבן געחלשט פאַר אים. ער האָט געקענט טאָן דעם בעסטן שידוך, נאָר חתונה געהאַט האָט ער מיט אַן אָרעם און ניט קיין שיין מיידל. זי איז געווען אַ העברעאישע לע־רערקע און אַ גרויסע חכמנית, מענער פלעגן קומען האַלטן זיך עצות מיט איר.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, האָט מען אים צוגענומען אין מיליטער. אויף די פראָנטן האָט ער זיך אויסגעצייכנט ווי אַ העלד, אָבער צוליב זיין יידישקייט האָט ער ניט געקענט אַוואַנסירן.

נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז ער געוואָרן אַ פאַרטיי־מיטגליד און האָט געמאַכט אַ מיליטערישע קאַריערע. ער האָט געענדיקט עטלעכע אַקאַדעמיעס און איז געוואָרן אַ הויכער אָפיצער. פון דעמאָלט אָן האָט ער פאַרלאָרן דעם אינטערעס צו אונדזער משפחה און האָט אויפגעהערט צו טרעפן זיך מיט אונדזעריקע. ער איז שוין געוואָרן מער גוי, ווי ייד.

אין 1945 האָב איך באַזוכט מיין קוזינע אין מאָסקווע. זי האָט מיר דערציילט, אַז אונדזער קרוב האָט זיך באַרימט געמאַכט אין דער מלחמה און אַז ער איז שוין אַ באַקאַנטער גענעראַל אין דער סאָוועטישער אַרמיי. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע סטראַטעגישע פעאיקייטן. גראָד די לעצטע עטלעכע טעג איז ער קראַנק געוואָרן און מען האָט אים געבראַכט קיין מאָסקווע אין אַ שפּיטאָל.

מיין קוזינע מיט אירע טעכטער זיינען אַוועק אים זען. זיי האָבן מיר דערנאָך דערציילט, אַז ער איז זייער אויסגעשעפּט און האָט זיך שטאַרק געעלטערט.

ווען איך בין שוין געווען אַ צען יאָר אין אַמעריקע, איז אָנגעקומען פאַר מיר אַ בריוו פון רוסלאַנד פון דעם גענעראַלס ווייב. פון צווישן די שורות האָב איך אַרויסגעלייענט, אַז איר מאַן האָט מען קעגן זיין ווילן געשיקט אויף פּענסיע און אַז ניט קוקנדיק אויף אַלע זיינע קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן פאַרן פאָטערלאַנד, האָט מען פון אים קיין ווערן ניט געמאַכט. זיין איינציקע שולד איז, וואָס זיין טאַטע האָט געהייסן אברהם. צום סוף גיט זי צו, אַז זי בעט מיר טאָן אַ גרויסע טובה און אומבאַדינגט שיקן פאַר איר מאַן אַ גרויסן טלית.

נאָך פערציק יאָר פון איבערגעגעבענער און געטריסנדיקער טעטיקייט האָבן אים זיינע געוועזענע חברים אַרויסגעשטויסן. ער איז באַליידיקט און צעבראָכן, אָבער אונטערגעבן זיך וועט ער ניט. דער אידעאַל, אין וועלכן ער האָט געגלייבט און פאַר וועלכן ער איז שטענדיק גרייט געווען מקריב צו זיין זיין לעבן, איז פּלוצלונג פאַרשוואונדן געוואָרן. ער קערט זיך אָבער אום צו זיין אַלט־נייעם אידעאַל, צום רבונו־של־עולם. ער וועט זיך איזאָ־לירן פון דער אַרומיקער וועלט. ער וועט ווערן אַ בעל־תשובה און בעטן מחילה, פאַר וואָס ער האָט זיך אָפּגעקערט פון יידישן גאָט און פערציק יאָר נאָך אַנאַנד געדינט אַ פרעמדן אָפּגאָט.

איך בין, נאַטירלעך, גלייך געגאַנגען און אים געקויפט אַ טלית. אויף דער פּאָסט האָט מען מיר אינפאָרמירט, אַז קיין רוסלאַנד קען מען ניט שיקן קיין רעליגיעזע חפצים. האָב איך אויסגענוצט אַ געלעגנהייט און עס אָפּגעשיקט דורך אַ טוריסט.

פון דעמאָלט אָן האָב איך ניט קיין שום ידיעות וועגן אים.

אַ ייִד אין ענקאַווע‏דע

נאָך מיין באַפרייאונג בין איך געקומען צוריק קיין ווילנע. איך האָב גלייך געפונען אַרבעט. מען האָט מיך אָנגעשטעלט ווי אַ דירעקטאָר אין אַ פאַבריק, וואָס מען איז געגאַנגען בויען.

איין מאָל האָב איך באַקומען אַ בריוו פון אַמט „קאַמף מיט רויבערײַ״, אַז נאָך היינט, צווײַ אַ זייגער ביי דער נאַכט, זאָל איך זיך מעלדן צום אויספאַרשונגס־ריכטער שאַמעס.

איך האָב אַפילו ניט געהאַט וואָס צו שרעקן זיך, ווייל איך האָב זיך מיט גאָרניט פאַרזינדיקט, פונדעסטוועגן האָט דאָס האַרץ גוט געקלאַפּט צו גיין אין יענעם „מקום״, וואָס מענטשן האָבן זיך געשראָקן אַפילו זיין נאָמען הויך אַנצורופן. דערצו איז דעמאָלט געווען אַ סכנה צו גיין ביי נאַכט, ווייל אויף די ווילנער גאַסן האָבן אין די נעכט געבושעוועט די ליטווישע פאַרטיזאַנער און די ווייסע פּאָליאַקן, און ווי נאָר זיי פלעגן טרעפן אַ יידן אָדער אַ סאָוועטישן מיליטער־מאַן, פלעגן זיי אים שיסן.

אַכט אַ זייגער אין אָוונט בין איך אַוועק אַהין. מען האָט מיך גע־הייסן וואַרטן אין קאָרידאָר, ביז צוויי אַ זייגער, ווען מען וועט מיך אויס־רופן. ס׳איז געווען ווינטער, אַ פראָסטיקע נאַכט. אין פינצטערן קאָרידאָר זיינען געווען די פענצטערס אויסגעבראָכן און ס׳האָט געטראָגן אַ בײַ־טערע קעלט פון אַלע זייטן. איך בין נאָך געווען אָנגעטאָן אין לייכטע בגדים און פון קעלט האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

צוויי אַ זייגער האָט מען מיך אַריינגערופן צום שמועס.

דער צימער איז געווען קוים באַלויכטן. אויפן טיש האָט געברענט

אַ נאָפּטלעמפּל און דאָס גלעזל איז געווען אין גאַנצן פאַרקאָפּטשעט. ביים טישל איז געזעסן שאַמעס, פאַרטיפט אין זיינע פּאַפּירן. איך האָב באַטראַכט זיין פּנים און אַ ציטער איז אַדורך איבער מיין גאַנצן קערפּער. אין מיין גאַנצן לעבן האָב איך נאָך אַזאַ פאַרזעעניש ניט געזען. יעדער ווינקל פון זיין פּנים איז געווען פאַרקרימט אין אַן אַנדער ריכטונג. אונטערן היטל, אויף דער לינקער זייט, איז אַראָפּגעהאַנגען אַ טשופּרינע, ווי ביי אַן עכטן קאָזאַק. זיינע שטעכעדיקע קליינע אויגן האָבן זיך קוים באַוועגט און דער פּנים איז געווען באַוואָקסן מיט האָר.

איך האָב שוין ניט געציטערט אַזוי פון קעלט, ווי פון שרעק פאַרן טייוול, וועלכער זיצט אַנטקעגן מיר.

נאָכן פאַרלייענען מיין באַשולדיקונגס־אַקט, האָט שאַמעס מיר גענומען שטעלן פראַגן וועגן מיין פאַבריק און וועגן מיר פערזענלעך.

איך האָב אים דערקלערט, אַז די פאַבריק דאַרף מען ערשט עפענען, אַז איך בין מיט צוויי וואָכן צוריק געקומען פון אַ דייטשן קאַצעט אין עסטלאַנד און אַז מיין ווייב און קינדער האָבן די דייטשן דערהרגעט. איך האָב באַמערקט, אַז אויף שאַמעסעס פּנים הייבן זיך אָן צו באַוויזן מענטש־לעכע שטריכן.

„און וויפל קינדער האָסטו געהאַט"? האָט שאַמעס אַ פרעג געטאָן. איך האָב אים געוואָלט ענטפערן „צוויי", נאָר פון אויפרעגונג האָב איך בשום אופן ניט געקענט אַרויסריידן קיין וואָרט.

שאַמעס האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט זיך אַ דריי געטאָן אין אַ פינצ־טערן ווינקל און איך האָב מיט אַ מאָל פאַר זיך דערזען אַן אידעלן, סימ־פּאַטישן, מענטשלעכן פּנים. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר, מיך צערטלעך אַרומגענומען און געזאָגט: וויין ניט, מיר האָבן גענומען פאַר דיר נקמה און מיר וועלן נאָך נעמען. היינט האָבן מיר פאַרנומען וואַרשע און מיר גייען ווייטער און ווייטער.

שאַמעס האָט צעריסן מיינע פּאַפּירן און געהייסן מיך גיין אַהיים. איך האָב אים געזאָגט, אַז ס'איז איצטער אַ סכנה צו גיין איבער די גאַסן. ער האָט געעפנט די טיר אין קאָרידאָר און אַ געשריי געטאָן „דזשורני".

ס'האָבן זיך באַוויזן צוויי סאָלדאַטן מיט לאַנגע ביקסן. שאַמעס האָט זיי געהייסן צושטעלן מיך אַהיים.

ער האָט געעפנט אַ שופלאָד פון זיין טישל און האָט מיר דערלאַנגט אַ פּעקל. איידער איך האָב באַוויזן צוגיין צו אים, איז ער שוין געשטאַנען לעבן מיר און זיינע וואַרעמע טרערן האָבן זיך צונויפגעמישט מיט זיינע ברידערלעכע קושן אויף מיין פּנים.

די סאָלדאַטן האָבן מיך געבראַכט בשלום אַהיים. ביים טויער האָבן זיי אַ פרעג געטאָן: וואָס איז דער ריכטער דיינער?

אין פּעקל האָב איך געפונען עטלעכע שטיקלעך ברויט מיט פּוטער און אַ טרוקן קעזל. קענטיק, אַז שאַמעס האָט דאָס געהאַט מיטגענומען פאַר זיך צום עסן.

אין ווילנער געטאָ

דייטשן טרייבן יידן צו פּאָנאַר

אין 1940 האָבן די רוסן אָקופּירט ווילנע. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן זיי רעקווירירט ביי מיר אַ צימער און אַהין אַריינגעזעצט אַ מיליטער־מאַן. ער איז געווען אַ „פּאָליטרוק", דאָס מיינט, אַ פּאָליטישער וועגווייזער.

ער איז געווען אַ גוט־געבויטער יונגערמאַן, אַן עכטער רוס מיט אַ רונדן פּנים און אַ פּאָר גוטמוטיקע, נאַאיווע אויגן. די פּאַרטיי האָט אים געשיקט קיין ווילנע, ער זאָל פירן פּראָפּאַגאַנדע פאַרן קאָמוניסטישן אידעאַל צווישן די ליטווישע זעלנערס. זיינע קוואַליפיקאַציעס זיינען געווען גאַנץ באַגרענעצטע. ער האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין באַזונדערע כאַראַקטער־שטריכן, נאָר ער האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע מענטשן, אויף וועלכע מען קען אַלץ גלייבן.

ביי אונדז אין שטוב האָט ער זיך אויפגעפירט גאַנץ טאַקטיש און פריינדלעך, אָבער זיך ניט געהאַלטן צו נאָענט. ער האָט ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט די קינדער, אָבער ניט צו לאַנג. מיר האָבן צו אים קיין טענות ניט געהאַט, פאַרקערט, מיר זיינען געווען צופרידן, וואָס ער חברט זיך ניט צו פיל מיט אונדז.

אין די אָוונטן פלעגט ער אַריינקומען צו אונדז. ער פלעגט דערציילן פאַרשיידענע מעשיות און דער הויפּט רעדן וועגן זיין מיידל, נאַטאַליע, וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט. ער האָט זי ממש פאַרגעטערט און פלעגט אונדז פאַרלייענען זיינע לאַנגע בריוו צו איר.

זונטיק, דעם 22סטן יוני, 1941, האָבן מיר באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז היטלער איז אָנגעפאַלן אויף סאָוועט־רוסלאַנד און אַז אויף די גרענעצן קומען שוין פאָר פאַרביסענע קאַמפן.

אויף די שמאָלע ווילנער גאַסן האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויסערגעוויינ־

לעכע באַוועגונג. אויטאָס, פורן און מענטשן זיינען געגאַנגען אין די טויזנ־טער אַן אויפהער. אין שטאָט איז געוואָרן אַ מהומה און דער צעטומלטער עולם האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. יעדערער האָט געזאָגט עפּעס אַנדערש און דעם אמת האָט מען ניט געקאָנט דערגיין.

דינסטיק פאַר טאָג זיינען שוין די דייטשן געווען אין ווילנע. ס'האָט זיך גלייך אָנגעהויבן דער גיהנום פאַר די ווילנער יידן. אונדזער „פּאַליטרוק" איז פּלוצעם בעלם געוואָרן.

שוין 20 חדשים ווי מיר האָבן געלעבט אונטער דער דייטשער אָקו־פּאַציע. אונדזערע יידן זיינען געווען מוראדיקע, דאָך בין איך געווען דאַנק־באַר מיין גורל, ווייל אין מיין משפּחה האָט קיינער ניט געפעלט. איך האָב געגלייבט, אַז אַ געטלעכע השגחה וואַכט איבער אונדז און היט אונדז אויס פון אַלע געפאַרן.

ביים ליקווידירן די ווילנער געטאָ, אין סעפּטעמבער 1943, איז אַלץ צערונען געוואָרן. די דייטשן האָבן צוגענומען מיין ווייב מיט די קינדער און מיך האָט מען געטריבן מיט אַ גרופּע יידן. מיר האָבן ניט געוואוסט וואוהין, נאָר איך האָב זיך פאַרגעשטעלט דעם אָרט...

איך בין געוואָרן אויס מענטש. פּחד און שרעק האָבן מיך אין גאַנצן באַהערשט. אַן אימה האָט מיך אַרומגענומען. פון האַרצן האָבן זיך אָפט אַרויסגעריסן טיפע זיפצן.

די סאָלדאַטן, וואָס האָבן אונדז געטריבן, זיינען געווען רוסן, געוועזענע רויט־גוואַרדייערס. ווי נאָר מיר האָבן זיך געלאָזט אין מאַרש, זיינען זיי אונדז באַפאַלן ווי היישעריקן. זיי האָבן אונדז באַזוכט און צוגענומען אַלץ, וואָס נאָר זיי האָבן געפונען: אַ שמוציק נאָזטיכל, אַן אַלט טייסטערל, אַ פּאָר צעבראָכענע ברילן — אַלץ איז פאַר זיי געווען אַ סחורה.

דער, וואָס האָט מיך באַזוכט, איז געוואָרן זייער אין כעס, ווייל ער האָט ביי מיר גאָרניט געפונען. ער האָט מיך געזידלט מיט די ערגסטע רוסישע זידלווערטער און דערביי מיר געזאָגט: „דו ווייסט דאָך וואוהין מען פירט דיך, האָסטו דאָך געדאַרפט זיין אַ מענטש און מיר אָוועקגעבן אַלץ, וואָס דו האָסט. איך קען דאָך הנאה האָבן פון יעדער זאַך, ניט ס'זאָל צעפוילט ווערן מיט דיר". ער האָט מיר דערציילט, אַז נעכטן האָבן זיי דערשאָסן אַ פּאַרטיע יידן. אַן עלטערער ייד איז געלעגן מיט אַ דורכגעשאָסענעם קאָפּ.

זיין חבר איז געווען אַ בעלן אים צו באַטאַפּן, האָט ער אַראָפּגעצויגן זיינע שיך און די צעפוילטע אָנוטשעס און צווישן די פינגער פון די פיס האָט ער באַמערקט אַ פּאַפּירל. ער האָט עס פונאַנדערגעוויקלט און געפונען אַ גאָלדענע מטבע. זיין חבר איז געווען זייער אויפגעבראַכט פון דעם יידנס העזה און מיטן שטיוול צעשמעטערט זיין צעבלוטיקטן שאַרבן. „איך וואָרן דיך", זאָגט ער צו מיר, „אַז אויב דו וועסט מיר ניט אָפּגעבן דיינע פאַרשטעקטע זאַכן, וועסטו האָבן דעם זעלבן סוף".

ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און צו מיר איז צוגעגאַנגען אַ מאַן. איך פיל, ווי ער הייבט אויף מיין אַראָפּגעלאָזענע האַנט און גיט מיר אָפּ שלום־עליכם. „דו דערקענסט מיך ניט?" — פרעגט ער מיך. איך קוק זיך איין אין זיין פּנים און דערקען אים: דאָס איז מיין געוועזענער קוואַרטיראַנט דער „פאָליטרוק". קענטיק, אַז ער האָט ניט בדעה זיך אַריינצולאָזן מיט מיר אין אַ לאַנגן שמועס און רעדט צו מיר צו דער זאַך: „גיב מיר אָפּ דיין זייגערל. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב אַ לייכטע האַנט און דו וועסט זען, אַז דיין נשמה וועט גלייך אַריין אין די הימלען".

איך בין געווען גערירט פון זיין אָנבאָט און אים געענטפערט: „דער איינציקער נאָענטער מענטש, וועלכער איז מיר פאַרבליבן אויף דער גאַנצער וועלט, ביסטו און גלייב מיר, אַז אויב איך וואָלט נאָר געהאַט אַ זייגערל, וואָלט איך עס דיר אָפּגעגעבן, נאָר איך האָב שוין לאַנג ניט קיין זייגערלעך".

ביי די לעצטע ווערטער איז צו אים צוגעגאַנגען נאָך אַ חברהמאַן, ער האָט אים עפּעס אַ שושקע געטאָן און זיי זיינען ביידע פאַרשוואונדן.

שפּעטער לאַנג האָבן מיר זיך געשלעפּט איבער דער שטאָט, אין דער ריכטונג פון פּאָנאַרסקע גאַס. מיט אַ מאָל האָבן מיר דערהערט אַ קאָמאַנדע, מיר זאָלן בלייבן שטיין און זיך אויסדרייען אין אַן אַנדער ריכטונג. אַזוי גייענדיק, זיינען מיר אָנגעקומען צו אַ פּלאַץ, דורך וועלכן ס'איז אַדורכ־געגאַנגען אַ באַנליניע. מען האָט אונדז געהייסן זיך אויסזעצן אויף דער ערד און וואַרטן.

פלוצלונג דערזע איך ווידער דעם „פּאָליטרוק". ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, אַזוי ווי ער וואָלט מיך געזוכט. ער באַמערקט מיך און רופט מיך אָפּ אָן אַ זייט. מיר זעצן זיך אונטער קוסטעס. ער איז זייער אויפגערעגט און גיט מיר אַ זאָג: „איך האָב פאַר די גוטע בייעס. מען האָט אייך געפירט

קיין פּאָנאַר צום שיסן, נאָר מיט אַ מאָל האָבן זיי באַשלאָסן איך צו שיקן קיין עסטלאַנד אויף אַרבעט. מיין אַרבעט — האָט ער געזאָגט — האָט זיך דאָ געענדיקט. די דייטשן שיקן אַלע אונדזעריקע אויפן פראָנט. איצט האָסטו מער שאַנסן צו בלייבן לעבן ווי איד". ער האָט אויפגעעפנט אַ פּעקל און געזאָגט צו מיר: דאָ האָסטו ברויט מיט פליש צום עסן; דאָ איז אַ ביסל בראָנפן, טרינק דאָס, ס׳איז גוט; דאָ האָסטו אַ שטיקל זייף; דאָ איז אַ שווייצאַריש זייגערל און דאָ איז דאָס וויכטיקסטע — אַ בריוו צו מיין נאַטאַליען. איך וויל, דו זאָלסט מיר צוזאָגן, אַז ווי דו וועסט זיך נאָר באַפרייען, וועסטו אַרויפקלעפּן אַ פּאָסטמאַרקע און דעם בריוו איבערשיקן צו איר. איך פאַרקלעפּ ניט דעם קאָנווערט. אַז דו וועסט וועלן, וועסטו אים קענען לייענען. דו זאָגסט מיר צו?". „יאָ", האָב איך געענטפערט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק אַן אַ „זיי געזונט".

איך האָב אָנגעפּאַקט מיינע ליידיקע קעשענעס און זיך אויסגעמישט מיטן המון.

מיט אַ מאָל איז אָנגעקומען מיט אַ פייף אַן עשאַלאָן מיט שמוציקע לאַסטוואַגאָנען. מען האָט אונדז אַריינגעטריבן אין די וואַגאָנען און פאַרשפּאַרט די טירן. מיר זיינען געפאָרן טעג און נעכט. וואוהין האָבן מיר ניט געוואוסט. מיר זיינען געווען אויסגעשעפּט און האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. עס איז אַזוי טרויעריק אויף דער נשמה. איך האָב יעדן טאָג געלייענט דעם „פּאָליטרוקס" בריוו. איך האָב אים שוין געקענט אויף אויסוויינִיק, נאָר ס׳האָט מיר עפּעס געצויגן צו אים, צו די פּאָנאַרער וועלדער, צו דער היים פון מיין ווייב און קינדער. איך האָב דעם בריוו געלייענט אפשר צום הונדערטסטן מאָל און ס׳איז מיר ניט נמאס געוואָרן, אַזוי ווי עס ווערט אַ יידן ניט נמאס דער סידור, פון וועלכן ער דאַווענט יעדן טאָג. אָט וואָס דער פּאָליטרוק האָט געשריבן:

„טייערע נאַטאַליע: נאָך אַן איבעררייס פון 20 חדשים שרייב איך דיר היינט צום ערשטן מאָל. איך צווייפל זייער, צי דער בריוו וועט צו דיר אָנקומען, נאָר שרייבן מוז איך, איך קען שוין מער ניט שווייגן. איך ווייס, אַז לייענענדיק דעם בריוו, וועסטו ציטערן פון שרעק און דיינע אויגן וועלן ניט גלייבן, אַז דאָס האָב איך געשריבן. יאָ, וואָס איך קלייב זיך דיר דאָ צו שרייבן איז טאַקע ניט צו גלייבן, אָבער ס׳איז אַלץ אמת. נאַטאַליע,

איך פּלעג דיר שטענדיק אַלץ דערציילן, גאָרניט אויסבאַהאַלטן פון דיר און דאָס זעלבע וויל איך אויך היינט טאָן. איך האָף, אַז דו וועסט נעמען אין באַטראַכט אַלע אומשטענדן און מיר מוחל זיין. איך וועל זיך באַמיען אַלץ דיר צו באַשרייבן בקיצור, ווייל איך האָב זייער ווייניק צייט.

„שוין אויפן צווייטן טאָג פון דער מלחמה איז ביי אונדז אין פּאָלק געוואָרן אַ כאָאָס. די ליטווינער זיינען זיך צעלאָפן אין זייערע היימען און איך בין אויך אַוועק. אַז ס'איז שוין געוואָרן טונקל, בין איך אָנגעקומען אין אַ פּריצישן הויף. איך בין געווען זייער מיד, בין איך אַרויפגעקראָכן אויף אַ סטאָג היי און גלייך איינגעשלאָפן. צו מאָרגנס, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין דער גאַנצער הויף געווען באַזעצט מיט רוסישע קריגס־געפאַנגענע און דייטשן האָבן זיי באַוואַכט. איך האָב געזען, אַז איך האָב ניט קיין אַנדער ברירה, בין איך אַראָפּגעקראָכן פון סטאָג היי און זיך אַוועקגעזעצט צווישן די סאָלדאַטן.

„ביי טאָג איז געקומען צו אונדז אַ „דייטשער" אָפיציר און האָט אונדז דערקלערט אין רוסיש און אין אוקראַיניש, אַז מיר זיינען קריגס־געפאַנגענע און מיר וועלן באַהאַנדלט ווערן דורך די דייטשן ווי אַזעלכע. נאָר אויב ס'זיינען צווישן אונדז פאַראַן אַזעלכע, וואָס סימפּאַטיזירן מיט דער נאַצי־אידעאָלאָגיע און ווילן געניסן פון אַלע רעכט, ווי די דייטשע זעלנערס, זאָלן זיי זיך רעגיסטרירן אין „געשטאַפּאָ" און זיי וועלן ווערן באַזאָרגט מיט אַל דאָס גוטס. ס'האָבן זיך אויפגעהויבן גאַנצע רייען און אַוועק זיך רעגיסטרירן. איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, נאָר מיין שכן האָט מיך אַ צי געטאָן און געזאָגט: „וואָס זיצסטו? קום צוזאַמען". איך האָב זיך רעגיסטרירט. מען האָט אונדז צעשיקט אין פאַרשיידענע אָפּטיילונגען. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַן אָפּטיילונג, וואָס דאַרף ליקווידירן יידן.

„ס'איז פאַר אונדז געווען זייער פיינלעך די ערשטע צייט, ווען מיר פלעגן קומען אין די פאַנאַרער וועלדער, דאָס איז לעבן ווילנע. דאָרט זיינען שוין געווען אויסגעשטעלט טויזנטער מענער, פרויען און קינדער און מיר האָבן זיי געדאַרפט אויסשיסן. דער הויפּט האָט מיך געפייניקט, ווען איך פלעג זיך צוקוקן צו די קליינע קינדערלעך, ווי זיי האָבן זיך געטוליעט צו זייערע מאַמעס און מיט זייערע דערשראָקענע, אומשולדיקע אייגעלעך האָבן זיי אונדז באַטראַכט, זיי האָבן דאָך ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר.

„ס'דערמאָנט מיך, אַז ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין יינגל, האָט מען מיך מיטגענומען אויף אַ פישפאַנג. איך זאָל סאָרטירן די פיש. איך געדענק, אַז ווי נאָר איך פלעג נעמען אַ פיש אין האַנט, פלעגט מיין גאַנצער קערפּער זיך אָנהייבן צאַפּלען מיט דעם פיש צוזאַמען. איין מאָל האָב איך אָנגענומען נאָך גאָר אַ קליין פישעלע, איך האָב זיך איינגעקוקט אין די אייגעלעך און דערזען, ווי עס בעט זיך ביי מיר, איך זאָל עס לאָזן לעבן און איך האָב לאַנג ניט געטראַכט און אַ וואָרף געטאָן דאָס פישעלע אין וואַסער אַריין. דאָס האָט באַמערקט אַן עלטערער מאַן. ער האָט מיך געוואָרנט, אַז אויב ער וועט דאָס נאָך אַ מאָל באַמערקן, וועל איך גלייך „פליען" נאָכן פישל.

„איך בין מסכים געווען מיטן עלטערן מאַן און די לעקציע האָט פאַרהאַרטעוועט מיין האַרץ אויף שטענדיק. מען קען דאָך, אָבער, ניט פאַרגלייכן פיש מיט מענטשן, באַזונדערס מיט קליינע קינדער. ס'זיינען געווען פאַלן, ווען דער דייטש פלעגט געבן דעם באַפעל „שיסן!" און ביי אַ סך פון אונדזערע און אַפילו ביי די ליטווינער האָבן זיך די הענט ניט געהויבן. דער דייטש האָט עס באַמערקט און שטענדיק פאַר דער אַרבעט פלעגט ער אונדז לאָזן זיך שטאַרק אָנשיכורן.

„אַלע דייטשן זיינען טרוקענע סאַדיסטן. ס'זיינען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן ליב געהאַט אַ שפּאַס צו טאָן. איז געווען איינער, וואָס האָט דורכגעפירט אַן אַקציע. האָט ער געהייסן, אַז מיר זאָלן צעטיילן באַלאַלייקעס און מאַנדאָלינעס אין די ערשטע רייען, מיר זאָלן די פּנימער זייערע פאַרשמירן מיט אַש און זיי הייסן שפּילן, זינגען און טאַנצן ביז די סאַמע טויערן פון פּאָנאַר. ס'איז באמת געווען קאָמיש. ס'האָט זיך געוואָלט לאַכן און וויינען. די פּאָליאַקן זיינען געשטאַנען אויף די טראָטואַרן, זיך צוגעקוקט צום ספּעקטאַקל און געקליבן נחת.

„נאָכן דערשיסן זיי זיינען אָבער ניט אַלע געווען טויט. זיי האָבן געצאַרכלט און זיך געוואָרפן ווי אין קאָנוואולסיעס. אַנדערע האָבן זיך איבערגעדרייט און אַפילו פּרובירט זיך אויפשטעלן. אָבער ווער וועט זיך עוסקן מיט זיי און שיסן נאָך אַ מאָל? דער דייטש האָט געזאָגט: די גריבער וועלן זיי אַליין אויסגלייכן. נאָך דער שיסעריי האָבן מיר געזוכט ביי די טויטע פאַרבאַהאַלטענע זאַכן. מען האָט געפונען ביי זיי טייערע חפצים:

זייגערלעך, גאָלדענע מטבעות, און ביי די, וואָס האָבן געהאַט גאָלדענע ציין אין מויל, האָבן מיר זיי אַרויסגעריסן. מיט אַ טויטן קענסטו טאָן וואָס דו ווילסט.

„ווען מיר ווערן פאַרטיק מיט אונדזער אַרבעט, לאָזן מיר אַרויס אויפן פעלד די „פּאַנאַרער מייז". דאָס זיינען יידן, וועלכע אַרבעטן אין פּאָנאַר. זיי ציען אַראָפּ די בגדים און די שיך פון די טויטע, סאָרטירן זיי אויס און די טויטע קערפּערס וואַרפן זיי אין די גריבער און פאַרשיטן זיי מיט זאַמד. מיר רופן זיי מייז, ווייל זיי לעבן און זעען אויס פּונקט ווי מייז. זיי שלאָפן אַלע אין אַ פינצטערן שטעלעכל, אין אַ נאָרע. פאַר נאַכט פאַרשליסט מען זיי. זיי עסן דעם אָפּפאַל פון די דייטשע קיכן. די אויגן ווערן ביי זיי מיט דער צייט קליין, כמעט ווי צוגעמאַכט. זיי זיינען שוואַרץ ווי האַלעוועשקעס און אויסגעדאַרט ווי שטעקנס. זיי זיינען אַלע שטום, קיין מאָל הערסטו פון זיי קיין פּיפּס ניט. זיי שיסט מען ניט. זיי שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

„איך האָב נאָך דיר צו שרייבן אַ סך, נאָר די צייט דערלויבט ניט. איך האָב זיך אַרויסגעגנבעט פון מיין דינסט, כדי דיר צו שרייבן דעם בריוו. זיי מיר מוחל און דערמאָן מיך ניט מיט עקל. דיין..."

* * *

נאָכן שלעפּן זיך 11 טעג אין די שמוציקע, פאַרשפּאַרטע וואַגאָנען, האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט און מען האָט אונדז אַרויסגעטריבן אויף אַ הויף פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. ביי אַ לאַנגן טיש זיינען געזעסן דייטשן. מיר גייען צו צו זיי. אויפן וועג ליגט אַ דערשאָסענער ייד און מען צווינגט אונדז אַריבערצוטרעטן איבער אים. מען וואָרנט אונדז, אַז אויב מיר וועלן ניט אַרויפלייגן אויפן טיש אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן, וועלן מיר האָבן דעם זעלבן סוף, ווי דער דערשאָסענער, וועלכער ליגט אין אַ קאַלוזשע בלוט.

איך בין צוגעגאַנגען צום טיש און אַרויסגעלייגט אַ שטיקל זייף, אַ שווייצאַריש זייגערל און דעם „פּאַליטרוקס" בריוו.

אונדזערע קריסטלעכע שכנים

שוין אין די ערשטע דריי חדשים פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ווילנע פאַרלאָרן אַ העלפט פון אירע יידן. די ליטווינער האָבן געהאַלטן אין איין כאַפּן די יידן און גרופּעסווייז זיי געטריבן אויף פּאָנאַר.

די גרעסטע אכזריות פלעגן באַגיין אין די נעכט די ליטווישע און פּוילישע כוליגאַנעס. גאַנצע נעכט פלעגט מען הערן פון די אַרומיקע יידישע דירות האַרץ־רייסנדיקע קולות ביז וואַנען זיי פלעגן שטיל ווערן. וואָס די שטילקייט האָט באַטייט, האָבן מיר שוין געוואוסט...

יידישע לעבנס זיינען געווען הפקר און אַזוי איז אויך געווען זייער האָב און גוטס. לויט אַ געזעץ, האָבן די יידן ניט געטאָרט פאַרשליסן די טירן פון זייערע דירות. ווער ס'האָט נאָר געוואָלט, האָט געקענט אַריינקומען אין יידישע וואוינונגען און טאָן, וואָס נאָר אים האָט זיך געגלוסט.

איין מאָל, ס'איז געווען אַ פרייטיק צו נאַכטס, איז צו אונדז אַריינגעקומען אַ ליטווינער מיט אַ קאַץ אויפן האַנט. גאָרנישט זאָגנדיק, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די דייטשן האָבן אים געשיקט פאַרנעמען אונדזער דירה און אַז אונדז וועט מען שוין ערגעצוואו אַוועקשיקן. נאָך אַ שעה אָפּזיצן, האָט זיך דער ליטווינער אויפגעשטעלט און האָט גענומען אויספרעגן ביי דער דינסט וועגן אונדזער ווירטשאַפט. דערנאָך האָט ער פאַרשלאָסן אַלע שאַפעס און שופלאָדן און די שליסלעך אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע. אָפּגעטאָן דאָס, איז ער אַריין אין אונדזער שלאָפצימער, האָט זיך געלייגט שלאָפן און אויסגעלאָשן די ליכט.

מיר זיינען געבליבן זיצן אַ גאַנצע נאַכט אין עסצימער און די קינדער זיינען איינגעשלאָפן ביי אונדז אויף די הענט.

אַ זייגער פינף אין דער פרי האָבן זיך צו אונדז אַריינגעלאָזן ליטווינער און געהייסן אונדז זיך צוגרייטן צו גיין אין געטאָ.

מיר האָבן איינגעפּאַקט פּעקלעך און מיט די קינדער אויף די הענט האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן הויף. דאָרטן זיינען שוין געשטאַנען אין אַ גרופּע אונדזערע יידישע שכנים. אַ ליטווינער, וועלכער האָט אונדז געהיט, האָט פאַרשלאָסן דעם טויער פון הויף און געהייסן אונדז וואַרטן.

דערווייל האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן הויף אונדזערע קריסטלעכע שכנים. צו אַ טייל פון זיי האָבן יידן געהאַט אָנגעפּאַרטרויט זייערע פאַר־מעגנס אויסצוהיטן, ביז וואַנען מען וועט קומען עס אָפּנעמען צוריק.

ווען אונדזערע פּוילישע שכנים האָבן דערזען, אַז מען גרייט זיך אונדז אַרויסצושיקן פון דאַנען, האָבן זיי זיך אין גאַנצן געביטן. זיי האָבן, אַלע ווי איינער, אַפילו זיך ניט באַגריסט מיט אונדז און געמאַכט זיך ניט זעענ־דיק אונדז. איינער פון זיי האָט זיך געלאָזן איבער די יידישע דירות און אַראָפּגעקומען מיט אַ פּאַק היט און האַנטעכער. ער האָט אָנגעטאָן יעדן פּאָליאַק אַ הוט אויפן קאָפּ און אַ האַנטעך אויפן האַלדז און אונטער זיין אַקאָמפּאַנימענט האָבן זיי זיך געלאָזן אַלע טאַנצן אַרום די יידישע קרבנות. אונדזערע פּוילישע שכנים האָבן געשיינט פון גליק, וואָס זיי ווערן פּטור פון אונדז. איצטער האָבן מיר דערזען דעם אמתן פּרצוף פון די פּאָליאַקן.

די יידישע קינדער, נאָך פאַרשלאָפענע, זיינען געשטאַנען דערשראָקענע. זיי האָבן ניט געוואוסט, וואָס דאָ קומט פאָר, און געטוליעט זיך צו זייערע מאַמעס.

פון יענעם טאָג זיינען אַריבער אַ פיר יאָר. פאַר דער צייט האָב איך זיך אויסגעוואַלגערט אין ווילנער געטאָ און עסטאָנישע קאַצעטן און פאַר־לאָרן מיין ווייב און קינדער.

צופעליק בין איך געבליבן לעבן און עלנט און צעבראָכן געקומען צוריק קיין ווילנע.

די גאַנצע שטאָט איז געווען צערואינירט פון דער מלחמה, נאָר דאָס הויז, אויף ברייטע אַכצן, וואו איך האָב געוואוינט, איז ווי אויף צו להכעיס געבליבן אומבאַשעדיקט.

מיר האָט זיך געוואָלט אַריינגיין אין מיין אַמאָליקער דירה און גוט

אויסוויינען זיך. אָבער ווי נאָר איך בין צוגעגאַנגען צום טויער, האָט מיר פאַרקלעמט אין האַרצן און איך האָב זיך אומגעקערט צוריק.

אין די עטלעכע טעג פון מיין זיין אין ווילנע האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די מאַכט איז ווינציק וואָס נתפעל פון דעם ביסל לעבן־געבליבענע יידן. די אמתע יחסנים זיינען ווידער די ליטווינער און פּאָליאַקן, אַפילו די יעני־קע, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן.

ס׳זיינען געווען ניט ווייניק פאַלן, ווען יידן פלעגן קומען צו די קריסטן מאָנען זייערע זאַכן, פלעגן די קריסטן לאָזן זיי אַרעסטירן אָדער אַרויס־טרייבן ווי הינט. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי האָבן ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר די יידן.

איך האָב אַריינגעשיקט אַ פּאָליציאַנט צום ליטווינער פון מיין דירה און געבעטן, אַז ער זאָל מיר שענקען כאָטשבי עטלעכע בגדים און אַ פּאָר בילדער, וואָס איך האָב איבערגעלאָזן.

דער ליטווינער האָט זיך גאַרניט געוואָלט צוהערן צו זיינע רייד, נאָר כדי ניט איינצורייסן מיט אַ פּאָליציאַנט, האָט ער אים מיטגעגעבן איין בילד.

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט מיין שייכות צו מיין אַמאָליקער היים אין ווילנע.

דער „ווייסער אָדלער״

די דייטשן האָבן אונדז, ווילנער יידן, אַריינגעטריבן אין צווי געטאָס. איך מיט מיין משפּחה זיינען אַריינגעפאַלן אין דער ערשטער. די ענגשאַפט און שמוץ דאָרט איז פשוט ניט צו באַשרייבן. אין אונדזער צימער זיינען

געשלאָפֿן 80 מענטשן: מענער, פֿרויען און קינדער. די פּעקלעך האָט מען ניט געקענט אויספּאַקן, ווייל אויף זיי זיינען געלעגן קראַנקע און שוואַכע. קיין וואַסער איז אין שטוב ניט געווען און אַרומוואַשן זיך איז געווען אַ האַרבע פּראָבלעם. אין די ערשטע טעג האָבן מיר אויפֿגעגעסן אַלץ, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט און שוין אַ וואָך צייט, ווי מיר האָבן געליטן הונגער.

פֿאַר דער קורצער צייט אין געטאָ האָבן זיך די יידן געביטן ניט צום דערקענען. הונגעריקע, שמוציקע מיט אויסגעלאָשענע אויגן האָבן זיך די אומגליקלעכע מחנות געשטופּט אין די ענגע געטאָ־געסלעך.

אין איינעם פֿון די דאָזיקע ערשטע געטאָטעג איז צו מיר דערגאַנגען די שרעקלעכע ידיעה, אַז די דייטשן קלייבן זיך צו ליקווידירן די ערשטע געטאָ און אַז זיי וועלן דערווייל איינהאַלטן די צווייטע. אַ דאַנק אַ פּראָ־טעקציע האָט זיך מיר איינגעגעבן צו באַקומען אַ דערלויבעניש אַריבער־צוגיין אין דער צווייטער געטאָ. איך האָב איינגעפּאַקט מיינע פּעקלעך אין אַ קינדער־וואָגן און איך מיט מיין ווייב האָבן אים גענומען שטופּן. מיר זיינען אָבער געווען אַזוי אויסגעשעפּט, אַז מיר האָבן קוים געריִרט דאָס וועגעלע פֿון אָרט. דאַן האָבן מיר באַשלאָסן נעמען צו הילף אונדזערע צוויי ייִנגלעך, דריי און פֿינף יאָר אַלט. איך האָב זיי איינגעשפּאַנט מיט שטריק־לעך צום וואָגן און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. מיר זיינען אַרויס פֿון דער פֿינצטערער געטאָ און זיך פֿאַרקירעוועט אין דער ריכטונג פֿון דער ברייטע־גאַס, וואָס איז געווען מחוץ דער געטאָ.

יידן האָבן נישט געטאָרט גיין אויף די טראָטואַרן. זיינען מיר גע־גאַנגען אין מיטן גאַס. ס'איז געווען אַ הערלעכער האַרבסטטאָג. די גאַס איז געווען באַגאָסן מיט העלער זונשיין.

ס'איז גראָד געווען אַ זונטיק. הונדערטער פּאָליאַקן מיט זייערע משפּחות האָבן געמיטלעך שפּאַצירט איבער די ברייטע טראָטואַרן. זיי זיינען אַלע געווען אויסגערוטע און יום־טובדיק פֿאַרפּוצט — די מענער אין ווייסע העמ־דער, די פֿרויען אין ווייסע הענטשקעס און די קינדער אין ווייסע זעקעלעך. אַ סך פֿון זיי האָבן געפֿירט אויף קייטלעך ווייסע הינט, וואָס זיינען דע־מאָלט געווען אין דער מאָדע.

ווי נאָר מיר האָבן זיך באַוויזן אויף דער גאַס, האָט זיך די שטימונג פֿון די פּאָליאַקן פּלוצלונג געענדערט. מיט אַ מאָל איז פֿאַרשוואונדן זייער

געמיטלעכקייט, זיי זיינען באַהערשט געוואָרן פון עפּעס אַ מאָדנעם אויפ־ברויז. זיי האָבן גענומען שרייען און מאַכן פאַרשיידענע העוויות. אייניקע האָבן געשפּיגן אויף אונדז מיט עקל, אַזוי ווי זיי וואָלטן פאַרבייגעגאַנגען אַ נבלה, אַנדערע האָבן אונדז באַגלייט מיט זידלווערטער. די יוגנט האָט זיך געלאָזט וואוילגייך אויף איר שטייגער. זיי האָבן געהויבן די הענט, געטשמאָקעט מיט די ליפּן און געשריען צו מיינע קינדער „באַ־באַ", ווי זיי וואָלטן אָנגעטריבן פוילע פערד. אַ סך פון זיי האָבן אויף אונדז געוואָרפן שטיינער און אָפּפאַל.

מיין ווייב איז די גאַנצע צייט געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. די קינדער האָבן, קענטיק, דערפילט אַ סכנה און האָבן זיך גענומען בייגן נידעריקער אונטער דעם אָנגעצויגענעם שטריקל. מיר האָבן גענומען שטופּן דאָס וועגעלע מיט די לעצטע כוחות, כדי וואָס גיכער אוועקצוגיין פון דעם אויפגערייצטן המון.

ס'קען זיין, אַז צווישן די ווילנער פּאָליאַקן זיינען אפשר געווען אַזעל־כע, וואָס וואָלטן רויט געוואָרן פון שאַנד, ווען זיי וואָלטן זיך דערמאָלט געפונען אויף דער גאַס, אפשר אַזעלכע, וואָס וואָלטן אַרויסגעלאָזן אַ טרער פון מיטלייד און אפשר אויך געשענקט אַ זעמל מיינע קינדער. נאָר, צום באַדויערן, האָב איך אַזוינע צווישן דעם עולם ניט באַמערקט. דער שפּאַ־ציר, דער לעצטער מיט מיין משפּחה, האָט געדויערט סך־הכל פופצן מינוט, נאָר געדענקען וועל איך אים כל־זמן איך וועל לעבן.

דער „ספּעקטאַקל" האָט זיך געענדיקט. עס האָבן זיך געעפנט פאַר אונדז די געטאָ־טויערן און מיר זיינען ווידער געווען מיט יידן. ווידער דאָס זעלבע בילד: עס דרייען זיך אַרום איבער די ענגע געסלעך די נאָך לעבעדיקע קרבנות. אַלע זיינען אַזוי פאַרנומען מיט זיך, אַז זיי באַמערקן אונדז אַפילו ניט. ווידער זיינען מיר איינגעגלידערט אין אַן אומגליקלעכער מאַסע, נאָר מיר זיינען צופרידן. מיר זיינען דאָך צווישן אייגענע.

איך שפּאַן אויס די פאַרחלשטע קינדער און זעץ זיי אַוועק אויפן וואָגן. איך מיט דער ווייב זיצן אויף דעם טראָטואַר. מיר שווייגן אַ לענגערע צייט, נאָך דעם רופט זיך אָפּ מיין ווייב און זאָגט: „דו ווייסט, איך שעם זיך, וואָס איך געהער צום מין מענטש". איך הער אויס אירע ווערטער און איך ענטפער איר ניט. איך בין שרעקלעך אויסגעמאַטערט, מערער פון דער בלוטיקער באַליידיקונג, ווי פון פיזישער מידקייט.

לינאַ מערין

געבוירן אין ווילקי, ליטע, 1908

איך פאַרגעס וועגן הונגער, איך פאַרגעס וועגן דער סכנה, וואָס לויערט אויף אונדז, איך פאַרגעס, אַז איך זיץ אויף דער גאַס, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. איך האַלט אין איין טראַכטן: צו וואָס פאַר אַ מדרגה עס קען דערגיין די שנאה פון פּאָליאַקן צו יידן.

* * *

ביים פאַרענדיקן דעם ווילנער אוניווערסיטעט, האָט מיין ווייב באַקומען פון אַט דער הויכשול אַ מעדאַליאָן, אויף וועלכן עס איז געווען אויס־געגראַווירט אַ ווייסער אָדלער, פאַר קאָנען גוט די פּוילישע שפּראַך און לי־טעראַטור. דער ווייסער אָדלער איז געווען די פּוילישע נאַציאָנאַלע עמבלעם און גלייכצייטיק האָט ער סימבאָליזירט די פרייהייט און גלייכהייט פון אַלע פּוילישע בירגערס.

מיין ווייב האָט זייער שטאָלצירט מיטן „ווייסן אָדלער", זי האָט זיך קיין מאָל ניט צעשיידט מיט אים און עס שטענדיק מיטגעטראָגן ווי אַ טייערע „קמיע". איצטער, זיצנדיק אויפן טראָטואַר לעבן דער ווייב, ביי־דע פאַרגליווערטע, זע איך, ווי זי נעמט אַרויס פון איר בייטל דעם „ווייסן אָדלער" און וואַרפט אים אַוועק אין דער קופּע מיסט, וואָס איז געלעגן ניט ווייט פון אונדז.

„כל נדרי" אין געטאָ

דאָס איז געווען דער ערשטער יום־כיפור אין ווילנער געטאָ. נאָכן פאַרפאַסטן האָב איך גענומען מיין עלטערן ייִנגעלע אויף די הענט און מיר זיינען אַוועק אין שול צו כל־נדרי.

אויפן שולהויף זיינען געשטאַנען הונדערטער ייִדן, וועלכע האָבן שוין ניט געקענט אַריינגיין אין שול. איך האָב מיט צרות זיך קוים דורכגעשטופּט אין שול אַריין.

איך האָב געהאָפּט צו טרעפן אין שול אַ יום־כיפורדיקע פּראַכט, ליכטיקייט און ציכטיקייט אין יעדער ווינקעלע; אָבער ווי נאָר איך האָב איבערגעשפּרייזט די שוועל, איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן:

אין שול איז געווען חושך, נאָר פון ווייטנס, קענטיק וואו ס'איז געשטאַנען דער ארון־קודש, האָט געפלעמלט אַ ליכטל. דער סופית איז אַזוי ווי פאַרשוואונדן אין דער פינצטערניש און ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער חלל איז אָפּן אַזש ביזן הימל.

אין שול איז געווען אַ רעש און געפּילדער. מען האָט ניט געהערט, ווי די ייִדן דאַווענען. נאָר פון אַ זייט, קענטיק פון דער ווייבערשער שול, האָבן זיך געטראָגן יללות און האַרץ־רייסנדיקע געוויינען. דאָס האָבן די ווייבער געבעטן רחמים ביי דעם רבונו־של־עולם און געוואָלט אָפּשרייען דעם גזר מן השמים.

איך בין געשטאַנען מיטן ייִנגעלע אויפן האַנט פאַרגליווערט ווי אַ שטיין. איך בין געווען דורכגענומען פון אַ געפיל, אַז איך שטיי מיט אַן עדה פאַרזינדיקטע ייִדן און מיר בעטן ביי דעם איבערשטן, ער זאָל אונדז מוחל זיין אונדזערע זינד, און מיר וואַרטן, אַז די הימלען זאָלן זיך שפּאַלטן און אַ געטלעכע שטים זאָל אויסרופן: סלחתי כדבריך.

מיין יינגעלע איז געווען שטאַרק דערשראָקן פון גאַנצן אימהדיקן בילד און איך האָב געפילט, ווי ס׳ציטערט זיין קערפּערל.

איך האָב גענומען שטופּן זיך צום אַרויסגאַנג און בין אַוועק צוריק צו די פינצטערע געטאָ־געסלעך, צוריק צו זיך אַהיים — אַהיים, וואו ס׳איז געווען יום־כיפּורדיק יעדער טאָג אין געטאָ.

מיין ברודער קומט אום צוליב אַ יידן

מיין יינגערער ברודער יצחק איז געווען אַן ערלעכער, שטילער און אַרבעטסזאַמער מענטש. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פיין מיידל, זיי האָבן געהאַט אַ טייערן יינגעלע און געלעבט גליקלעך.

אין ווילנער געטאָ, וואוהין די דייטשן האָבן אונדז אַריינגעטריבן, האָבן מיר צוזאַמען געלעבט, געהונגערט, געליטן און צוזאַמען געהאָפט אויף בע־סערע צייטן.

ווען עס האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז די דייטשן קלייבן זיך צו ליקווידירן ווילנער געטאָ, האָבן אַ סך גענומען זוכן ערטער ביי די קריסטן, פאַר גוטע פּרייזן, וואו זיך אויסצובאַהאַלטן. אויך מיין ברודער האָט געזוכט אַזאַ „מאַלינע״ פאַרן פּרייז פון זיין שפּאָגל־נייעם טייערן פוטער. ער האָט געפונען אַ באַקאַנטן קריסט, וועלכער האָט מסכים געווען פאַרן פוטער אויסצובאַהאַלטן אים מיט זיין ווייב און זון. זיי האָבן באַשטימט אַ צייט, ווען דער קריסט וועט צופאַרן צום געטאָ און זיי נעמען צו זיך.

אויסערן פוטער האָט אָבער מיין ברודער ניט געהאַט קיין גראָשן און ער האָט זיך געקלעמט, מיט וואָס וועט ער קויפן עסנוואַרג.

גראָד אין יענער צייט איז צום ברודער געקומען אַן אַלטער באַקאַנטער, יואלקע, אַ געוועזענער פאַבריקאַנט, און האָט אים דערציילט, אַז ער וויל אַרויס פון געטאָ מיט אַ פרוי און האָט געפרעגט ביי דעם ברודער, אפשר האָט ער אַ באַקאַנטן דייטש, וועלכער זאָל זיי צופירן ביז דער מאַלינע.

אין געטאָ האָט דער ברודער די גאַנצע צייט געאַרבעט אין אַ דייטשער איינהייט. האָט ער זיך דורכגערעדט מיט אַ דייטש אין אַט דער איינהייט און יענער האָט מסכים געווען דורכצופירן דעם עסק פאַר אַ געוויסן סכום געלט.

יואלקע האָט געבעטן, אַז דער ברודער זאָל אויך מיט זיי מיטגיין ביז דער מאַלינע. ער האָט עס מאָטיווירט דערמיט, וואָס ער קאָן ניט דעם דייטש און במילא האָט ער ניט קיין צוטרוי צו אים. דאָס געלט — האָט ער געזאָגט — וועט ער באַצאָלן דעם ברודער לעבן מאַלינע.

מיין ברודער האָט זיך געפונען אין אַ קריטישער פינאַנציעלער לאַגע. ניט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָט ער באַשלאָסן צו שטעלן זיין לעבן אין ריזיקע און האָט מסכים געווען צו גיין מיט יואלקען.

אין דער באַשטימטער צייט האָבן זיך לעבן געטאָ באַגעגנט יואלקע, די פרוי, מיין ברודער מיטן דייטש. דורכגייענדיק גאַסן מיט געסלעך — אונטער כלומרשטן אַרעסט — האָבן זיי צום סוף זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ הויף. יואלקע האָט געבעטן דעם ברודער צוצוואַרטן עטלעכע מינוט, ווייל ער גייט אַריין אין זיין מאַלינע נעמען דאָס געלט. יואלקע האָט גענומען די פרוי און איז מיט איר אַריין אין אַ געסל צווישן די הייזער.

דער ברודער איז געשטאַנען מיטן דייטש און געוואַרט איבער אַ שעה צייט אויף יואלקען. יואלקע איז אָבער מער ניט געקומען.

דער דייטש איז געוואָרן שרעקלעך אין כעס און האָט גענומען סטראַשען דעם ברודער, אַז אויב ער וועט אים גלייך ניט אָפּצאָלן די צוגעזאָגטע סומע, וועט ער אים אָוועקפירן אין געשטאַפּאָ. דער ברודער האָט דעמאָלט דערציילט דעם דייטש דעם גאַנצן אמת וועגן יואלקען. דער דייטש איז געוואָרן נאָך מער אויפגערעגט און האָט געוואָלט גיין אויפזוכן יואלקען אין די אַרומיקע הייזער און שיסן אים אויף אַן אָרט. דער ברודער האָט אים

אָבער באַרואיקט און באַין ברירה האָט ער צוגעזאָגט דעם דייטש, אַז אַנשטאָט געלט וועט ער אים אָפּגעבן זיין פוטער.

זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין געטאָ און דער ברודער האָט צו־געטראָגן דעם דייטש זיין פוטער, אין וועלכן ער האָט געזען זיין האָפענונג צו בלייבן לעבן מיט זיין משפחה.

דעם זעלביקן אָוונט איז צום ברודער געקומען זיין באַקאַנטער קריסט צו נעמען אים צו זיך אין דער מאַלינע.

דער ברודער האָט דערציילט דעם קריסט, וואָס ס'איז היינט געשען. דער גוי האָט אָבער געטענהט, אַז ער האָט געדונגען אַ פור און דאַרף דער־פאַר באַצאָלן און געפאָדערט פון ברודער געלט. דער ברודער, אַ דערשלאָ־גענער, האָט אַראָפּגעצויגן פון זיינע פיס די שטיוול און האָט זיי אָוועקגע־געבן דעם קריסט.

אַ באַרוועסער האָט דער ברודער זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ בענקל. ער האָט געקראָגן הויכע היץ און געברענט ווי אַ פייער. די ווייב האָט אים געבעטן, ער זאָל זיך אויסטאָן און לייגן זיך אין בעט, ער איז אָבער אַזוי אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט אויפן בענקל און געהאַלטן אין איין איבערחזרן: איך מוז נאָך לעבן, כדי אָפּצורעכענען זיך מיט יואַלקען, מיין מלאך־המות.

אין דער פרי איז מיין שוועגערין מיטן ייִנגעלע אַרויס אין געטאָ זוכן אַ דאָקטער, אפשר וועט ער קענען ראַטעווען איר קראַנקן מאַן. אין דער צייט זיינען אַריינגעקומען דייטשן אין ברודערס צימער און האָבן אים אַ קראַנקן און אַ באַרוועסן אַרויסגעשטופּט אויפן גאַס און שפּעטער אָוועקגע־פירט דאָרטן, פון וואַנען קיין לעבעדיקער ייד איז שוין ניט געקומען צוריק.

מיינע צוויי יינגלעך

אַלע עלטערן האָבן אַ שוואַכקייט צו זייערע קינדער. זיי מיינען, אַז זייערע קינדער זיינען די שענסטע און די גרעסטע אין דער וועלט. איך מיט מיין וויב זיינען ניט געווען קיין אויסנאַם. אויך מיר האָבן געמיינט, אַז אונדזערע יינגלעך זיינען אויסערגעוויינלעכע. מיר פלעגן זיך מיט זיי באַרימען און גרייסן זיך און איבערדערציילן זייערע חכמות.

ביזן אַריינגיין אין געטאָ איז אונדזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געווען קאָנצענטרירט אויף די קינדער. עס איז אונדז קיין זאַך ניט געווען צו שווער צו טאָן פאַר זיי. ווען מיר זיינען אַריין אין געטאָ, האָט פאַר אונדז עקסיסטירט נאָר די פּראָבלעם, ווי אַזוי קומט מען דורך, ווי אַזוי לעבט מען איבער די אַלע טויטגעפאַרן, וואָס האָבן געלויערט אויף יעדער טריט. צוליב דעם איז דער קאָפּ געווען פאַרנומען מיט דער פראַגע, וואו נעמט מען אַ שטיקל ברויט און ווי ראַטעוועט מען זיך פון לויערנדיקן טויט. און כאָטש די דאָזיקע אַלע זאָרגן זיינען קודם־כל געווען פאַרבונדן מיט אונדזערע קינדער, האָבן מיר זיי אָבער דאָך ניט געקענט שענקען די באַרמאַלע אויפמערקזאַמקייט.

קינדער בלייבן אָבער קינדער. זיי האָבן ניט געקענט פאַרשטיין, אַז מיר זיינען אַלע געלעגן אין אַ טויטפּאַסטקע און אַז אַ ליאַדע מינוט האָט געקענט קומען אויף אונדז דאָס אומגליק. זיי האָבן ניט געוואָלט אויפגעבן פון זייער פריווילעגיע און געוואוינהייט — זיך שפּילן. פלעגן זיי אין דער פרי זיך אַריינכאַפּן צו מיר אין בעט און אָנהייבן שטיפן.

אין די פרימאָרגנס בין איך אָבער געווען אויסגעמאַטערט און צעבראָכן פון אַ טאָג שווערער אַרבעט און זיך שוין געמוזט איילן צו דער שקלאַפן־אַרבעט פון אַ נייעם טאָג. איך האָב געפּרואווט יוצא זיין פאַר די קינדער

און זיך מאַכן שפּילנדיק, אָבער זייער נאַטירלעכער חוש האָט זיי אונטער־געזאָגט, אַז ס׳איז ניט אויפריכטיק פון מיין זייט, און פּאַראַיבלדיק און ניט צופרידענע פלעגן זיי אַוועק פון מיר.

האָבן מיינע יינגלעך דעמאָלט פאַרשטאַנען, וויפל געזונט אַזאַ שפּיל קאָסט מיר? — זיי זיינען נאָך צו קליין געווען אויף דעם, און גוט, וואָס זיי זיינען נאָך אַזוי קליין געווען.

מיין פרוי האָט זיך אַ ביסל מער פאַרנומען מיט אונדזערע יינגלעך. זי פלעגט זיי דערציילן מעשיות און דעם עלטערן אַפילו אויסגעלערנט לייענען.

נו, איז וואָס?

און אַז דיביידע קינדער האָבן אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן און באַוואונדערט געוואָרן פון שכנים — איז וואָס?

איז דאָס ניט געווען נאָך וויטיקדיקער און נאָך צערדיקער?

וואָס שענער אַ קינד איז געטאָ איז געווען, וואָס פעאיקער עס איז געווען און וואָס ליכטיקער זיין צוקונפט האָט געשיינט — אַלץ טיפער איז געווען דער וויטיק, אַלץ גרעסער דער צער.

מיינע צוויי יינגלעך, איך האָב געוואוסט זייער „צוקונפט" — אין אַ וואָך אַרום, אין אַ טאָג אַרום, אפשר אין אַ שעה אַרום —

און דער צאָרן האָט געברענט אין האַרצן — אָנמעכטיקער צאָרן.

און דער וויטיק האָט געברענט — אָנהילפיקער וויטיק.

און דער דייטש האָט געשאָכטן: מענער, פרויען און קינדער, קינדער, קינדער.

זייגערלעך

די קינדער האָבן זיך היינט אויפגעכאַפּט פריער און זייִנען שוין אין גאַס. איך און מיין ווייב האָבן זיך אויסגעלערנט אין געטאָ צו שווייגן, ווייל ווי נאָר מיר הייבן אָן צו ריידן, קומען מיר צו דער אַנגעוויטיקטער פראַגע: די קינדער. איז שטיל אין קאַלטן צימער, אומעטיק שטיל.

פלוצלונג איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן, אין צימער זייִנען אַריינגעלאָפן ביידע יינגלעך. דער עלטערער, דער זעקס יאָריקער, האָט געהאַלטן אין זייִנע הענטלעך אַ טאַץ מיט זייגערלעך און אַ צופרידענער האָט ער אַ זאָג געטאָן: זע, מאַמע, וואָס איך האָב געבראַכט.

אויף דער פראַגע, וואו ער האָט גענומען די זייגערלעך, האָט מיין יינגעלע דערציילט, אַז ביי אונדזער שכן דעם זייגער־מאַכער איז די טיר געווען אָפן. ער איז אַריין אינעווייניק און דאָרטן קיינעם ניט געטראָפן. אויפן טיש איז געשטאַנען דער טאַץ מיט די זייגערלעך, האָט ער דאָס גענו־מען און געבראַכט אַהיים.

מיין יינגעלע האָט ניט געקענט וויסן, וואָס פאַר אַ בלוטיקע טראַגעדיע עס האָט זיך אָפּגעשפּילט די נאַכט ביים זייגער־מאַכער און אַז מען האָט צוגענומען אים און זיין גאַנצע פאַמיליע. ער האָט ניט געקענט פאַר־שטיין, אַז די רוצחים האָבן ביי נאַכט אָוועקגעפירט פון דאָרטן — און פון אַנדערע הייזער — די לעבעדיקע צום טויט און געבליבן זייִנען נאָר די טויטע זאַכן.

פאַר די קינדער האָט מען ניט געקענט אויפקלערן די גאַנצע טראַגעדיע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט די זייגערלעך, האָט מיין ווייב זיי נאָר געזאָגט, אַז פרעמדע זאַכן טאָר מען ניט נעמען, אַפילו ווען די טיר אין

הויז איז אָפן, און מען מוז די זייגערלעך אָפּברענגען צוריק אויף זייער אָרט.

איך האָב בשעת מעשה געקוקט אויף די פּיסלעך פון מיינע קינדער, וואָס זיינען געווען בלאָ פון קעלט. איך האָב געטראַכט, צי וואָלט טאַקע געווען אַן אומרעכט, ווען איך נעם צו די זייגערלעך, וואָס זיינען שוין ממילא געווען הפקר, און ניץ דאָס באַקומענע געלט אויף שיכלעך פאַר די קינדער און אויף ברויט פאַר זיי?

שטעקט ניט אַ מאָל אין צו פיל צידקות ניט באַמערקטע רשעות?

אין דעם אומנאַרמאַלן, אוממענטשלעכן לעבן פון געטאָ איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו טראַכטן וועגן דעם.

ווען מיר זיינען געבליבן אַליין, האָב איך מיין פרוי געפרעגט, פאַר וואָס זי האָט אַזוי געהאַנדלט.

איך האָב איר געזאָגט, אַז די זייגערלעך זיינען דאָך געבליבן אויף הפקר, עמעצער וועט זיי דאָך סיי־ווי־סיי צונעמען, האָב איך דאָך געקענט זיין דער „עמעצער", פאַרקויפן די זייגערלעך און פאַרן געלט קויפן שיכלעך און ברויט פאַר די קינדער.

אויף דעם האָט מיין ווייב מיר געענטפערט, אַז די קינדער פאַרשטייען נאָך ניט אַזעלכע אויסרעכענונגען און אויב מיר ווילן האָבן ערלעכע קינדער, דאַרפן מיר זיי לערנען, אַז קיין פרעמדע זאַכן טאָרן זיי ניט נעמען. צוליב דעם „אפשר" פון קענען איבערלעבן אונדזער איצטיקן גיהנום, האָב איך געמוזט אַזוי האַנדלען.

פון אָט דער פּאַסירונג זיינען שוין פאַרלאָפן פינף און צוואַנציק יאָר. די מעשה מיט די זייגערלעך איז געטאָ איז איינע פון די יעניקע עפּיזאָדן, וואָס לאָזן מיר ניט פאַרגעסן מיין ווייב און צוליב וועלכע איך האַלט הייליק איר אָנדענק.

קינדערשרעק פאַר דער עקידה

אין געטאָ איז געווען אַ חדר. אָפיציעל איז דאָס געווען פאַרווערט און פאַרבונדן מיט דער גרעסטער שטראָף, אָבער יידן האָבן ריזיקירט מיטן לעבן און ניט אָפגעשטעלט דעם חינוך פון זייערע קינדער אַפילו אין די שרעק־לעכע באַדינגונגען פון געטאָ.

דער צימער פון חדר איז געווען אָפגעלאָזן. ס׳זיינען געשטאַנען עטלעכע בענקלעך און קעסטלעך צו זיצן פאַר די תלמידים און אַ הינקענדיקער שטענדער פאַרן רבין. דער מלמד איז געווען אַ פיינער ייד, אַ לערנער און אַ קוואַליפיצירטער פּעדאַגאָג. מיט זיינע מעשהלעך פון חומש האָט ער צו־געצויגן די קינדער, אַז זיי האָבן אַפילו ניט געוואָלט גיין אַהיים.

מיין עלטערער יינגעלע, שוין אַ פינף־יאָריקער, איז אויך געגאַנגען אין זעלביקן חדר. דאָ האָט ער זיך דערוואוסט וועגן יידישן גאָט און איז געוואָרן זייער פרום. ס׳האָט זיך ביי אים פונאַנדערגעשפּילט זיין קינדערשע פאַנטאַזיע און ער האָט געוואָלט דערגיין אַלע סודות וועגן גאָט, הימל, טויט וכדומה. מיינע תשובות האָבן אים ניט אַלע מאָל באַפרידיקט, אָבער צום רבין האָט ער געהאַט מער צוטרוי.

ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביי אַברהמען, איז דער יינגל געוואָרן פריילעך און אויפגעלעבט. אַברהם איז אים געווען זייער געפעלן, ווייל ער איז געווען דער ערשטער ייד און ווייל ער איז געווען דרייסט און צעבראָכן תרפים געצן.

איין מאָל איז דער יינגעלע געקומען פון חדר אַ דערשראָקענער. ער האָט געלערנט, ווי אַברהם האָט געפירט זיין זון יצחק צו דער עקידה. דער רבי האָט פאַר זיי געשילדערט, ווי אַברהם איז געשטאַנען גרייט מיטן

מעסער צו קוילענען יצחקן און אים ברענגען אַ קרבן פאַר גאָט, נאָר אין לעצטן מאָמענט האָט גאָט זיך מרחם געווען און יצחק איז ניט געשאָכטן געוואָרן.

מיין ייִנגעלע איז געווען צו יונג צו פאַרשטיין די טויטגעפאַר, וואָס לויערט אויף אונדז, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער געפילט, אַז מען דאַרף מורא האָבן פאַר די דייטשן. זייער אָפט פלעגט ער קומען צו לויפן אַהיים און אויסשרייען: מורער איז אין געטאָ, באַהאַלט זיך גיכער! מורער איז געווען דער תלין פון ווילנער געטאָ. ווען ער פלעגט קומען אין געטאָ, פלעגן די יידן בלייבן טויטע און אָנזאָגן איינער דעם אַנדערן: מורער איז אין געטאָ.

מיין ייִנגל האָט ניט איין מאָל געהערט דאָס וואָרט „קרבנות" אין געטאָ. און כאָטש ער האָט ניט פאַרשטאַנען זיין געגוייִעם באַטייט, האָט ער אָבער געפילט, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט יסורים און פּיין. דעריבער איז ער געווען אַזוי אויפגעבראַכט וועגן יצחקס עקידה. ער האָט אויפגעהערט צו עסן און צו טרינקען, ער האָט פיינט געקראָגן אַברהמען און האָט געהאַלטן אין איין באַדויערן יצחקן, וואָס ער איז שטענדיק אין סכנה, אַז זיין טאַטע זאָל אים ברענגען פאַר אַ קרבן.

פון דעמאָלט פלעגט ער אָפט צוגיין צו מיר, איינקוקן זיך טיף אין מיינע אויגן און אַ פרעג געטאָן: „טאַטע, מיך וועסטו ניט פירן צו דער עקידה?"

ביי מיר מיט מיין ווייב פלעגן צעגיין די הערצער. מיר האָבן זיך גע־סטאַרעט אים צו באַרויקן, נאָר ס'האָט ניט געהאָלפן. דער ייִנגעלע איז געוואָרן אומעטיק און טרויעריק. דאָס הערצל האָט אים, משמעות, אונטער־געזאָגט, אַז דער דייטשער גאָט וויל קליינע יידישע קינדער ווי קרבנות — אַזעלכע קינדער, ווי ער און זיין ברודערל.

אויפן בית־עולם וואַקסן אויך בלומען

די ווילנער געטאָ איז פּאַקטיש שוין געווען אַ בית־עולם, אלא וואָס, די מתים האָבן זיך נאָך באַוועגט, ביז וואַנען די דייטשן וועלן זיי טרייבן אויף פּאָנאַר, כדי דאָרט איבערצולאָזן זייערע טויטע קערפּערס.

דער מענטשלעכער מוח קען גאָרניט באַגרייפן, ווי אַזוי די צום טויט פאַרמשפּטע יידן, געפינענדיק זיך אין פאַנטאַסטיש־שווידערלעכע באַדינגונ־גען, זיינען ניט אַריינגעפאַלן אין אַ פולשטענדיקן יאוש און זיינען נאָך געווען אַקטיוו אויף יעדער געביט פון לעבן, פּונקט אַזוי ווי אין נאָרמאַלע צייטן.

אָט די מערקווערדיקע אנאמאליע האָבן מיר צוגעזען אין ווילנער געטאָ. די נאָך לעבעדיקע מתים האָבן געהאַלטן אין איין בויען און אויפהאַלטן אינסטיטוציעס, ווי טעאַטערס, ביבליאָטעקן, בתי־מדרשים און שולן, חדרים — און וואָס ניט ?

אויב הייַנט האָבן די דייטשן צוגענומען אַ טייל פון פּערסאָנאַל אין אַן אינסטיטוציע, האָבן אויף מאָרגן אויסגעפילט די פרייע פלעצער אַנדערע — און די אַרבעט איז ווייטער אָנגעגאַנגען.

די געטאָ־יידן האָבן פאַרשטאַנען, אַז איצטער איז ניט די צייט און דאָ איז ניט דער אָרט צו פאַרנעמען זיך מיט קולטורעלע און דערציערישע ענינים, נאָר משמעות, אַז די אמונה און דער טראַדיציאָנעלער דראַנג צום גייסטיקן לעבן האָבן זיי צוגעגעבן קוראַזש, אַפילו אין היטלעריסטישן עמק הבכא, צו ווידמען זייער ענערגיע אויפצוהאַלטן פאַלקסאַנשטאַלטן, וואָס זיינען זיי נאָענט צום האַרצן.

כדי צו באַרעכטיקן זייערע מעשים פלעגן זיי אָפט באַנוצן זיך מיטן ווערטל :

אויף אַ בית־עולם וואַקסן אויך בלומען.

דער גורל פון „באַהאַלטענע"

אין ווילנער געטאָ האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן טרויעריקע נייס. מען האָט גערעדט, אַז די דייטשן גייען ליקווידירן די געטאָ.

אין געטאָ זיינען געווען יידן, וועלכע האָבן נאָך געהאַט גאָלדענע מטבעות אָדער אַמעריקאַנער דאָלאַרן און זיי האָבן געדונגען ביי די קריסטן אין שטאָט באַהעלטענישן, „מאַלינעס". זיי האָבן אָפּגערעדט, אַז ווען ס'וועט האַלטן ביי דער ליקווידאַציע פון געטאָ, וועלן זיי דעמאָלט קומען צו די פּאָליאַקן אין די צוגעגרייטע מאַלינעס.

מיטוואָך, דעם 22סטן סעפּטעמבער, 1943, ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז מאָרגן וועלן אונדז די דייטשן אַרויסטרייבן פון געטאָ, האָבן די דאָזיקע יידן גענומען פאַרלאָזן די געטאָ און דורך אַ לאָך אין אַ וואַנט אויף סטראַשונער גאַס 2 זיינען זיי אַוועק צו זייערע באַשיצערס, די פּאָליאַקן. איך האָב גראָד געוואוינט אין יענעם הויף און מיט קנאה צוגעקוקט זיך צו די יידן, וועלכע אַנטלויפן פון אַ זיכערן טויט.

צווישן די אַנטלויפנדיקע האָט זיך אויך געפונען מיינער אַ באַקאַנטער יונגערמאַן מיט זיין ווייב און טאָכטער.

מען האָט מיר דערציילט, אַז אין געטאָ זיינען דאָ נאָך עטלעכע הויפן, דורך וועלכע יידן שאַרן זיך אַרויס אין שטאָט אַריין.

דאָנערשטיק פרי האָט מען אונדז אַלעמען באַפוילן צו קומען אין יודן־ראַט אויפן הויף. אין מיטן הויף זיינען געשטאַנען עטלעכע דייטשע אָפּי־צערן און זיי האָבן אונדז פאַרזיכערט, אַז ס'וועט אונדז קיין שלעכטס ניט געשען. מיר מעגן זיין רואיק, אַז מיר פאָרן צוזאַמען מיט אונדזער משפחה אויף אַרבעט קיין עסטלאַנד. יידן זיינען געוואָרן אַ ביסל פריילעכער. מענטשן ווילן בעסער גלייבן אַ גוטע בשורה, אַפילו ווען זיי צווייפלען אין

איר. שפעטער האָט מען אונדז אַלעמען אַרויסגעפירט פון געטאָ. איך בין געווען מיט מיין ווייב און צוויי קליינע קינדער. ווי איך בין נאָר אַרויס אויפן גאַס, האָב איך גלייך דערזען, אַז די דייטשן האָבן אונדז פאַרנאַרט. ביי די זייטן פון די גאַסן איז געשטאַנען אַ וואַך פון הונדערטער באַוואָפנ־טע רוסישע געפאַנגענע און ליטווישע סאָלדאַטן. מיר האָבן מאַרשירט אין מיטן. די קינדער האָבן ניט באַנומען זייער לאַגע און גייענדיק האָבן זיי אַפילו געשטיפט און געטאַנצט.

אַז מיר האָבן זיך דערנענטערט צו ראַסע־גאַס, האָבן מיר דערזען אַ דייטש אין מיטן גאַס. מיך האָט ער געהייסן גיין רעכטס און מיין ווייב און קינדער — לינקס. איך האָב ביי אים אַ פרעג געטאָן, וואוהין נעמט ער זיי. ער האָט מיט אַ ציניש שמייכל געענטפערט: צו אַנטלויזונג. אָט דעם דייטש מיט זיין טייוולשן שמייכעלע זע איך אַלע טאָג. ער האָט זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין מיין זכרון.

איך האָב על־פי נס איבערגעלעבט דעם היטלער־גיהנום. נאָך דער באַפרייאונג בין איך אַוועקגעפאָרן צוריק קיין ווילנע. פון די הונדערטער יידן, וועלכע האָבן פאַרלאָזן די געטאָ דעם לעצטן טאָג און אַוועק צו זייערע פריינד די פאָליאַקן, כדי אויסצובאַהאַלטן זיך פון די דייטשן, האָב איך געטראָפן נאָר איינצלנע. וואו זיי אַלע זיינען אַהינגעקומען איז פאַר מיר אַ לאַנגע צייט פאַרבליבן אַ רעטעניש.

אויף מיין וועג פון אַנטלויפן פון דער בלוטיקער ערד האָב איך נאָך דער מלחמה זיך צופעליק געטראָפן מיט מיין פריינד, וואָס איז בעת דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ אַנטלאָפן צו זיין פוילישן באַקאַנטן. אויף מיין בקשה מיר צו דערציילן, ווי אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט, האָט ער מיר איבערגעגעבן אָט וואָס:

ווי נאָר איך האָב זיך דערוואוסט וועגן דער ליקווידאַציע פון געטאָ, בין איך גלייך אַוועקגעלאָפן צו מיינעם אַ פריינד, אַ פאָליאַק, און פאַר־געלייגט אים אויסצובויען פאַר מיר אַ מאַלינע. ער האָט מיך אַראָפגעפירט אין אַ קעלער און מיר פאַרזיכערט, אַז דאָ וועל איך קענען זיך אויסבאַ־האַלטן מיט מיין משפחה, ביז וואַנען דער דייטש וועט איינגעמען אַ מיתה־משונה. מיר זיינען מושווה געוואָרן אויף הונדערט גאָלד רובל. איך האָב אים געגעבן צוואַנציק רובל האַנטגעלט און די איבעריקע אַכציק רובל

האָב איך אים צוגעזאָגט צו געבן אין אָוונט, ווען מיר וועלן קומען צו אים.

דעם זעלבן אָוונט זיינען מיר אַרויס פון געטאָ. מיר — איך, מיין פרוי און טאָכטער — זיינען געגאַנגען אַלע דריי באַזונדער, ס'זאָל ניט זיין פאַרדעכטיקט. ס'האָט אויף אונדז געציטערט די הויט. מיר האָבן געהיט איינע די אַנדערע זיך ניט צו פאַרלירן. ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו מיין פריינדס הויף, האָבן מיר פון גליק, וואָס מיר זיינען אָנגעקומען בשלום, זיך צעקושט און געוויינט פון פרייד.

דער פּאָליאַק האָט אונדז אַראָפּגעלאָזן אין קעלער, ער איז געווען האַלב שיכור און געבעטן, אַז איך זאָל אים געבן דאָס רעשט געלט. איך האָב אים אָפּגעציילט די אַכציק רובל. ער האָט אַראָפּגעלאָזן דאָס געלט אין קעשענע. ער האָט מיר דערציילט, אַז זיינער אַ שכן נעמט פאַר אַזאַ קעלער צוויי הונדערט רובל און האָט מיך געהייסן דערלייגן נאָך הונדערט רובל. דערביי האָט ער מיך געזידלט, אַז איך בין אַ דרייער, אַן אויסנייצער און אַ הינטישער זון און אַז די דייטשן ווייסן, וואָס זיי טוען. איך האָב דערזען, אַז איך בין דאָ מיאוס אַריינגעפאַלן און אַז ס'האָט איצט ניט קיין שום זין זיך אויסצוטענהן מיט אַ שיכורן פּאָליאַק. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל זיך דורכריידן מיט זיין ווייב. איך האָב דאָס געטאָן קעגן זיין ווילן.

ווי נאָר איך בין אַרויסגעקראָכן פון קעלער אויפן הויף פון אַ צווייטער זייט טירל, האָב איך דערזען קעפּ פון דייטשע סאָלדאַטן, באַלויכטן מיט עלעקטרישע לעמפּלעך. איך האָב זיך גלייך אַריינגערוקט הינטערן פּאַרקן אין גאָרטן אַריין. איך האָב געזען, ווי ס'עפנט זיך אויף דאָס טירל און פון גאַס גייט אַריין די בעל־הביתטע און נאָך איר אַ צען דייטשע סאָלדאַטן מיט די לעמפּלעך אין די הענט. זי האָט די דייטשן געפירט גלייך צום קעלער. דאָס האַרץ האָט ביי מיר געקלאַפּט ווי מיט אַ האַמער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיין ווייב און טאָכטער זיינען שוין פאַר מיר פאַרלאָרן און איצטער, אויב ס'איז נאָר מעגלעך, דאַרף איך זיך אַליין ראַטעווען. איך בין אַריבערגעקראָכן איבער די בייטן צו דער אַנדער זייט גאָרטן און פאַרשטעלט זיך הינטער אַ בוים. פון קעלער זיינען אַרויסגעקראָכן די דייטשן און האָבן באַלויכטן דעם הויף. צווישן זיי איז געשטאַנען מיין ווייב און טאָכטער. איך האָב געזען, ווי דער בעל־הבית האָט

פון זיי ביידן אַראָפּגעצויגן זייערע מאַנטלען. די דייטשן האָבן געהאַלטן אין איין זוכן אין אַלע ווינקעלעך, מסתמא האָבן זיי דאָס מיך געזוכט. נאָכער האָבן זיי אַרויסגעפירט מיין ווייב און טאָכטער אויפן גאַס. אויפן הויף האָט געוויית מיטן טויט.

איך בין אַריבערגעשפּרונגען איבערן פּאַרקן און געלאָזן זיך לויפן איבער די פעלדער. איך בין אָפּגעלאָפן צוויי מעת־לעת, ביז וואַנען איך האָב אין וואַלד צופעליק אָנגעטראָפן אַ פּאַרטיזאַן. איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אָן זיין אָפּטיילונג. איך האָב געוואָלט נקמה נעמען פאַר מיין ווייב, טאָכטער און אַנדערע יידן. מיר זיינען צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי אַריין די ערשטע אין ווילנע. איך בין גלייך אַוועק אויפזוכן יענעם פּאָליאַק, נאָר איך האָב אים ניט געטראָפן.

נאָך דער דאָזיקער אויפקלערונג פון מיין פריינד איז מיר קלאָר געוואָרן די רעטעניש וועגן דעם גורל פון הונדערטער יידן, וועלכע האָבן פאַרלאָזן די געטאָ און געהאָפט צו באַקומען שוץ ביי זייערע באַקאַנטע פּאָליאַקן.

דריי ווילנער

פון דער יידישער ווילנע האָבן די נאַציס געמאַכט אַ באַרג אַש. איר טייערע יידישע יוגנט איז אויך אַוועק מיטן רויך. געוועזן צווישן זיי אַ סך פון מיינע חברים. וועגן דריי פון זיי ווילט זיך זאָגן עטלעכע ווערטער: ליאָלע פּיטקאָווסקי, אַבראַשע כוואַיניק און איזע אַנטאַקאָלסקי.

ליאָלע איז געווען אַ טאָכטער פון אַן אָרעמען זייגער־מאַכער. זי האָט שטודירט אין פראַנקרייך. כדי צו קענען שטודירן, האָט זי אין פּאַריז געטאָן פאַרשיידענע שוואַרצע אַרבעט. זי איז געווען אַן אמתע קלאַסישע שיינ־היט. איר פּרעכטיקער אויסזען האָט אָבער ניט באַווירקט איר באַשיידנקייט.

אויך איר אַרט לעבן איז ניט געווען אַזאַ, ווי מען איז געוואוינט צו זען ביי אויסערגעוויינלעך־שיינע מיידלעך. זי האָט אַ סך געלייענט און גענומען דאָס לעבן גאָר ערנסט. אַלע אירע באַקאַנטע האָבן געהאַלטן, אַז ליאָלע איז אַ טיפּ נישט פון לעבן, נאָר פון בוך. מיט דער צייט איז זי אַוועק קיין סאָוועט־רוסלאַנד און דאָרטן זיך איינגעאָרדנט.

די סאָוועטישע שרייבערין גינזבורג, וועלכע שילדערט אין איר איצט באַרימטן בוך „דער גרויזאַמער וועג” אירע ליידן און אָפּקומענישן אין סאָוועטישע תפיסות און לאַגערן, דערמאָנט צווישן אַנדערע אירע אַ פריינדין מיטן נאָמען פּיטקאָווסקי, וואָס איז אויף אַ שוידערלעכן אופן אומגעקומען אין אַ סאָוועטישער טורמע. לויט אַלע סימנים, איז דאָס די אַמאָליקע ווילנער אײַדעלע יידישע שיינהייט ליאָלע פּעטקאָווסקי.

***

אַבראַשע כוואַיניק האָט מען אין ווילנע גערופן דער „אייביקער סטו־דענט”. ער האָט זיך שטענדיק געלערנט און קיין מאָל ניט געענדיקט. דער אמת איז, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין גרויס חשק צו שטודירן זיין לימוד — יוריספּרודענץ. דערפאַר אָבער איז ער געווען אַ ליידנשאַפטלעכער לייענער, ער האָט ממש געשלונגען ביכער. ער האָט גוט געקענט די יידישע, פּוילישע, רוסישע און אַ טייל העברעאישע ליטעראַטורן. זיין פרנסה האָט ער געצויגן פון לערערייַ, אָבער דאָס האָט אים ניט אַלע מאָל געגעבן אויף דער מאַ־גערסטער אויסקומעניש. אַבראַשע איז געווען זייער אַן ערלעכער מענטש. ער האָט קיין מאָל ניט געזאָגט קיין ליגן און קיין מאָל ניט פאַרנומען אַ פרעמדן גראָשן. ער פלעגט אַ מאָל אונטערהונגערן אויך, נאָר ער פלעגט אויסמיידן צו לייען געלט, טאָמער וועט ער עס ניט קענען אומקערן.

אַבראַשע האָט זיך ניט אויסגעצייכנט ווי אַ מאַסן־רעדנער, אָבער אין אַ היימישער סביבה פלעגט ער באַצויבערן מיט זיינע רעדעס און רעפּע־ראַטן.

אבראַשע איז געווען אַן אַקטיווער בונדיסט, אָבער ער האָט קיינעם נישט געוואָלט אָנוואַרפֿן זיינע איבערצייגונגען.

אין דער צייט פֿון דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט ער אין ווילנער געטאָ געהאָלפֿן אָרגאַניזירן די פּאַרטיזאַנער און געשיקט זיי אין וואַלד. ער איז אַליין פֿאַרבליבן אין געטאָ ביזן לעצטן טאָג. ווען ער האָט פֿאַרלאָזן די געטאָ, האָבן אים אויפֿן וועג אָפּגעשטעלט דייטשן און איינער האָט געוואָלט אים אונטערזוכן. ער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און דעם דייטש דערשאָסן אויפֿן אָרט. די איבעריקע דייטשן זיינען אים באַפֿאַלן און מערדערלעך צעשלאָגן. אויף צו מאָרגנס האָבן זיי אים אויפֿגעהאָנגען אויף ראַסע־גאַס און אונדז, די לעצטע פֿון ווילנער געטאָ, האָבן זיי געצוואונגען צו מאַרשירן אונטער זיין געהאָנגענעם קערפּער.

* * *

פֿון אַ גאַנץ אַנדער טייג געקנאָטן איז געווען איזע אַנטאַקאָלסקי, אַ ווילנער טיפּישער בחור מיט אַ צומיש פֿון רוסיש־אַריסטאָקראַטישע בייגונגען. דער צומיש איז ביי אים געווען אַן אָרגאַנישער און דאָס האָט אים געקליידט. ער איז געווען אַ פּלימעניק פֿון באַרימטן אַנטאַקאָלסקי.

איזע האָט אַלץ גענומען לייכט. ער האָט פֿיינט געהאַט צו פֿיל זיך אָנצושטרענגען. ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער אַקטיווער בונדיסט, אָבער ניט קיין פֿאַנאַטיקער. ער האָט שטודירט מעדיצין, אָבער געענדיקט האָט ער שפּעטער פֿון אַלע זיינע חברים. „צו וואָס זיך איילן?" — פֿלעגט ער זאָגן. איזי איז געווען אָרעם און אַ מאָל אויך געהונגערט. אין מיין שטוב איז ער געווען אַ בן־בית און דאָך פֿלעגט אונדז אָנקומען זייער שווער צו פּועלן ביי אים, ער זאָל עסן מיט אונדז.

איזע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אַרטיסטישע פֿעאיקייטן. שטענדיק געווען גוטמוטיק און פֿריילעך. אין אַ געזעלשאַפֿט איז ער שטענדיק געווען אָנגענעם. ער האָט פֿאַרמאָגט אַן איידעלע, פֿילנדיקע נשמה, האָט פּשוט ניט געקענט באַליידיקן אַ מענטשן אָדער באַריידן עמעצן. מיט זיין איידלקייט און איבערגעגעבנקייט האָט זיך איזע אויסגעצייכנט אויך אין געטאָ.

די דייטשן האָבן געהרגעט זיין שוועסטער מיט איר מאַן. ס'איז געבליבן זייערס אַ קינד, אַ קליין מיידעלע. איזע האָט צוגענומען דאָס מיידעלע

צו זיך און האָט אויפגעפּאַסט אויף איר, ווי אַ מאַמע. ער האָט זי ניט איבער־געלאָזן אויף איין מינוט. וואו ער איז נאָר געגאַנגען, האָט ער מיטגענומען דאָס קינד. ער האָט אַליין געהונגערט, אָבער דאָס מיידעלע האָט שטענדיק געהאַט וואָס צו עסן. ער פלעגט דאָס מיידעלע וואַשן, אָנטאָן און פאַרקאַמען.

די דייטשן האָבן אים פאַרברענט ערגעץ וואו אין אַ קאַצעט אין עסט־לאַנד.

און דאָס מיידעלע?

ווער ווייסט, וואו איר אַש איז צעשפּרייט געוואָרן.

אירענאַ זשעשאָווסקאַ

ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט ווילנע אין 1941, בין איך געווען אַ דירעקטאָר אין אַ ליטווישער מלוכהשער וועשפאַבריק. כמעט אַלע בייטאַרינס אין פאַבריק זיינען געווען יידישע מיידלעך. די פּרעסערינס זיינען געווען קריסטנס. נאָך עטלעכע טעג פון נאַצישער הערשאַפט האָבן מיינע דירעק־טאָרן פאַראָרדנט, אַז מען זאָל אָפּזאָגן אַלע יידישע אַרבעטערס און אויף זייער אָרט צונעמען קריסטלעכע. מיך, ווי אַ קוואַליפיצירטן אַרבעטער, האָבן מיינע דירעקטאָרן איבערגעלאָזן. איך האָב, באַטירלעך, אויסגעפילט זייער פאַראָרדענונג מיט אַ פיינלעכן געמיט. איך האָב רעגיסטרירט און צוגענומען צו דער אַרבעט פוילישע מיידלעך. דאָס זיינען געווען אַרבעטסלאָזע, ניט

קוואַליפיצירטע נייטאָרינס און אַפילו מיידלעך מיט אַ צוויפלדיקער פאַר־גאַנגענהייט.

אַן אויסנאַם איז געווען נאָר איינע, וועלכע האָט מיט איר פּריצישן אויסזען און פיינע מאַניערן ביי מיר אַרויסגערופן אַ פאַרוואונדערונג, הלמאי זי איז געקומען אָננעמען אַ שטעלע פון אַ בילקער נייטאָרין. זי האָט זיך רעגיסטרירט ווי אירענאַ זשעשאָווסקאַ, אַ שניידערקע, 24 יאָר אַלט.

די פוילישע מיידלעך האָבן אָנגעהויבן לגבי מיר אַן אַנטיסעמיטישע אַקציע. ווי נאָר איך פלעג אַריינקומען, פלעגן זיי אויפהערן צו ריידן צווישן זיך און מיך באַגלייטן מיט בייזע בליקן און שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן מיך אויסצופייפן. איינע פון זיי איז אַפילו אַוועק צו די דייטשן און געמסרט, אַז ביי זיי אַרבעט אַ ייד, וואָס מען קען זיך באַגיין אָן אים. די דייטשן האָבן וועגן דעם מיטגעטיילט מיינעם אַ דירעקטאָר, גראָד מיינער אַ גוטער פריינד, וועלכער איז געקומען אין פאַבריק און געוואָרנט די מיידלעך, אַז זיי זאָלן דאָס מער ניט טאָן און אויב מען וועט דאַרפן אָפּזאָגן דעם יידן, וועט ער דאָס אַליין טאָן, אָן זייער הילף. זיי האָבן זיך אַ ביסל באַרואיקט, נאָר די אַטמאָספער איז נאָך אַלץ געווען אַ פאַרסמטע. איך פלעג אויסמיידן אַריינ־צוקומען אין פאַבריק און שטענדיק זיצן אין מיין צימער ווי אין אַ געטאָ. איין מאָל, זיצנדיק אַ טרויעריקער אין מיין צימער, האָט עמעצער אָנגע־קלאַפּט אין מיין טיר. אַ דערשראָקענע האָט זיך באַוויזן אירענאַ זשעשאָוו־סקאַ. זי האָט מיך געפרעגט, צי איך דאַרף האָבן ברויט. איך האָב איר גע־ענטפערט, אַז יאָ, נאָר איך האָב ניט מיט וואָס צו באַצאָלן. זי האָט איבער־געלאָזן דאָס ברויט און איז באַלד פאַרשוואונדן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך ווידער באַוויזן אין טיר אירענאַ זשע־שאָווסקאַ און איבערגעלאָזן אַ פּעקעלע מיט עסנוואַרג, ניט זאָגנדיק קיין איין וואָרט. אַזעלכע וויזיטן האָבן זיך געצוימען איבערחזרן סיסטעמאַטיש אַלע פּאָר טעג. איך האָב זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט, מחמת איך האָב ניט געוווּסט ווער איז דאָס מיידל און פאַר וואָס ברענגט זי מיר די פּעק־לעך. צוליב הונגער אָבער פאַרבייגן מיר אונדזער כבוד.

די שטאָפּן אין פאַבריק האָבן זיך ביסלעכווייז גענומען אויסשעפּן און קיין נייע זיינען ניט צוגעקומען. מיינע דירעקטאָרן האָבן באַשלאָסן אָפּצוזאָגן אַלע נייטאָרינס, נאָר איבערגעלאָזן צוויי מיידלעך און מיך, כדי איך זאָל זיין

אָפּיציעל באַשעפטיקט. זיי האָבן, לויט מיין אָנווייזונג, איבערגעלאָזן אירענאַן און נאָך איינע. ס'איז געוואָרן אַ מחיה. איך האָב זיך געקענט באַוועגן פריי און אירענאַ האָט שוין ניט מורא געהאַט צו ריידן צו מיר.

זי האָט מיר דערציילט פון וואַנען זי שטאַמט. איר טאַטע איז געווען אַ ווילנער קוראַטאָר און ער האָט זייער געהאַלטן פון דער פּאַכשול „הילף דורך אַרבעט". פאַרן צוטיילן דעם יידישן אַנשטאַלט אַ סובסידיע האָט מען אים באַזייטיקט. איצט זיינען זיי אָרעם און איר טאַטע גייט גראָבן קאַרטאָפל. פאַר זיין אַרבעט באַקומט ער טעגלעך אַ זעקל קאַרטאָפל און פון דעם לעבן זיי. איצט איז לייכטער, ווייל זי פאַרדינט אויך אַ ביסל. זי האָט מיר אויך דערציילט, אַז זי האָט געענדיקט געשיכטע אין ווילנער אוניווערסי־טעט, נאָר קיין לערערקע קען זי ניט ווערן, ווייל זי קען ניט קיין ליטוויש. זייענדיק אין אוניווערסיטעט האָט זי זיך פאַרליבט אין אַ וואַרשעווער סטודענט. זי האָט אים זייער האָלט. ער האָט זי געבעטן קומען קיין וואַרשע און דאָרט וועלן זיי חתונה האָבן. זי וועט פאָרן צו אים, נאָר אַ ביסל שפּעטער.

איך האָב מיט אירענען זייער פיל גערעדט. אָבער קיין מאָל ניט דער־מאָנט וועגן איר העלפן מיר. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ריידן וועגן דעם אָדער דאַנקען זי וואָלט געווען פאַר איר אַ באַליידיקונג. איך האָב געפילט, אַז יעדע זאַך, וואָס זי טוט פאַר מיר, איז פאַר איר געווען אַ ריין־מענטש־לעכער חוב.

אויפן הויף פון אונדזער פאַבריק האָט זיך געפונען אַ דייטשישער רעסטאָראַן. איין מאָל האָבן מיר פון דאָרט דערהערט שרעקלעכע קולות. אירענאַ איז אַראָפּגעגאַנגען זען וואָס דאָרט קומט פאָר. אין רעסטאָראַן איז געשטאַנען אַ האַלב־שיכורער דייטש מיט אַ לאַנגן מעסער אין האַנט און געשריען, אַז ער וועט זיך ניט באַרואיקן, כל־זמן ער וועט ניט קוילענען קיין יידן. אַ ליטווישע קעלנערין האָט ניט געקענט צוזען דעם צער פון דייטש און האָט אים געוואָלט מכבד זיין מיט מיר, כדי צו שטילן זיין בלוט־דורשטיקייט. ווען אירענא האָט דאָס דערהערט, איז זי אַרויפגעלאָפן אין פאַבריק ניט טויט ניט לעבעדיק און מיר געזאָגט, אַז מיין לעבן איז אין סכנה. זי האָט מיך אַריינגעשטופּט אין אַ צימערל, וואו איך האָב געקליבן דעם אָפּפאַל פון די שטאָפן און מיך פאַררוקט אין די שמאַטעס. דער דייטש

איז געקומען מיט אַ לאַנגן מעסער און געסטראַשעט אירענאַן, אַז ער וועט זי קוילענען, אויב זי וועט אים ניט אַנווייזן דעם יידן. אירענא האָט אים פאַרזיכערט, אַז דער ייד איז נאָך ניטאָ און האָט אים פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל וואַרטן אויף מיר. דער דייטש איז אַוועק אָן אַנטוישטער און איך בין אַרויסגעקראָכן פון די שמאַטעס.

ביים אַריינגיין אין געטאָ פלעגן די דייטשן קאָנטראָלירן יעדערן און צונעמען וואָס מען האָט געהאַט. זופּ האָבן זיי אָבער דערלויבט אַריינצוטראָגן. איך האָב וועגן דעם דערציילט מיינע דירעקטאָרן. זיי האָבן תיכף פאַראָרדנט צו קאָכן יעדן טאָג זופּ אין אַ קיך, כלומרשט פאַר זייערע אָנגעשטעלטע און פאַר די אַרבעטערס פון דער וועשפאַבריק. די קיך איז געווען ווייט פון פאַבריק און פאַר מיר איז געווען אַ סכנה צו גיין אַזאַ מהלך. אירענא האָט גאָרניט געוואָלט רײדן וועגן דעם. טאָג־טעגלעך פלעגט זי גיין אין קיך און קומען צוריק מיט אַן עמער זופּ. זי איז געווען אַ שוואַכע און פלעגט אַריינ־פאַלן מיט דער זופּ אין פאַבריק קוים אַ לעבעדיקע. פון פאַבריק פלעג איך שוין נעמען די זופּ און טראָגן אין געטאָ. אַ דאַנק דער זופּ האָט מיין משפחה נישט געליטן קיין הונגער אין געטאָ.

אַכט טעג פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ האָבן די דייטשן פאַרווערט די יידן אַרויסצוגיין אין שטאָט. ווען מען האָט געדאַרפט אַ יידן צו דער אַרבעט אין שטאָט, האָט אַ קריסט געמוזט דעם יידן בעמען פון געטאָ און אים צוריקברענגען. דאָס איז אָבער געווען אַ סכנה פאַרן קריסט, ווייל די דייטשן האָבן אים חושד געווען אין סימפּאַטיע צו יידן און אָפט פלעגן די דייטשן שיסן דערפאַר.

אירענאַ האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר דער געפאַר און יעדן אין דער פרי פלעגט זי קומען צום געטאָ־טויער מיך אַוועקפירן אין פאַבריק און שפּעטער פלעגט זי מיך ברענגען צוריק. מיט מיין ווייב פלעג איך אָפט ריידן וועגן אירענאַן. כדי אויסצודריקן איר דאַנקבאַרקייט, האָט מיין פרוי באַשלאָסן צו שענקען אירענאַן אַ טייערע בראָש, וואָס זי האָט ניט געוואָלט פאַרקויפן ביז היינט אָדער בייטן אויף ברויט. מיר זיינען צוגעגאַנגען צום טויער, אירענא האָט שוין דאָרט געוואָרט, מיין פרוי האָט זיך באַקענט מיט איר און האָט איר געגעבן די בראָשקע, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל און מיט

מיטלייד האָט זיך אירענאַ אָפּגעזאָגט פון דער מתנה, מיטן אויסרייד, אַז מיין פרוי וועט עס מער צו נוץ קומען.

מיט פופצן חדשים שפּעטער בין איך געקומען צוריק קיין ווילנע פון עסטישן קאַצעט ווי אַ פרייער בירגער. איך בין גלייך געגאַנגען זוכן אירענאַן. זי איז שוין ניט געווען. איך האָב געטראָפן אירן אַ ברודער. ער האָט מיר דערציילט, אַז אירענאַ איז אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע גלייך נאָכן ליקווידירן די געטאָ און דאָרטן חתונה געהאַט מיר איר חתן.

ניט דערמאָנענדיק אירענאַ זשעשאָווסקאַ אָדער פאַרגעסן זי וואָלט געווען אַ גרויסע עוולה.

פאַר די זינד פון די עלטערן

אין דער סאָוועטיש־אָקופּירטער ווילנע בין איך געווען אָנגעשטעלט ווי אַ פאַרוואַלטער אין אַ ליטווישער מלוכהשער פאַבריק. דער הויפּט־בוכהאַלטער, לאַרין, אַ געוועזענער רוסישער אַריסטאָקראַט, האָט צו מיר געשיקט אַ קוואַליפיצירטע בוכהאַלטערשע, אַ פּויליש מיידל, איינצופירן אין דער פאַבריק די ביכער.

נאָך אַ פּאָר וואָכן האָט דאָס מיידל געבראַכט אין אָרדענונג אַלע ביכער און איך האָב זי געדאַרפט צוריקשיקן צו איר פריערדיקער אַרבעט. זי איז אָבער צוגעשטאַנען צו מיר, אַז איך זאָל זי ניט אָפּשיקן, ווייל אין דער

הויפט־בוכהאַלטעריע אַרבעטען, אויסער לאַרינען דעם רוס, בלויז ליטווינער און זיי באַציען זיך צו איר, ווי צו אַ פּוילישער, זייער ניט העפלעך. איך האָב זיך דורכגערעדט מיט לאַרינען און ער האָט מסכים געווען איבערצולאָזן דאָס מיידל אין מיין פאַבריק. זי איז געווען זייער צופרידן. זי האָט פּשוט ניט געוואוסט, ווי אַזוי מיר אָפּצודאַנקען. ווען זי פלעגט ריידן מיט מיר, איז אויף איר פּנים שטענדיק געווען אַ זיסער שמייכל. זי האָט מיך געחנפעט. איר אויפפיר האָט מיך שאָקירט, אָבער מיט איר אַרבעט בין איך געווען צופרידן.

איין מאָל האָט זי אַפילו אַראָפּגעבראַכט אין פאַבריק אירע עלטערן, זיי האָבן אויסגעזען ווי אַלע פּריצים,ביידע מיט פאַררייסענע בעזער. זיי האָבן מיר געדאַנקט פאַר דער געפעליקייט, וואָס כ׳האָב געטאָן זייער טאָכטער און מיר אַפילו צוגעזאָגט ביי אַ געלעגנהייט דערפאַר אָפּצודאַנקען.

ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען ווילנע, האָט זיך די לאַגע אין גאַנצן געביטן. אָפיציעל בין איך געבליבן אויפן אַמט, פאַקטיש אָבער האָב איך פאַרלאָרן מיין גאַנצן אָנזען. באַזונדערס האָט צו דעם מיטגעווירקט די בוכהאַלטערשע. זי האָט זיך מאָמענטאַל געביטן, פּשוט ניט צו דערקענען. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פריערדיקע פאַלשע מאַסקע און ס׳האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַן אומפאַרשעמטע בלוטדורשטיקע חיה. זי האָט מיר ניט געענטפערט אויף מיינע באַגריסונגען. ווי זי פלעגט מיך נאָר דער־זען, פלעגט איר פּנים זיך אָנגיסן מיט רציחה.

איידער מען האָט אונדז אַריינגעטריבן אין געטאָ, האָב איך מיינע שטובּיקע זאַכן צעטיילט צווישן די פּוילישע מיידלעך אין דער פאַבריק. זיי האָבן עס געדאַרפט מיר אומקערן שפּעטער. די בוכהאַלטערשע האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט און זי האָט זיי געוואָרנט, אַז אויב איינע פון זיי וועט מיר עפּעס צוריקגעבן, וועט זי גלייך וועגן דעם מעלדן די דייטשן. קיין בעסערן תירוץ מיר ניט אומצוקערן די זאַכן האָבן די שיקסעס ניט גע־דאַרפט. ווי נאָר איך פלעג אַריינקומען אין פאַבריק, פלעגט זי מיך דורכ־שטעכן מיט די אויגן און איך האָב אָנגעהויבן אויסצומיידן אַריינצוקומען דאָרטן, וואו זי איז האָט זיך געפונען. מיט דער צייט איז זי געוואָרן די גאַנצע באַלעבאָסטע און זי האָט זיך אויפגעהערט צו ווענדן צו מיר נאָך אָנווייזונגען. איך בין געווען אַזוי הילפלאָז, אַז איך האָב זיך ניט געקענט

געבן קיין עצה. איך האָב זי געלאָזט זיך שפּילן מיט מיר ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז, איידער זי פאַרצוקט זי.

איין מאָל, ווען איך בין געזעסן אַ פאַריאושטער אין מיין צימער, איז צו מיר אַריינגעקומען לאַרין. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז שוין ניט מער דער הויפּט־בוכהאַלטער, נאָר אַז ער איז איצט דער פאַרוואַלטער איבער אַלע בעקערייען אין ווילנע. ער האָט מיר געבראַכט אַ לעבל ברויט. פון דאַן אָן האָט לאַרין אָנגעהויבן קומען צו מיר יעדער טאָג. איך האָב אים באַטראַכט ווי אַ מלאך פון הימל. ער האָט מיר געבראַכט ברויט און אויסער דעם איז ער געווען דער איינציקער קריסט, וועלכער האָט ניט מורא געהאַט אַריינצוקומען צו מיר און ריידן מיט מיר ווי מיט זיינס אַ גלייכן.

איין מאָל בין איך געזעסן מיט לאַרינען און געשמועסט, ווי פון דער גאַס האָט זיך דערטראָגן עפּעס אַ געשאַרך איבער די שטיינער. דורכן פענצטער האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ שוידערלעך בילד. יידישע פרויען מיט קינדער האָבן זיך לאַנגזאַם באַוועגט אויפן גאַס, דייטשן האָבן זיי געטריבן פון געטאָ אין דער ריכטונג פון די פּאָנאַרער וועלדער. איך האָב אָנגעשטרענגט מיין בליק און געזוכט צווישן דער מאַסע מיין וויב מיט די קינדער, וועלכע זיינען געבליבן אין געטאָ, בעת איך בין אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבעט. לאַרין איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער, ער האָט זיך ניט געטאָן קיין ריר. ווען די „פּראָצעסיע" איז פאַרביי געגאַנגען, האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט. איך בין געווען באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שוויס. לאַרין האָט אַ ווילע געשוויגן און דעמאָלט זיך אָנגערופן: מיינע באַקאַנטע האָבן מיר דערציילט וועגן אַזעלכע בילדער, נאָר דאָס, וואָס איך האָב היינט געזען, האָב איך זיך ניט געקענט פאָרשטעלן. ווי אַזוי האָבן עס די דייטשן באַוויזן אין אַזאַ קורצער צייט צו דערפירן מענטשן צו אַזאַ שרעקלעכן צושטאַנד? די יידישע פרויען האָבן זיך דאָך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט זייער שיינקייט און עלעגאַנץ און איצט דוכט זיך מיר, אַז זיי געהערן מער צו יענער וועלט, ווי צו דער וועלט.

לאַרינס רייד זיינען קוים דערגאַנגען צו מיין געדאַנק. איך בין איצט ניט געווען בכוח צו ריידן מיט אים. ס'איז דאָך שוין אַלץ אָפּגערעדט, אָבער קעגן מיין ווילן האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן: „הער לאַרין, זאָגט מיר, פאַר וואָס קומט דאָס אונדז"? לאַרין האָט מיר גלייך געענטפערט: „פאַר די

זינד פון די עלטערן". איך האָב דערפילט אַ ברי אין מיין נשמה און אין גאַנצן קערפּער.

נאָך דער אַרבעט בין איך אַוועק "אַהיים", אין געטאָ. מיין ווייב האָט מיר דערציילט, ווי די דייטשן האָבן היינט דורכגעפירט די אַקציע און ווי אַזוי זי מיט די קינדער זיינען על פּי נס ניצול געוואָרן. איך האָב ניט געקענט איינשלאָפן. עס האָבן מיך פאַרפאָלגט די בילדער, וואָס איך האָב געזען ביי טאָג און ניט ווייניקער האָט מיך געמאַטערט לאַרינס ענטפער: פאַר די זינד פון די עלטערן. ס'טייטש, האָב איך געטראַכט, ווי קומט עס, אַז דער אויפריכטיקער, באַוואוסטזיניקער לאַרין זאָל אַרויסברענגען פון זיין מויל אַזאַ נאַרישן געדאַנק?

ווען איך האָב זיך אויף מאָרגן געטראָפן מיט לאַרינען, האָב איך אים דערציילט וועגן מיין נאַכט אָן שלאָף. אים האָט עס, ווייזט אויס, פאַרדראָסן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, און ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער גענומען מיר רואיק דערציילן אַט וואָס: "פון קינדוויז אָן דערציט מען די קריסטלעכע קינדער אין שנאה צו יידן. מען דערציילט זיי וועגן טראַגישן טויט פון גאָטס זון, און אַז די יידן האָבן אים געקרייציקט, און גאָט האָט זיי דערפאַר פאַרשאָלטן, אַז זיי זאָלן אָפּקומען, כל זמן זיי וועלן זיין ניט קיין גלייביקע קאַטאָליקן. זיי, די יידן, זיינען אָבער פאַרעקשנט און ווילן זיך בשום אופן ניט אָפּזאָגן פון זייערע אכזריותדיקע רעליגיעזע דאָגמעס און ווילן בשום אופן ניט אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן, דעריבער וועט קומען אַ טאָג, ווען די קריסטן וועלן זיך אין זיי נוקם זיין פאַר די זינד פון זייערע עלטערן. דאָס איז די רעליגיעזע איבערצייגונג פון דער מערהייט קריסטן".

"קלאָר, אַז דאָס איז אַ פאַלשע אַנזיניקע אויסטייטשונג פון דער קריסט־לעכער לערע" — האָט לאַרין ווייטער גערעדט. "גאָטס זון, וועלכער איז, אַגב, אַליין געווען אַ גרויסער חסיד פון דער אָריגינעלער יידישער עטיק, האָט דאָך געהאַלטן פון דעם דין אין דער תורה, אַז מען טאָר ניט באַשטראָפן קיין עלטערן פאַר די זינד פון זייערע קינדער און קינדער פאַר די זינד פון זייערע עלטערן. ער איז געגאַנגען נאָך ווייטער און געזאָגט: אַז מען שלאָגט דיר אין איין באַק, שטעל אונטער די צווייטע. לאָמיר זיך פאַרשטעלן, אַז דער דין איז קיין דין ניט און מען מעג יאָ

באַשטראָפֿן קינדער פֿאַר די זינד פֿון זייערע עלטערן, דאַרפֿן דאָך אָבער צו ערשט די פֿרומע קריסטן באַווייזן אויף וועלכע היסטאָרישע פֿאַקטן זיי שטיצן זיך, אַז גראָד די יידן זיינען דעמאָלט באַגאַנגען דעם פֿאַרברעכן און ניט אַנדערע? דער אויסדרוק „פֿאַר זינד פֿון די עלטערן" איז פֿאַר מיר אַן אַבסטראַקטער באַגריף און זייט מיך ניט חושד, אַז דאָס איז מיינער אַ פֿער־זענלעכער אורטייל". מיט אַן ערנסטן טאָן האָט לאַרין צוגעגעבן: „איך ברענג אייך יעדן טאָג ברויט. ווען איר וואָלט מיר פֿאַרגעלייגט געלט, וואָלט איך זיך אַפֿילו באַליידיקט, און די שטראָף, וואָס מיר דערוואַרט אין פֿאַל מען זאָל זיך דערוויסן וועגן דעם, ווייסן מיר דאָך ביידע. ביי דער געלעגנהייט וויל איך אייך דערציילן אַ סוד, אַז מיר באַהאַלטן אויס אין אונדזער הויז אַ יידיש מיידל. איך טו עס, ווייל איך בין אַ שטאָלצער מענטש און אַ גלייביקער קריסט, דאָס זעלבע איז אויך מיין ווייב".

אַלע ספֿקות בנוגע לאַרינען זיינען ביי מיר מיט אַ מאָל פֿאַרשוואונדן. ס'איז מיר געוואָרן לייכטער אויפֿן האַרצן. איך בין צוגעגאַנגען צו אים און אים שטאַרק געדריקט די האַנט. אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ לייכטער שמייכל. ער האָט מיר געוואונטשן צו שלאָפֿן די נאַכט רואיק און האָט אַרויסגענומען פֿון זיין טעקע אַ לעבל ברויט און עס מיר דערלאַנגט. גראָד אין דער רגע האָט זיך באַוויזן אין מיין צימער די בוכהאַלטערשע. דער־זעענדיק ווי לאַרין גיט מיר ברויט, האָט זי זיך שרעקלעך פֿאַרלוירן. איר פּנים האָט זיך אָנגעצונדן, ווי אַ פֿייער, זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. לאַרין האָט צו איר אויסגעשטרעקט אַ האַנט זיך צו באַגריסן, זי האָט עס אַפֿילו ניט באַמערקט און איז ווי אַן אונטערגעשאָסענע אַרויסגעלאָפֿן פֿון מיין צימער און מיט אַ שטאַרקן זעץ פֿאַרמאַכט די טיר. לאַרין איז געווען שטאַרק פֿאַרוואונדערט, ער האָט ניט געוואוסט וואָס דאָ קומט פֿאָר, איך האָב אָבער געהאַט אַ פֿאַרגעפֿיל, אַז דער צופֿאַל וועט זיך טרויעריק ענדיקן.

אויף צו מאָרגנס אין דער פֿרי איז צו מיר אין צימער אַריינגעפֿאַלן אַ צעטומלטע, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, לאַרינס ווייב. איך האָב זי געקענט פֿון פֿריער. זי האָט מיר עטלעכע מאָל געבראַכט ברויט אַנשטאָט לאַרינען. זי איז געווען אַ קינדער־דאָקטאָר, זייער אַ פֿיינע פֿרוי. זי האָט מיך גע־פֿרעגט, צי לאַרין איז שוין דאָ געווען. איך האָב געזאָגט, אַז ער קומט קיין מאָל ניט אין דער פֿרי, נאָר מיטאָג צייט. מיט אַ ציטערדיקער שטים האָט זי

זיך אָפּגערופן, אַז לאַרין וועט שוין מער אַהער נים קומען און האָט מיר דער־ציילט, אַז „היינט גאַנץ פרי האָבן זיך צו זיי אַריינגעלאָזן צוויי געשטאַפּאָ־אָפיצערן, זיי זיינען צוגעשטאַנען צו איר מאַן, ער זאָל זיי זאָגן וואו ער נעמט דאָס ברויט פאַר איך און וואו ער האַלט דאָס געלט באַהאַלטן. זיי האָבן דורכגעפירט אַ רעוויזיע ביי אונדז אין הויז און געפונען דאָס יידישע מיידל, וואָס מיר האָבן אויסבאַהאַלטן. זיי האָבן זי באַפוילן זיך אויסצוטאָן נאַקעט. אַז זי איז שוין געווען אַ נאַקעטע, האָבן זיי גענומען זוכן וואו זי האָט פאַר־שטעקט די וואַלוטע. די דעגענעראַטן און סאַדיסטן האָבן איר געשפּיגן אין פּנים אַריין און זי געהייסן זיך אָנטאָן. די הענט האָבן ביי איר געציטערט און איך האָב זי געמוזט העלפן. זיי האָבן גענומען שלאָגן לאַרינען און דאָס מיידל מיט די רעוואָלווערן און ביידן אַרויסגעשטויסן דורכן טיר. איך בין געווען זיכער, אַז זיי זיינען אוועקגעפאָרן נאָך איך, בין איך העריבער גלייך געקו־מען אַהער זיך געזעגענען מיט זיי".

איך האָב אויסגעהערט פרוי לאַרינס דערציילן ווי אַ טויטאורטייל פאַר מיר. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיינע שעהן זיינען געציילטע. איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר איז גלייכער איך זאָל גיין אַהיים אין געטאָ. אָבער באַלד האָב איך באַשלאָסן, אַז אויב די דייטשן וועלן מיך קומען נעמען דאָ און וועלן מיך נים געפינען, וועלן זיי קומען מיך נעמען אין געטאָ און וועלן אויך ביי דער געלעגנהייט צונעמען מיין ווייב מיט די קינדער, איז שוין בעסער צו וואַרטן אין פאַבריק.

לאַרינס פרוי איז געזעסן ווי אַ פאַרשטיינערטע. איך האָב איר דער־קלערט, אַז דאָס זיצן דאָ איז אַ גרויסע סכנה פאַר איר, זי האָט אָבער גאָר־נישט געוואָלט הערן און געטענהט, „אַז זי וויל זיין צוזאַמען מיט איר מאַן".

פאַר נאַכט האָב איך זיך געלאָזט גיין צוריק אין געטאָ. די פרוי לאַרין, אַ פאַרחלשטע, קוים וואָס זי האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס, איז מיטגע־גאַנגען מיט מיר אין מיטן דער גאַס, אַזוי ווי זי וואָלט מיטגעגאַנגען אין געטאָ .

פאַרן טויער פון געטאָ זיינען געשטאַנען יידן אין רייען. דייטשן האָבן זיי באַזוכט און געשלאָגן מכות־רצח. פרוי לאַרין האָט זיך פונאַנדערגעוויינט און איז אַוועק אַהיים.

צווי פיינע ליטווינער

אין ליטווישן מלוכהשן קאָאָפּעראַטיוו „רוטאַ" זיינען געווען צוויי דירעקטאָרן, לעסעוויטשיוס פאַר אינדוסטריע און גאַסיונאַס פאַר האַנדל.

מיין באַלעבאָס לעסעוויטשיוס איז געווען אַ ליטווישער אַריסטאָקראַט, אַ געוועזענער דיפּלאָמאַט, אַ קלוגער, ראַפינירטער און באַהערשטער מענטש. ער האָט געקענט עטלעכע שפּראַכן.

איך האָב גלייך פון אָנהייב באַמערקט, אַז ער האָט ליב געהאַט צו טאָן אַ טובה און אַז ער האָט פריינדלעך באַהאַנדלט אַלע מענטשן.

אונטער דער סאָוועטישער הערשאַפט האָב איך זיך ניט געגייטיקט אין זיינע טובות, נאָר דאָך האָט מיך אימפּאָנירט, וואָס איך האָב געפונען אין אים אַן איבערגעגעבענעם גוטן פריינד.

אָבער ווען דערקענט מען אַ פריינד? — ערשט אין צייט פון אַן אומגליק. קיין גרעסער אומגליק פאַר יידן ווי די נאַציס איז ניט געווען — טאָקע דעמאָלט, בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע פון ווילנע, ווען יידן זיינען געוואָרן ללעג ולקלס, האָב איך אָנגעהויבן צו פילן די אמתע איבער־געגעבנקייט פון לעסעוויטשיוסן צו מיר און זיין ווילן מיך אַרויסצוהעלפן אין אַן עת־צרה.

ס'וואָלט פשוט געווען אַ זינד ניט צו דערציילן כאָטש עטלעכע פאַקטן וועגן די מעשים טובים פון אַ ליטווינער גראָד אין יענער צייט, ווען די מעשים רעים פון זיינע פאָלקסברידער זיינען געווען אַזוי אָפט ברוטאַל און מערדעריש לגבי די יידן.

גלייך נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע האָט „רוטאַ" דורך ראַדיאָ צוזאַ־מענגערופן אַלע אירע יידישע אָנגעשטעלטע. איך בין נישט געגאַנגען, ווייל איך בין געווען קראַנק. מיין ווייב האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, אַז

אויפן „רוטא״-הויף האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ טויזנט יידן. לעסעוויטשיוס איז אַרויס אויפן באַלקאָן און געמאָלדן, אַז לויטן באַפעל פון די דייטשן, איז ער געצוואונגען אָפצוזאָגן אַלע יידישע אָנגעשטעלטע. ער לאָזט איבער נאָר איינעם, מיך.

אין „רוטא״ האָט זיך דעמאָלט קאָנצענטרירט אַ קענטיקער חלק פון דער גאַנצער ווירטשאַפט אין און אַרום ווילנע. די דייטשן האָבן געמוזט אָנקומען צו „רוטא״ נאָך אַ סך זאַכן און דער קאָנטאַקט צווישן די דייטשן און „רוטא״ איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ ענגער.

לעסעוויטשיוס האָט אויסגעניצט די דאָזיקע לאַגע און פלעגט אויס־אַרבעטן ביי די דייטשן כלערליי פּאַפּירן פאַר מיר, וואָס ער האָט געמיינט, אַז זיי וועלן מיך ראַטעווען פון טויט.

גאַנץ אָפט פלעגט אַריינקומען צו מיר אין פאַבריק־צימער עמעצער מיט אַ פעקל. ער פלעגט אַ וואָרט ניט אויסריידן, פלעגט איבערלאָזן דעם פעקל און אַוועקגיין. איך בין זיכער, אַז דאָס איז געווען אַ שליח פון לעסעוויטשיוסן.

דער פאַרוואַלטער פון די בעקערייען אין ווילנע פלעגט עטלעכע מאָל אַ וואָך מיך באַזאָרגן מיט אַ לעבל ברויט, וואָס איז דעמאָלט געווען מיט גאָלד צו גלייך. און געמאַכט געוואָרן איז עס לויט דער בקשה פון לעסע־וויטשיוסן.

מען האָט אים דערציילט, אַז אין געטאָ זיצן מיר אין דער פינצטער, ווייל די דייטשן האָבן אויסגעשלאָסן די עלעקטריע. לעסעוויטשיוס האָט גלייך אַוועקגעשיקט זיינעם אַ מענטשן אויפזוכן פאַר מיר אַ נאַפטלעמפּל און אַ פלאַש קעראָסין.

איין מאָל איז צו מיר געקומען דער סעקרעטאַר פון לעסעוויטשיוסן און מיר איבערגעגעבן אַ גרעסערע סומע געלט. איך האָט דעם סעקרעטאַר דערקלערט, אַז איך געפין זיך אין אַ קריטישער לאַגע און בין מקבל עסנ־וואַרג ניט אויסצוגיין פון הונגער, נאָר קיין געלט־נדבות נעם איך ניט.

דעמאָלט איז לעסעוויטשיוס געפאַלן אויף אַ המצאה. ער האָט מיך גערופן צו זיך און מיר דערקלערט, אַז אַ ייד טאָר קיין זאַך ניט האָבן און במילא קען ער גאָרניט פאַרקויפן, נאָר היות איך האָב „פּראָיעקטן״ (וואָס ער האָט געמיינט מיט דעם, ווייס איך עד היום ניט), קויפט ער זיי אָפּ ביי

מיר. דער סעקרעטאַר האָט אָנגעשריבן אַ רעכענונג אויף מיינע „פּראָיעקטן". איך האָב אויסגעפילט די סומע פון דריי טויזנט רובל. דאָס איז דעמאָלט געווען אַ שלל מיט געלט. ווען איך בין אַריין צו לעסעוויטשיוסן עס צו באַשטע־טיקן, איז ער געוואָרן אויפגערעגט. ער האָט מיך אויפגעוואָרפן, אַז איך בין אַ גרויסער שוטה, פאַר וואָס איך האָב פאַררעכנט מיינע „פּראָיעקטן" נאָר דריי טויזנט רובל און ניט לכל הפחות פינף מאָל אַזוי פיל...

די לעצטע צייט איז שוין אין דער פאַבריק קיין סחורה ניט פאַרבליבן, מען האָט אַלץ צעשלעפּט. לעסעוויטשיוס האָט אָבער די פאַבריק ניט גע־שלאָסן און האָט איבערגעלאָזן מיך מיט צוויי מיידלעך, כדי איך זאָל ניט בלייבן אָן אַ באַשעפטיקונג.

עד היום איז לעסעוויטשיוס פאַר מיר אַן אויסטערלישער טיפּ. ער איז מיר גאָרניט שולדיק געווען און דאָך האָט ער צו מיר אַרויסגעוויזן אַזאַ טיפע מענטשלעכקייט, וואָס אין יענער צייט איז דאָס געווען פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר.

נאָך דער מלחמה איז ער אַנטלאָפן פון ליטע און זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ. איך האָב זיך דורכגעשריבן מיט אים אַ לענגערע צייט און פלעג אים שיקן מתנות. אינטערעסאַנט איז, אַז אין יעדער בריוו פלעגט ער אַרויסרוקן טענות צו זיך גופא, הלמאי ער האָט ניט געטאָן מערער פאַר מיר אין יענער פינצטערער, פאַרחיהשטער צייט.

אַ פיינער מענטש געווען אַט דער ליטווינער און ער מעג פאַררעכנט ווערן צווישן די חסידי אומות העולם.

**
*

גאַסיונאַס איז געווען דער האַנדלס־דירעקטאָר פון „רוטאַ". ער איז געווען אַ הויכער, געזונטער מאַן, אַ געוועזענער לערער, אַן אויפריכטיקער און אַן ערלעכער.

אונדזער ערשטע באַקאַנטשאַפט האָט זיך גראָד אָנגעהויבן מיט אַן איב־צידענט. נאָך אַ וויזיט זיינעם אין דער באַציאָנאַליזירטער פאַבריק, וואו איך האָב פאַרנומען אַ הויכן אַמט, האָט ער צווישן אַנדערע איבערגעגעבן אין זיין באַריכט, אַז אַלע בייטאַרינס אין פאַבריק זיינען יידישע און די פאַבריק זעט אויס ווי אַ „חדר".

בעת דער ערשטער סאָוועטישער אָקופּאַציע פון ווילנע האָבן די קאָמו־

ניסטן געפּליטערטעוועט מיט די ליטווינער, אָבער אַ ייד איז אַלץ געווען אַ גרעסערער יחסן און איך האָב אים געקענט אָנלערנען פאַר זיין אַנטיסעמי־טישער באַמערקונג. איך האָב דאָס דערציילט לעסעוויטשיוסן און יענער האָט עס איבערגעגעבן גאַסיונאַסן.

פאַר וואָס גאַסיונאַס האָט געמאַכט אַזאַ באַמערקונג אין זיין באַריכט, ווייס איך ניט. איך ווייס אָבער יאָ, אַז דאָס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן און ביי אַ סך געלעגנהייטן האָט ער זיך געסטאַרעט מיר אַרויסצוואַווייזן זיין פריינדשאַפט.

גאָר באַזונדערס איז דאָס געקומען צום אויסדרוק גראָד דעמאָלט, ווען די דייטשן זיינען אַריין און די יידן זיינען געוואָרן הפקר און ווען ס׳איז אין גאַנצן מקויים געוואָרן, אַז „כל המיצר לישראל נעשה ראש״.

דעמאָלט האָב איך דערזען גאַסיונאַסן אין גאָר אַן אַנדער ליכט. ער האָט מיך געהיט ווי אַן אייגענעם ברודער און געטאָן פאַר מיר אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט. אין נאַטור איז ער געווען אַ גרויסער פּחדן, אָבער ווען ס׳פלעגט קומען צו מיר, פלעגט ער זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלן. ביי די דייטשן האָט ער פאַרנומען אַ הויכן פּאָסטן. ער פלעגט קומען צו מיר אין פאַבריק און מיר ברענגען פאַרשיידענע זאַכן.

אין געטאָ האָב איך ניט געקענט אויסקומען מיט די נדבות און זייער אָפּט פלעגט מיין משפּחה ליידן הונגער. ווען איך האָב ניט געהאַט וואָס צו געבן די קינדער עסן, פלעג איך אָפּריזיקירן און אַוועקגיין צו גאַסיונאַסן. דאָרטן פלעגן שוין זיין צוגעגרייט פאַר מיר פאַרשיידענע מאכלים, וואָס איך פלעג אַריינלייגן אין מיינע הויזן, וואָס זיינען אונטן געווען ספּעציעל פאַרבונדן מיט שטריק.

ווען ס׳איז אַרויס די גזירה פון די „לעבנסשיינען״, האָב איך פאַרשפּעטיקט און בין געבליבן אָן אַזאַ פּאַפּירל, וואָס האָט צייטווייליק געשיצט יידן פון באַלדיקן טויט.

איך האָב זיך צופעליק דערוואוסט, אַז דער יודנראַט האָט אַכציק „לעבנסשיינען״, וואָס זיי האַלטן פאַר אַרבעטער־ספּעציאַליסטן. בין איך אַוועק צו גאַסיונאַסן און געבעטן אים, ער זאָל קומען אין געטאָ און אַרויס־קריגן פאַר מיר אַ „שיין״ ביי איינזשינער פריד. מיין חשבון איז געווען, אַז

פריד וועט גאַסיונאַסן ניט אָפּזאָגן, ווייל ער שטעלט דאָך צו עסנוואַרג פאַר דער געטאָ און שטענדיק גיט ער מער פּאַרציעס, ווי מען דאַרף.

„יע", האָט גאַסיונאַס מיר געענטפערט, „ער וועט מיך טאַקע ניט אָפּזאָגן, אָבער איך האָב מורא צו קומען אין געטאָ, ווייל דאָס שמעקט מיט אַ זיכערן טויט".

דערהערנדיק דאָס, בין איך אַ צעטומלטער אַוועק צוריק אין געטאָ. איך בין שוין אַהיים ניט געגאַנגען און גענומען זיך דרייען מיט אַלע יידן ביים טויער פון געטאָ. איך האָב געטראַכט: נאָך וואָס זאָל איך גיין אַהיים אָנזאָגן דער ווייב די ביטערע בשורה? און איך האָב באַשלאָסן, אַז איך וועל דאָ שפּאַצירן, ביז וואַנען די דייטשן וועלן אונדז קומען נעמען, ווייל דאָס איז געווען שוין דער לעצטער אָוונט.

מיט אַ מאָל האָב איך דערזען, ווי ס'האָט זיך אויפגעעפנט דער געטאָ־טויער און עס איז אַריינגעקומען דער הויכער גאַסיונאַס. ער איז געווען דער־שראָקן און בלאַס ווי קאַלך. איך בין גלייך צו אים צוגעלאָפן און ער האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן אויפגערעגטערהייט: „אין מיטן אַ זיצונג בין איך אַרויס און געקומען אַהער, דאָס געוויסן מאַטערט מיך".. איך האָב אים אַוועקגעפירט צו פרידן און אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער אַרויס צוריק און אַ גליקלעכער דערלאַנגט מיר דעם ציטווייליקן „לעבנסשיין".

ווען די דייטשן האָבן געהאַלטן ביים ליקווידירן די ווילנער געטאָ, האָט מען די יידן מער ניט אַרויסגעלאָזט פון דאָרטן. מיין „פּאַסירשיין" איז שוין מער ניט געווען גילטיק. איך זיץ אין שטוב און וואַרט... מיט אַ מאָל גייט אַריין אַ פּאָליציסט און זאָגט מיר, אַז ביים טויער וואַרט אויף מיר אַ שטאָ־פּעט פון „רוטאַ" און אַז איך דאַרף מיט אים מיטגיין אין שטאָט.

דער שטאָפּעט האָט מיך אַוועקגעפירט צו גאַסיונאַסן אין קאַבינעט. דער מענטש איז געווען אין גאַנצן צעטומלט. ער האָט מיר דערציילט, אַז אַ סך מאַכן „מאַלינעס" ביי קריסטן, וואו זיי וועלן זיך אויסבאַהאַלטן פון די דייטשן, און אַז ער איז גרייט צו מאַכן פאַר מיר אַזאַ באַהעלטעניש. ער האָט אַפילו שוין געהאַט באַזאָרגט אַן אינזשינער פון „רוטאַ", וועלכער האָט געדאַרפט אויסבויען די „מאַלינע", וואָס האָט געדאַרפט זיין ערגעץ אין אַ יידיקן „רוטאַ"־געשעפט. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין גרויס חשק צו גיין מיט קליינע קינדער זיך אויסצובאַהאַלטן אין פאַרלאָזענעם צימערל,

און באַדאַנקענדיק אים האַרציק פאַר זיין גרייטקייט מיר צו העלפן, האָב איך זיך אָפּגעזעגנט פון דער „מאַלינע".

איך בין צופעליק אַרויס אַ לעבעדיקער פון די היטלעריסטישע שבעה מדורי גיהנום. קומענדיק צוריק קיין ווילנע, בין איך גלייך געגאַנגען אויפ־זוכן גאסיונאסן, אָבער איך האָב זיך דערוואוסט, אַז ער איז געשטאָרבן בעת דער מלחמה.

***

אַ סך ליטווינער זיינען געווען אַזעלכע טרייע שותפים פון די דייטשן ביים אויסראָטן די יידן פון ליטע. איז מער ניט ווי רעכט, אַז מען זאָל דערמאָנען צום גוטן אַזעלכע צוויי ליטווינער ווי לעסעוויטשיוס און גאַסיונאַס, וועלכע האָבן ריזיקירט מיטן לעבן צו פּרוואון ראַטעווען אַן אומגליקלעכן יידן אין דער שרעקלעכסטער צייט פון זיין לעבן.

מיין שטעטעלע ברענט

דער חורבן האָט מיך געטראָפן אין ווילנע. וואָס איז געשען אין מיין ווייסרוסיש היימשטעטל האָב איך זיך דערוואוסט ערשט נאָכן קריג.

די שטיק ווייסרוסישע טעריטאָריע, וואָס האָט געהערט צו פּוילן, איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט קליינע שטעטעלעך, אַלץ יידישע אָרעמע ישובים. איינער פון זיי איז געווען מיין שטעטעלע ראַקעוו, וואו איך בין געבאָרן געוואָרן און פאַרבראַכט מיינע יונגע יאָרן. ראַקעוו האָט מיט איר אָרעמקייט איבערגעשטיגן די אַרומיקע יידישע שטעטלעך, מחמת עס איז געלעגן האַרט ביי דער פּויליש־רוסישער גרענעץ. די פּויערים פון דער רוסישער זייט האָבן ניט געקענט אַריינקומען אין שטעטל און דאָס האָט זיך שלעכט אָפּ־גערופן אויף די יידישע פּרנסות אין ראַקעוו.

יידן האָבן זיך געמאַטערט, אָבער דאָך געלעבט און געהאָפט אויף בעסע־רע צייטן. די דאָזיקע האָפענונגען זיינען צערונען געוואָרן יענעם שרעקלעכן זעקסטן יוני 1941, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען ראַקעוו און פאַר די דאָרטיקע יידן האָט זיך אָנגעהויבן דער אמתער גיהנום.

די ערשטע חדשים האָבן די דייטשן דורכגעפירט עטלעכע „אַקציעס" און אויסגעהרגעט אַ טייל יידן. די איבעריקע, קאַרגע טויזנט נפשות, האָבן זיי פאַרשפאַרט אין אַ געטאָ, אין שמאָלן געסל פון שולהויף. יעדן טאָג פלעגן די דייטשן זיי טרייבן אויף אַרבעט.

דעם 2טן פעברואַר 1942 האָבן די דייטשן פלוצעם אַרומגערינגלט די געטאָ און אַרויסגעטריבן אַלע יידן אויפן שולהויף. מען האָט די יידן גע־שלאָגן מכות־רצח, אַריינגעשטופּט זיי אין בית־מדרש און פאַרשפאַרט זיינע טירן. אַ טייל יידן זיינען געבליבן אויפן שולהויף.

די ראַקעווער קריסטן זיינען מערסטנס געווען קאַטאָליקן און דער רעשט רוסן. שטענדיק פלעגן זיי זיך קריגן צווישן זיך, אָבער יענעם שרעק־לעכן טאָג זיינען זיי געוואָרן גוטע ברידער איינע מיט די אַנדערע. דער רוסישער פעלדשער האָט זיך אַפילו אַרומגענומען מיטן פוילישן בירגער־מייסטער און שטאַרק געקושט זיך פון פרייד, זיך צוקוקנדיק אויף די אַכזריותדיקע סצענעס אין שולהויף.

כמעט אַלע שטעטלשע קריסטן זיינען געקומען אויפן שולהויף זיך צו־קוקן צו דעם, וואָס די דייטשן טוען מיט די יידן. טייל פון זיי האָבן אַפילו געהאָלפן די רוצחים אין זייער אַרבעט.

שטאַרקע קריסטלעכע יונגען האָבן אויסגעבראָכן די פענצטערס פון בית־מדרש. זיי פלעגן כאַפּן אַ יידן, איינער פאַר די הענט און דער צווייטער פאַר די פיס, און אַריינשלײדערן אים דורכן פענצטער אין בית־מדרש אַריין.

ווען דער שולהויף איז געבליבן יידן־ריין, האָבן די קריסטן באַגאָסן די הילצערנע ווענט פון בית־מדרש מיט בענזין. אַ העל פייער האָט אַרומגע־כאַפּט דעם גאַנצן בנין. פון אינעווייניק האָבן זיך געטראָגן האַרצ־רייסנדיקע קולות, ביז זיי זיינען אין גאַנצן שטיל געוואָרן...

צווישן די פאַרברענטע יידן האָבן זיך געפונען מיינע שוועסטערס ליבע און שיפרה מיט זייערע משפחות, מיינע הונדערטער קרובים און גוטע פריינד.

קאַצעטן

פון ווילנע ביז קלאָגע

נאָך צוויי יאָר פון איר עקסיסטענץ ווערט די ווילנער געטאָ ליקווי־דירט. די אַרבעטס־פעאיקע מענטשן שיקט מען אַוועק אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און די עלטערע מענטשן, פרויען און קינדער — צעשיסט מען, אָדער מען באַגראָבט זיי לעבעדיקערהייט אין די פּאָנאַרער וועלדער. אונדז, יינגערע מענער, האָבן די דייטשן אַריינגעטריבן אין שמוציקע פראַכטוואַ־גאָנעס, וואו די קליינע פענצטערלעך זיינען געווען פאַרקלאַפּט מיט שטעכיקע דראָטן און די טיר פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער.

הונגעריקע און צעטומלטע זיינען מיר געשטאַנען אין פינצטערן וואַ־גאָן. ניט געוואוסט, וואוהין מען פירט אונדז. דער צוג איז געגאַנגען זייער לאַנגזאַם און יעדער מינוט זיך אָפּגעשטעלט אויף שעהן־לאַנג.

אויפן צווייטן טאָג האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע. ס'האָט זיך ברייט פונאַנדערגעעפנט די טיר. עס זיינען אַריינגעקומען סאָל־דאַטן מיט קוישן הערינג. יעדערער האָט באַקומען אַ גאַנצן הערינג, און די סאָלדאַטן האָבן אונדז געוואונטשן אַ גוטן אַפּעטיט. פאַרחלשטע פון הונגער, האָט זיך יעדער פון אונדז צוגעכאַפּט מיט אימפּעט צו זיין הערינג און כהרף עין אים איינגעשלונגען.

ערשט איצט האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז די שרעקלעכסטע יסורים, וואָס אַ מענטש קאָן נאָר איבערלעבן. די געזאַלצענע הערינג האָבן גע־ברענט ווי אַ פייער אונדזערע געדערעם, און קיין וואַסער צום טרינקען איז ניט געווען.

הונגער פּייניקט דעם מענטשן פיזיש, און אַז ער בלייבט שוין אָן כוחות, גייט ער אויס שטילערהייט. דורשט איז אַ סך שרעקלעכער. ער פּייניקט דעם מענטשן ניט נאָר פיזיש, נאָר אויך גייסטיק, איידער אַ מענטש

שטאַרבט פון דורשט, גייט ער פריער אַראָפּ פון זינען. ער טאַנצט, ער שרייט, מאַכט משוגענע העוויות...

איך האָב זיך באַמיט צו פאַרנעמען מיין מוח מיט עפּעס אַנדערש ווי טרינקען און בשום אופן ניט געקענט. איין זאַך האָב איך יאָ פאַרשטאַנען, אַז די גרעסטע שרייבערס, וואָס האָבן געשילדערט הונגער און דורשט, האָבן געהאַט אַ קליינע השגה פון אַט די פּיינען.

וואָס עס מיינט הונגער, דורשט און בלוט־דורשטיקייט ווייס איך און מיינע מיטפאַרערס. די גאַנצע דריי טעג האָב איך מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט. איך פלעג יאָ איינשלאָפן און אַפילו דייער אָפּט, אָבער אין צוויי מינוט אַרום פלעג איך זיך אויפכאַפּן פון אַ קאָשמאַר, עס פלעגט זיך מיר חלומען, אַז אַרום ברענט אַ פייער און איך הייב שוין אויך אָן צו ברענען.

נאָך אַ דריי־טאָגיקער שלעפּעניש האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט. עס האָט זיך פונאַנדערגעעפנט די טיר און אין וואַגאָן האָט זיך אַריינגעריסן אַ דייטש, אַ רוצח, מיט אַ לאַנגן שטעקן און מאָמענטאַל גענומען אונדז שלאָגן מכות־רצח. ער האָט געשריגן ווי אַ ווילדע חיה: „שנעלער הערויס”! מיר האָבן ניט געהאַט קיין כוח צו שפּרינגען פון די הויכע וואַגאָנען און גענומען זיך קייקלען איינער איבערן אַנדערן.

נאָכער האָבן די דייטשן אונדז צעשטעלט אין רייען און מיר האָבן זיך קוים דערשלעפּט צו אַ געביידע. יעדערן פון אונדז האָט מען געצוואונגען איבערצוטרעטן איבער אַ געשאָסענעם יידן, וואָס איז געלעגן אין אַ טייך פריש בלוט, און באַפוילן אונדז אַרויסלייגן אויפן טיש אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן. מערסטנס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן טליתים, תפילין און סידורים. איך האָב אויך אַוועקגעלייגט אויפן טיש מיין פאַרמעגן: אַ בריוו, אַ זייגערל און אַ שטיקל צעביסענעם זייף. פאַרנדיק האָב איך עס פּרובירט בייסן, נאָר דער ווידערטעם איז געווען ניט צו פאַרטראָגן.

גראָד אין דעם מאָמענט, ווען אונדזער טראַגישע לאַגע האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה, זיינען אונדזערע חושים געוואָרן אַטראָפירט. איך, למשל, האָב אַלץ געטאָן, וואָס דער דייטש האָט מיך געהייסן, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער גלייכגילטיקייט, פונקט ווי אַן אָנגעשטעלטער פירט אויס די פאַראָרדענונגען פון זיין באַלעבאָס.

נאָכן „תשליך” האָט מען אונדז געהייסן גיין צו די ווייסע מויערן.

אויפן הויף איז געשטאַנען אַ ברונעם. יעדערער האָט זיך געוואָרפן צום עמער און געזשליאָקעט דאָס וואַסער, וויפל ס׳איז נאָר אַריין. אונדזערע אויסגעלאָשענע אויגן האָבן זיך ווידער אָנגעצונדן און האָבן באַקומען אַ נאָרמאַלן אויסזען. יידן האָבן זיך דערוואוסט, אַז מיר געפינען זיך אין עסטלאַנד און אַז מיר זיינען פאַרשפּאַרט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, קלאָגע הייסט ער, און אַ קלאָג איז געווען צו אונדז, וואָס מיר זיינען אַהין אַריינגעפאַלן.

אַ שווידערלעכער געפיל האָט מיך אין גאַנצן באַהערשט און ביטערע טרערן האָבן זיך גענומען גיסן פון מיינע אויגן, ווען איך האָב זיך דער־מאָנט, אַז ערשט מיט זעקס טעג צוריק האָבן די דייטשן צוגערויבט ביי מיר מיין פרוי און קינדער. איך האָב זיך ניט געוואָלט מאַכן קיין אילוזיעס און פאַרשטאַנען, אַז איך וועל זיי שוין מער קיין מאָל ניט זען. כל־זמן איך וועל לעבן, וועל איך זיין איינזאַם און איינגעשלאָסן אין זיך. און וואָס איז מיט מיר אַליין? מיר דערוואַרט דער זעלבער סוף, וואָס מיין משפחה. די דייטשן דאַרפן מיך אַ לעבעדיקן, כל־זמן איך בין ביי די כוחות.

אַ דערשטוינטער, קלער איך, צו וואָס פאַר אַ מדרגה ס׳קען דערגיין די מענטשלעכע גרויזאַמקייט. ס׳ווילט זיך ניט גלייבן, אַז דאָס איז אַלץ ווירקלעכקייט, גלייכער וואָלט עס געווען בייזער חלום.

איך קוק זיך צו, ווי אַ קעצעלע לויפט פאַרביי מיר. זי שפּרינגט צו צום דראָטענעם פאַרקאַן, גראָבט אויס אַ גריבעלע און כאַפּט זיך אַרויס פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אויף די פרייע פעלדער. דער סאָלדאַט, וועלכער שטייט אויף דער וואַך, פאָלגט נאָך יעדער באַוועגונג פון דער קאַץ. ער שטערט זי ניט און לאָזט זי אַרויסלויפן פון גיהנום. מיט אַ גוטמוטיקן בליק באַגלייט ער זי אַזש ביזן וועלדל. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב קיין מאָל אין מיין לעבן ניט מקנא געווען אַ גליקלעכן מענטשן אַזוי שטאַרק, ווי איצט דעם קעצעלע.

איך הער ווי דער דייטש שרייט, מען זאָל זיך תיכף צוזאַמענקלייבן. ס׳איז ניטאָ קיין צייט, מען דאַרף לויפן און זיך צופּאַסן צו נייע יסורים אין קלאָגע...

„הכל שוחטין"...

אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קלאָגע האָבן מיר זיך געפונען אין אַ צווישטאָקיקן ווייסן מויער, וואָס די רוסן האָבן דאָ ניט לאַנג אויסגעבויט ווי אַן אָפּרוהויז. אַרום איז געווען אַ גרויסער, געראַמער הויף, באַוואָקסן מיט גראָז און באַגאָסן מיט זונשטראַלן. אַז די זון פלעגט פאַרגיין, פלעגן זיך אויף קלאָגע אַראָפּלאָזן די ווייסע נעכט. ניט ווייט פון לאַגער, ביים סוף פון סאָסנע־וואַלד, איז געווען דער פינישער אויסגוס, אַרומגערינגלט מיט אַ העלן זאַמדיקן ברעג.

ווי שיין דאָ איז געווען די נאַטור, אַזוי מיאוס איז דאָ געווען דער מענטש — דער פאַרשקלאַפטער אין זיין רציחה און דער פאַרשקלאַפטער אין זיין הילפלאָזיקייט.

אין דעם הויז, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר צוויי הונדערט מענטשן, האָבן די דייטשן אַריינגעשטופּט דריי טויזנט יידישע נפשות. נאָכן שווערן אַרבעטסטאָג פלעגט מען אונדז ברענגען אויפן הויף צום אַפּעל. נאָכער פלעגט דער דייטש אַרויסרופן איינעם אָדער עטלעכע יידן און שמייסן זיי מיט אַ שטעקן ביזן טויט. און אויב זיין סאַדיסטישער געפיל איז נאָך ניט אין גאַנצן געווען אָנגעזעטיקט, פלעגט ער אונדז הייסן לויפן אין אַ קרייז און מיט אַ שטעקן שלאָגן וואו נאָר ער האָט געטראָפן.

נאָך אַזאַ אַפּעל פלעגן מיר ווי טויטע אַריינפאַלן אין הויז. דאָרטן האָט שוין אויף אונדז געוואַרט אונדזער טעגלעכע פּאַרציע ברויט, דרייסיק גראַם.

ווי מיר פלעגן נאָר אַראָפּשלינגען דאָס שטיקל ברויט, פלעגט זיך ערשט צעפלאַקערן דער הונגער. די מענטשן פלעגן ווערן ווילד און משוגע און אָנשטאָט זיך אָפּרוען אויף די בעטלעך, פלעגן זיי זיך לאָזן גיין איבער די

לאַנגע שמאָלע, טונקעלע דורכגענג, פאַרביי די דריישטאָקיקע בעטלעך, אפשר וועט מען עפּעס געפינען.

בעת אַזאַ אַרומבלאָנקעניש האָב איך באַמערקט, ווי אין אַ טונקעלן ווינקל, אַרום אַ טיש, שאָקלען זיך יידן. איך בין צוגעגאַנגען נעענטער און האָב דערזען, ווי אויפן לאַנגן טיש ברענט אַ גראָשענע ליכטל, אַרום זיצן אַ פּאָר פאַרחלשטע יידן און דער שניפּישקער רב, מיט פרישע וואונדן אויפן פּנים, לערנט משניות מיט די יידן.

זייערע פּנימער זיינען געווען חושך, די אויגן אויסגעלאָשן און די בגדים — אָפּגעטראָגענע שמאַטעס, אַרומגעגאַרטלט מיט שטריקלעך. זיי האָבן זיך געשאָקלט ווי שאָטנס און נאָכגעזאָגט דעם רבין.

ווען איך בין צוגעגאַנגען צו זיי, האָט דער שניפּישקער מיט אַ שטילן גמרא־ניגון געלערנט: הכל שוחטין ושחיטתם כשרה. די יידן האָבן נאָכ־געזאָגט און אפשר נאָכגעוויינט: „הכל שוחטין״...

קיין פּאַסיקערע משנה צו לערנען דאָ, אין דער ריזיקער שחיטה־בוינע, וואָס די נאַצישע רוצחים האָבן אויפגעבויט פאַר יידן, איז ניט געווען — דאָ און אין אַנדערע נאַצישע טויטהייזער פאַר יידן.

און קיין ריכטיקערע תורה איז אין איצטיקן מאָמענט אויך ניט געווען צו לערנען, אַ תורה, וואָס האָט געשניטן אונדזערע הערצער מיט איר אומ־ברחמנותדיקן אמת אויף די אומברחמנותדיקע רוצחים:

— הכל שוחטין: דייטש, רוס, פּאָליאַק, ליטווינער, לאַטוועש...

מען האָט נאָר געדאַרפט צוגעבן:

דעם יידן...

אין אַ פאַרניכטונגס־לאַגער

ס׳איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם שטייגער־לעבן פון פאַרטיזאַנער און קאַצעטלערס. אמת, אין בײדע ערטער איז שטענדיק דאָס לעבן געווען אין סכנה. אַ פאַרטיזאַנער האָט אָבער געקענט אַרויסווייזן זיין איניציאַטיוו, ער האָט געקענט פאַרטיידיקן זיין מענטשלעכע ווערדע, ער האָט געקענט קעמפן און זיך אַפילו געקענט אויסצייכענען ווי אַ העלד. אין קאַצעט דאַקעגן זיינען די מענטשן געווען דערשלאָגן ביז דער נידעריק־סטער מדרגה. אַ קאַצעטלער האָט נישט געקענט נאָכגעבן די קלענסטע פאַר־לאַנגען פון זיין אייגענעם „איך". ער איז שטענדיק געווען אונטערגעוואָרפן די באַפעלן פון די דייטשע פייניקערס.

מען האָט ביי די קאַצעטלערס צוגערויבט אַלץ. אַז מיר זיינען שוין געבליבן ביי גאָרנישט, האָבן זיי אַנולירט אונדזערע נעמען און כדי אונ־טערצושיידן איינעם פון אַנדערן, האָבן זיי יעדן געגעבן צווי פון די זעלבע נומערן און געהייסן צונייען איינעם צו די שמאַטעס ביי די קני און דעם צווייטן אויפן האַרצן.

נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן דאָס „נאָרמאַלע" לעבן אין קאַצעט. יעדן טאָג שווערע אַרבעט און כמעט גאָרנישט צום עסן. דער אינסטינקט צו שטילן דעם הונגער איז דער שטאַרקסטער. ווען אַ מענטש הונגערט אַ לענגערע צייט ווערט ער גלייכגילטיק צו אַלץ. ער טראַכט נאָר וועגן עסן און צוליב אַ שטיקל ברויט איז ער גרייט אָפּצוטאָן כל דבר אסור.

דער פאַרמשפּטער אויף אַ הונגערטויט, בלייבנדיק שוין אָן כוחות, פלעגט ליגן רואיק און זיך נישט אַ קער טאָן, זיינע אויגן ווערן אויסגעלאָשן, באַוועגן זיך נישט און קוקן אַרויס אַזוי ווי צוויי שטיקער גלאָז. דאָס פּנים ווערט געל ווי וואַקס און ווייזט נישט אַרויס קיין סימנים פון לעבן. אַזוי ליגט אָפּ דער הונגעריקער אַ צוויי־דריי טעג און גייט אויס אָן

אַ קרעכץ. די לעצטע צייטן האָבן זיך די הונגערטויטן אַזוי פאַרמערט, אַז מיר פלעגן גאָר קיין אַכט נישט לייגן אויף די גוססע.

לעבנדיק אין אַזעלכע באַדינגונגען איז נישט קיין וואונדער, וואָס מיר זיינען געוואָרן צו אַלץ גלייכגילטיק, אַפילו צו די באַליידיקונגען און קלעפּ פון די דייטשן. זיי פלעגן נישט וועלן אָנרירן אונדזערע קערפּערס, פלעגן זיי אונדז שלאָגן נישט מיט די הענט, נאָר מיט שטעקנס. אַנדערע, „די נאָ־בעלע דייטשן", האָבן אַפילו דורך שטעקנס אויך נישט געוואָלט קומען מיט אונדז אין באַרירונג. זיי פלעגן קומען צו אונדז מיט גרויסע דרעסירטע הינט, פון אַ העכערער ריינער ראַסע, אַזוי ווי זיי אַליין, זיי פלעגן אויס־קלייבן אַ קרבן און איבערגעבן אים דעם הונט. דער הונט פלעגט אָני־דערוואַרפן דעם מענטשן, אַרויפכאַפּן זיך אויף אים און רייסן פון אים שטיקער. ווען דער קרבן איז געווען אַ פאַרטיקער, פלעגט דער צעיושעטער הונט צוגיין צו זיין באַלעבאָס. דער דייטש, אַ צופרידענער, פלעגט גלעטן די פעל אוןביידע פלעגן אַוועקגיין ווייטער שפּאַצירן.

לעבנדיק שטענדיק אין טויטשרעק, אין הונגער, אין שמוץ, שרעקלעכע דערנידעריקונגען, פיזישע פּיינען און מיטן פולן באַוואוסטזיין, אַז קיין לעבע־דיקע פון דאַנען וועלן מיר שוין נִיט אַרויסגיין — האָבן מיר זיך געביטן פיזיש און גייסטיק, נישט צו דערקענען.

עס זיינען נישט פאַרבליבן קיין שפּורן פון די פריערדיקע ציוויליזירטע אייגנשאַפטן. אין קאַצעט האָט געגומען הערשן אַ פּרימיטיווע ברוטאַליטעט און דעמאָראַליזאַציע. מען האָט זיך געקריגט, געשלאָגן, געזידלט און מען האָט געגנבעט איינע ביי די אַנדערע, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזן.

יאָרן לאַנג האָבן מיר זיך באַמיט צו באַרייכערן און פאַרשענערן אונ־זוער שפּראַך. אין קאַצעט איז אָבער פאָרגעקומען אַ פאַרקערטע דערשיי־נונג. מיר האָבן גענומען נוצן וואָס מער זידלווערטער. מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט אויסצודריקן זייערע געדאַנקען נישט דורך געהעריקע ווער־טער, נאָר דורך זידלען זיך. הערמאַן קרוק האָט געזאַמלט די וואולגאַרע זידלווערטער פון דער אונטערוועלט און אַלערליי קללות.

נאָך דער שווערער אַרבעט און נאָכן פּייניקן אַפּעל פלעגט זיך דער הונגעריקער עולם אַריינכאַפּן אין לאַגער ווי ווילדע חיות, דאָס שטיקל

ברויט האָט נאָך מער צערייצט דעם אַפּעטיט און מען פלעגט זיך אַרויסלאָזן זוכן, אפשר וועט מען עפּעס געפינען צום עסן.

פונדעסטוועגן האָט אויך אין די אויסערגעווײנלעך טראַגישע באַדינגונגען זיך אַפּט געלאָזט מערקן דער ספּעציפיש־יידישער טראַדיציאָנעלער גייסט.

אין די לאַנגע טונקעלע באַראַקן פלעגן זיך ווי שאָטנס באַוועגן טויזנטער הונגעריקע מענטשן. מען פלעגט זיך שטופּן, זידלען און שרייען. אָט אין דער וואַקכאַנאַליע האָסטו געקענט זען, ווי אין אַ זייט, ביי אַ לאַנגן טיש, ביי דער שיין פון אַ קליין ליכטל, זיצן פאַרחלשטע יידן און אַן אַלטער רב לערנט מיט זיי משניות... וואו יענער רב האָט גענומען אַ משניות און וואו ער האָט געקראָגן אַ ליכטל, איז פאַר מיר אַ רעטעניש עד־היום.

אַ ווילנער דאָקטאָר, קלמן שאַפּיראָ, איז געווען אַן אויפזעער אין באָד. ער האָט געדאַרפט צושטעלן באַריכטן צו די דייטשן וועגן די מינים לייז, וואָס ער געפינט אויף אונדזערע קערפּערס. ד״ר שאַפּיראָ האָט מיט גרויס מסירת־נפש געהיילט בשתיקה קראַנקע יידן. ווען די דייטשן פלעגן זיך דערוויסן, אַז אַ ייד איז קראַנק און איז נישט אַרבעטס־פעאיק, פלעגן זיי אים דערשיסן.

בעת אַן אַקציע האָבן זיך אין באָד געהאַט באַהאַלטן ביין יידן. ווען די דייטשן האָבן געוואָלט אַריינגיין אין באָד זוכן, איז זיי ד״ר שאַפּיראָ אַנטקעגן געקומען און זיי פאַרזיכערט, אַז אין באָד איז קיינער נישטאָ. ער האָט דערביי געשטעלט זיין אייגענעם לעבן אין געפאַר.

הערמאַן קרוק איז אין לאַגער געווען זייער דערשלאָגן און שוואַך. פונדעסטוועגן האָט ער שטענדיק געשריבן. דאָקטוירים האָבן אים געראָטן צו רוען, אויף דעם האָט ער געענטפערט, אַז זיין שרייבן איז ביי אים טייערער ווי זיין לעבן און אויב זיינע נאָטיצן זאָלן איבערלעבן היטלערן, וועלן זיי זיין אַן אוצר פאַר די קומענדיקע שרייבערס און קינסטלערס.

אין אונדזער קאַצעט איז אַריינגעפאַלן אַ טייל פון דער ווילנער אונטערוועלט, „די שטאַרקע״. סאַמורע איז געווען אַ מיטגליד פון אָט דער חברה. ער איז געווען אַ קורצער, נאָר שטאַרק געבויט. זיינע חברים האָבן שטאָלצירט מיט אים און זיך באַרימט, אַז ער איז שטאַרק ווי אייזן. סאַמורע

איז געווען אין קאַצעט מיט זיינעם אַ זון, אַ יינגל פון אַ יאָר 15־16. דער טאַטע האָט נישט געוואָלט, אַז דער יינגל זאָל וויסן וועגן זיינע טונקעלע געשעפטן און אונטערוועלטישע שמועסן. ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס וועט אויף אים שלעכט ווירקן, האָט ער געפונען פאַרן זון אַ לערער, וועל־כער האָט זיך פאַרפליכט צו פאַרברענגען מיטן יינגל ביזן שלאָפן גיין און אים נישט צולאָזן צום טאַטן. דערפאַר האָט סאַמורע דעם לערער נישט געלאָזן אויסגיין פון הונגער.

ווען עס פלעגט אָנקומען אַ טראַנספּאָרט צעמענט, האָט מען די זעק גלייך געלייגט אויף אונדזערע פּלייצעס און מיר פלעגן עס טראָגן ביזן אָנ־געוויזענעם פונקט. ווי אַ קאַראַוואַן האָבן זיך לאַנגזאַם באַוועגט הונדער־טער פאַרחלשטע, אויסגעדאַרטע יידן, איינגעבויגענע אונטער דער שווערער משא. די דייטשן פלעגן גיין ביי די זייטן און מיט שטעקנס אונטערטרייבן.

ס׳פלעגט אָבער טרעפן, אַז אַ ייד האָט שוין נישט געקענט אויסהאַלטן די לאַסט און פלעגט אַנידערפאַלן, דאַן פלעגט סאַמורע אויסוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד, אַ כאַפּ טאָן דאָס זעקל צעמענט און דער ייד פלעגט נאָכגיין נאָך אים. עס זיינען געווען פאַלן, ווען סאַמורע איז געקומען צום פונקט אָנגעלאָדן מיט פיר־פינף זעק צעמענט.

ווען די דייטשן פלעגן פאָרן אין שטאָט אַריין נאָך עסנוואַרג פאַרן קאַצעט, פלעגן זיי מיטנעמען אַ צען שטאַרקע יידן אָנצולאָדן די אויטאָס. ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט פון סאַמורעס גבורה, האָבן זיי אים אָנגעהויבן מיטצונעמען. סאַמורע אַליין פלעגט מאַכן די גאַנצע אַרבעט שפּילנדיקער־הייט. אויסער זיין גבורה איז נאָך סאַמורע געווען זייער אַ פלינקער. די דייטשן פלעגן גאָרנישט באַמערקן, ווי ער פלעגט זיך אַרויסגנבענען אויף דער גאַס און קויפן אַ צייטונג. ער אַליין האָט נישט געקענט לייענען, ער האָט אָבער געוואָלט, אַז דער לאַגער זאָל נישט זיין אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט און יידן זאָלן וויסן, וואָס עס קומט פאָר אויף די פראָנטן. שטילערהייט פלעגט די צייטונג איבערגעגעבן ווערן הערמאַן קרוקן, וועלכער איז געווען אַ מומחה צו לייענען צווישן די שורות. דער לאַגער איז געווען אינפאָרמירט וועגן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט.

איין מאָל נאָך דער אַרבעט, אין צייט פון אַפּעל, האָט זיך אויפן הויכן גאַנעק באַוויזן דער עס־עס־מאַן. אַ הויכער דייטש, אַן אַטלעט מיט אַ

חזירישן פּנים, אונטערן אָרעם האָט ער געהאַט אַ בינטל שטעקנס. מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָ וועט שוין פאַלן אַ קרבן, נאָר ווער?

נאָכן אַפּעל האָט דער דייטש צוגערופן צו זיך סאַמורען און האָט ביי אים געפרעגט פאַר וועמען ברענגט ער יעדן טאָג אַ צייטונג. גלייכצייטיק האָט ער אים געוואָרנט, אַז אויב ער וועט אויסזאָגן פאַר וועמען, וועט ער פאַרשמייסן יענעם, אויב נישט, וועט ער אים, סאַמורען, פאַרשמייסן. סאַמורע האָט נישט געענטפערט.

דער דייטש האָט באַטראַכט סאַמורען מיט פאַראַכטונג און האָט אָנגעהויבן אים שלאָגן מיטן שטעקן. סאַמורע האָט געשוויגן. יעדער קלאַפּ האָט ווי אַ דונער אָפּגעהילכט אין אונדזערע אויערן. סאַמורע האָט געשוויגן און נישט אַ ריר געטאָן מיט אַן אבר. וואָס ווייטער איז דער דייטש אַלץ מער אַריין אין רציחה און אומברחמנותדיק געשלאָגן זיין קרבן איבערן גאַנצן קערפּער. טויזנטער פאַרגליווערטע אויגן האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם דייטש־סאַדיסט און דעם מאַרטירער סאַמורע. דער דייטש האַלט אין איין בייטן די שטעקנס און סאַמורע גיט זיך נישט אונטער.

מיר זעען, ווי אויף סאַמורעס פּנים הייבן זיך אָן באַווייזן שוואַרצע פּאַסן און מיט אַ מאָל איז ער אין גאַנצן שוואַרץ געוואָרן ווי קויל. בלויז צעבלוטיקטע ווייסע אויגן שיינען נאָך אַרויס פון דעם שוואַרצן צעאַקערטן פּנים. וואָס ווייטער שלאָגט דער דייטש גיכער און שטאַרקער. סאַמורע באַוועגט זיך נישט, ער שטייט גלייך מיטן געהויבענעם קאָפּ, אַזוי ווי אַן אייזערנע סטאַטוע. יעדערער פון אונדז האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז סאַמורע וויל פאַר אונדז דעמאָנסטרירן, ווי אַ ייד דאַרף מיט שטאָלץ און ווערדע אומקומען אויף קידוש השם.

דער דייטש מיטן רויטן פאַרשוויצטן פּנים איז אַרויס פון די כלים. ער האָט אַ וואָרף געטאָן דעם שטעקן און מיטן שווערן שטיוול אַ שטויס געטאָן סאַמורען אין האַרצן.

סאַמורע איז אַנידערגעפאַלן...

דער „באָק״

ביים אַריינגאַנג אין קאַצעט קלאָגע, אויף די הויכע טרעפּ, איז געשטאַנען דער „באָק״. דאָס איז געווען אַ שווער הילצערן בענקל צו שמייסן יידן. דער קרבן פלעגט זיך אַוועקלייגן אויף די קני, מיטן פּנים אַראָפּ, מען פלעגט אים צובינדן צום בענקל, ער זאָל זיך ניט אַ ריר טאָן. ביי דער זייט פלעגט שטיין אַ ייד מיט עמערס וואַסער, ער האָט געדאַרפט גיסן אויפן קרבן, כדי ער זאָל וואָס לענגער ציען.

דער דייטש, דער לאַגער־פירער, פלעגט הייסן דעם קרבן ציילן הויך די צאָל פון די שמיץ. דער דייטש, אָנגעטאָן מיט אַ פּאָר הענטשקעס, פלעגט נעמען אַ דיקן שטעקן און מיט אַלע כוחות דערלאַנגען אַ זעץ דעם קרבן אין הינטערשטן טייל. דער קרבן פלעגט זאָגן „איינס״ און אַן עמער וואַסער פלעגט זיך אַ גיס טאָן אויף אים.

אַזוי פלעגט זיך דאָס איבערחזרן מיט די ווייטערדיקע שמיץ, כל־זמן דער קרבן פלעגט נאָך ציילן. ווי נאָר ער פלעגט אויפהערן ציילן, איז געווען אַ סימן, אַז דער געשמיסענער רעאַגירט שוין מער ניט. דער „ברייטהאַרציקער״ דייטש פלעגט אים דערלייגן נאָך עטלעכע אומזיסטע שמיץ און דערמיט פלעגט זיך פאַרענדיקן די שטראָף.

אַלע יידן האָבן געמוזט זיך צוקוקן צו דער עקזעקוציע. ווי נאָר דער שטעקן פלעגט זיך אַ הייב טאָן, פלעגן די יידן צומאַכן די אויגן ניט צו זען די יסורים פון געפּייניקטן. ווען איך פלעג אַריינפאַלן אין די ערשטע רייען, פלעג איך זיך צוקוקן צום דייטשס צורה. מען האָט געזען אויף אים, אַז ער לעבט דורך אַ גרויסן פאַרגעניגן, באַפרידיקנדיק זיין זאָאָלאָגישן סאַדיזם.

זייער אָפט פלעגט ער ברענגען מיט זיך נאָך אַ דייטש, כדי פאַר

יענעם צו דעמאָנסטרירן זיין „קונסט" פון פייניקן מענטשן. איין מאָל האָט ער געבראַכט אַ יונג דייטש מיידל. ער האָט קענטיק געוואָלט ביי איר אויסנעמען, ווייל דאָס מאָל איז ער געווען ברוטאַלער ווי שטענדיק.

ס'איז געווען צו באַוואונדערן די רציחהדיקע קאַלטבלוטיקייט פון דעם מיידל. מען האָט געקענט מיינען, אַז זי זיצט אין אַ טעאַטער און קוקט זיך צו צו אַן אַמוזירנדיקן ספעקטאַקל. זי האָט די גאַנצע צייט ניט אַ ריר געטאָן מיט אַן אויג און איר קערפער האָט קיין איין מאָל ניט אַ ציטער געטאָן. קוקנדיק אויף איר, האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין, ווי אַזוי דאָס דייטשע פאָלק האָט געקענט אויסהאָדעווען אַזאַ מאַסן־מערדערישע באַוועגונג ווי די היטלעריסטישע פּאַרטיי.

טויטספּאָרטלערס

אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קלאָגע זיינען געווען עטלעכע וואַרשטאַטן, וואו טויזנטער יידן האָבן געאַרבעט ביי פאַרשיידענע מאַטעריאַלן פון דער קריגס־אינדוסטריע. אויף דער גאַנצער פּראָדוקציע האָט אויפגעפּאַסט אַ דייטש, אַן אינזשינער. ער איז געווען אַ ברייט־פּלייציקער, שיינער, יונגער מענטש, מיט אַן ערנסטן, אינטעליגענטן פּנים. מיר האָבן אים גערופן „דער זעקספּיסיקער", ווייל שטענדיק פלעגט ער גיין מיט זיין עכט־ראַסאָוון הונט, וואָס איז געווען גרויס, דיק און שטאַרק און איז געווען אויסגעדרעסירט ווי צו באַפאַלן מענטשן, צערייסן אויף שטיקער זייערע בגדים, אָבער ניט אָנרירן זייער לייב.

יעדער פרימאַרגן פלעגט דער „זעקספּיסיקער" מאַכן אַ שפּאַציר איבערן לאַגער. ווי נאָר ער פלעגט דערזען אַ יידן אויפן הויף, פלעגט ער גלייך אַראָפּלאָזן דעם הונט פון קייט און דער הונט פלעגט נעמען באַאַר־בעטן דעם קרבן. ער פלעגט אים אומוואַרפן אויף דער ערד און מיט די פיס נעמען רייסן שטיקער פון זיינע בגדים, ער פלעגט שפּרינגען אויף אים און מיטן עק שמייסן איבערן פּנים. קיינער האָט ניט געקענט זיך צוקוקן צו דער בעסטיאַלישער שפּיל. איך פלעג אָבער דעמאָלט באַ־טראַכטן דעם דייטש, ווי ער איז אין גאַנצן קאָנצענטרירט אויף יעדער באַוועגונג פון הונט און נעמט ניט אַראָפּ פון אים קיין אויג, ווי אַליידנ־שאַפטלעכער שאַכשפּילער אָבסערווירט אַ גוטע שפּיל.

ווען דער דייטש פלעגט באַמערקן, אַז דער ייד איז שוין בלאָס און חלשט, פלעגט ער אַ צופרידענער צורופן דעם הונט און געמיטלעך, אַזוי ווי מען גייט אַרויס פון אַ גוטער פאָרשטעלונג, גיין ווייטער אויף זיין שפּאַציר.

דער „זעקספּיסיקער" איז געווען אַן אַרבעטסמענטש. ער האָט זיך מיט פּאָליטיק ניט פאַרנומען און אַפילו ניט געהערט צו דער נאַציסטישער פּאַרטיי. נאָר וואָס, ער איז געווען סתם אַ דייטש, אַ ליבהאָבער פון בלוט. ווי אַ מערדער וועט מען אים קיין מאָל ניט משפּטן, ווייל ער האָט ניט קיין דירעקטע שייכות צו מערדעריי. אלא וואָס, ער האָט ליב געהאַט יע־דער טאָג זיך צוצוקוקן, ווי זיין הונט שפּילט זיך מיט אַ יידן אַזוי, אַז יענעם איז הונדערט מאָל אַרויסגעפלויגן די נשמה פון שרעק, און אויב יענער איז טאַקע שפּעטער אַ מאָל געשטאָרבן פון דער דאָזיקער „שפּיל" — איז דאָס דאָך ניט זיין שולד.

אַזעלכע אומשולדיקע דייטשן קען מען אָנציילן אין די טויזנטער. זיי זיינען כלומרשט ניט געווען קיין רוצחים. אויפן באַשולדיקונגס־באַנק פאַר מאָרדן יידן קען מען זיי ניט זעצן. אַזעלכע דייטשן האָבן געהערט צו אַ „העכערער" קאַטעגאָריע:

טויטספּאָרטלערס, שפּילערס מיט די לעבנס פון יידן.

הונגער

איך געפינען זיך אין אַן אַרבעטס־לאַגער פון שווערער אַרבעט און לייכטע אכילות. דאָ שיסט מען ניט און לעבעדיקע פאַרברענט מען ניט. ביי אונדז שטאַרבט מען אויס מיט אַ נאַטירלעכן טויט — פון הונגער. די מתים איז מען דאָ ניט מקבר, נאָר מען פאַרברענט זיי. די אימפּרעזע קומט פאַר פאַר טאָג מיט אַ געוויסער צערעמאָניע. מען צעלייגט די מתים אויף האָלץ, דערנאָך קומט דער דייטש אין יום־טובדיקע קליידער, ציילט איבער, צי עס שטימט די צאָל, מען באַגיסט דעם שייטער מיט בענזין, דעם בענזין צינדט אונטער דער דייטש אַליין. דער פלאַם הייבט זיך ביזן הימל און באַלייכט ווייט די געגנט. די יידן וואַרפן האָלץ און דער דייטש שטייט אומבאַוועגלעך, קאָנצענטרירט אין זיינע געדאַנקען. ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ גייסטלעכן, וועלכער ברענגט קרבנות צו זיין גאָט און ריכט אָפּ תפילות. עס זאָלן מקויים ווערן די וואונטשן פון זיין פאָלק און הערשער. די קאַנדידאַטן צום הונגערטויט בייטן זיך ניט צום דער־קענען. זיי ווערן אָנגעשוואָלן, די פאַרב פון פנים ווערט מאַט און דורכזיכטיק. די אויגן ווערן גרויס און גלאַנצן ווי גלאָז אָן שום אויס־דרוק.

די שרעק פאַרן הונגערטויט מאַכט מיך משוגע. איך פיל, אַז די סכנה פון אַזאַ סוף דערנענטערט זיך צו מיר. עס באַווייזן זיך די ערשטע סימנים: די פיס ווערן געשוואָלן, אין קערפּער פיל איך אַ מידקייט און די אויגן שווינדלען. ביי דער נאַכט זע איך גאָרניט. דער הונגער לאָזט ניט אָפּ אויף אַ מינוט. וואו דו גייסט און שטייסט הערסטן נאָר וועגן עסן. אַלע קאָנפליקטן קומען אַרויס צוליב אַ שטיקל ברויט אָדער אַ לעפל זופּ. עס זיינען דאָ אַזעלכע, וועלכע לעבן מיט אויסרעכענונג: דאָס

באַקומענע שטיקל ברויט טיילט מען אויף דריי חלקים. איין פּענעצל עסט מען היינט אויף און צוויי לאָזט מען איבער אויף מאָרגן. איך קען זיך ניט באַהערשן און עס אויף די גאַנצע פּאָרציע אויף איין מאָל. איך האָב פּרו־בירט אָפּשפּאָרן, עס גייט מיר אָבער ניט. מען צעגנבעט ביי מיר מער, ווי איך שפּאָר. גנבענען אַ שטיקל ברויט איז דאָ אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. מען גנבעט ביי חברים, ביי פריינד, וואו עס לאָזט זיך. איין גנבהלע האָט אויף מיר געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק. איך זע ווי אַ טאַטע באַקומט פאַר זיך און זון צוויי פּאָרציעס ברויט. אויפן וועג שניידט ער אָפּ פון זונס פּאָרציע אַ שטיקעלע. אַ שוידער איז מיר אַדורך. איצט האָב איך אָפּגע־שאַצט דעם כוח פון הונגער און איבערצייגט זיך צו וואָס ער קען דער־פירן דעם מענטשן.

פאַר דער גאַנצער צייט האָב איך ניט געהאַט קיין איין זאַטן טאָג. היינט איז מיר געוועזן אַ ביסל מזלדיקער ווי אַלע מאָל. מען טרייבט אונדז אויף אַרבעט אויסער די דראָטן פון לאַגער. איך נוץ אויס די גע־לעגנהייט, ווען דער דייטש זעט ניט און כאַפּ זיך אַריין צו אַ פּויער. איך בעט אַ שטיקל ברויט. מען איז מיך מכבד מיט אַ גאַנצן לעבל. איך גלייב ניט מיינע אויגן. ס'זיינען נאָך דאָ מענטשן, וועלכע האָבן גענוג ברויט. איך נעם דאָס ברויט, פאַרגעסנדיק אין גאַנצן, אַז שטענדיק פלעג איך זאָגן: בעסער שטאַרבן פון הונגער אידער בעטן אַ נדבה. אַרויסגייענדיק פון צימער, באַמערק איך אין פאָדערהויז אויפן וואַנט אַ זעקל, זיכער מיט עסנוואַרג. איך וויל עס גנבענען. דער איינגעלערנטער, איינגעוואָרצלטער „מ'טאָר ניט" איז פאַרשוואונדן. איצט מעג מען אַלץ. די האַנט אָבער מאַכט ניט די נייטיקע באַוועגונג. איך האָב מורא. גייענ־דיק ווייטער קען איך מיין שוואַכקייט ניט מוחל זיין. אַ נאָרמאַלער מענטש דאַרף זיך צופּאַסן צו אַלע באַדינגונגען.

אַ ראָמאַן אין קלאָגע

אין קלאָגע האָב איך געאַרבעט אין אַ פאַבריק, וואו מען האָט אויס־געגאָסן שטיינער פון צעמענט פאַר בונקערס. יעדער ייד האָט געדאַרפט אויסאַרבעטן טעגלעך דרייסיק שטיינער אין אַ הילצערנער פאָרעם. די פאַרטיקע שטיינער פלעגן פרויען אַרויסטראָגן אויפן הויף צום טריקענען זיך.

שפּעטער צו האָבן די דייטשן פאַראָרדנט, אַז ביי יעדער פאָרעם זאָלן אַרבעטן צוויי יידן און פאַרטאָפּלען די נאָרמע. מיר האָט מען צוגעטיילט אַ שטאַרקן יונגנמאַן אין די דרייסיקער, מיט אַ גוטמוטיקן קינדערשן פּנים, אַ געוועזענעם בעל־מלאכה. ער האָט געהייסן איציק לייפער און אין געטאָ איז ער געווען דער בעדער. גערעדט האָט ער מיט אַ טיפּישן ליטווישן יידיש און אַ „ש" פלעגט ער אויסריידן ווי אַ „ס".

איינע פון די צוויי פרויען, וועלכע האָבן צוגענומען די שטיינער פון אונדזער טיש, איז געווען חיהלע גליק, אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן, אַ נידער־ריקס מיט אַן אײדעלן שוואַרץ־חנעוודיקן פּנים. חיהלע האָט געהאַלטן אין איין וויינען מיט ביטערע טרערן, וויל גראָד פאַרן אַריינגאַנג אין לאַגער האָבן די דייטשן אַרויסגעריסן ביי איר איר מאַמען.

מיינע וויטאָגן זיינען אויך געווען פרישע און איך פלעג מיטוויינען מיט איר. חיהלע האָט באַקומען צוטרוי צו מיר און אין די פרייע מינוטן פלעגט זי שטיין לעבן מיר, וויינען און ריידן וועגן איר מאַמען. זי האָט מיר דערציילט, אַז דער יונגער ווילנער פּאָעט הירשל גליק איז איר עלטערער ברודער און ער אַרבעט איצטער אין רעשע ביי טאַרף. פאַר דער מלחמה איז ער געווען באַשעפטיקט אין אַ ווילנער פּאַפּיר־געשעפט און

אין די אָוונטן פלעגט ער שרייבן זיינע לידער. זי, חיהלע, האָט שוין אויך געשריבן לידער, נאָר די דייטשן האָבן צעשטערט אירע אַלע חלומות.

מיט איציקס אָנקומען איז מיר די אַרבעט געוואָרן גרינגער. ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער געזונטער מענטש, ממש אַ גיבור. מיטן קוק פלעגט ער אויסקלאַפּן דעם שטיין און איך פלעג קוקן און באַוואונדערן, ווי ער שפּילט זיך מיטן שווערן שטיין, אַזוי ווי מיט אַ פּילקע. אַחוץ אונדזערע שטיינער פלעגט ער נאָך צוהעלפן אַנדערע יידן אויספּאַרטיקן זייער נאָרמע.

חיהלע האָט אויך אויפגעלעבט. אַנשטאָט איר פלעגט שוין איציק אַרויסטראָגן די שטיינער אויפן הויף. חיהלע האָט געהאַלטן אין איין באַ־וואונדערן זיין גבורה און פלעגט אים פאַרגלייכן מיט נוח פאַנדרע.

איציק איז געווען אַן איינפאַכער, נאָר אַ גוטער, האַרציקער מענטש. טאָן אַ טובה עמעצן איז ביי אים געווען זיין לעבן. ווי איך האָב פאַרשטאַנען, איז איציק ניט געווען קיין ליגנער, אָבער אַ פאַנטאַזיאָר איז ער געווען אַ גרויסער. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער קומען מיט אַ נייער מעשה: ביי דער נאַכט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין לאַגער רוסישע פּאַראַשוטיסטן און האָבן אים געהייסן איבערגעבן אונדז, אַז די ישועה איז שוין נאָענט; אָדער אַז די נאַכט זיינען דאָ געווען פאַרטיזאַנער און געהייסן אים ווערבירן יידן פאַר דער פאַרטיזאַנקע. איך האָב געוואוסט, אַז אַלע זיינען מעשיות זיינען ניט געשטויגן און ניט געפלויגן, נאָר אַ שטיקל טרייסט זיינען זיי דאָך געווען פאַר מיר.

איציק איז געקומען אין לאַגער אַריין מיט אַ קליינעם ייִנגל. דער ייִנגל איז ניט געווען זיינער, און ווי אַזוי ער קומט צו איציקן, מיט דעם איז פאַר־בונדן אַן אַנדער שרעקלעכע געשיכטע.

פון סוועציאַן, אַ שטאָט לעבן ווילנע, האָבן די דייטשן געפירט די יידן קיין קאָוונע. דורכפאָרנדיק פאַנאַר, האָבן די דייטשן מיט אַ מאָל דער־שפּירט אַ ריח פון פרישן בלוט, און אַנשטאָט צו פירן די יידן קיין קאָוונע, האָבן זיי זיי אַראָפּגעלאָזן אין פאַנאַר און דאָרטן אומגעבראַכט.

צווישן די טויזנטער סוועציאַנער יידן איז געווען אַ טאַטע מיט אַ קליינעם זון. דעם טאַטן האָט געטראָפן אַ קויל און ער איז געפאַלן אויף זיין זון און מיט זיין טויטן קערפּער האָט ער געראַטעוועט דאָס לעבן פון קינד.

ווען די שיסעריי האָט זיך געענדיקט, איז דער ייִנגל אַרויסגעקראָכן פון

אונטער די טויטע, האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון די פּאָגראָר וועלדער און אַ פּאַרחלשטער איז ער געקומען צו לויפן אין ווילנער געטאָ. איציק האָט אים דערזען דער ערשטער און האָט אים גלייך אוועקגעפירט צו זיך אַהיים. מיט דער צייט האָט איציק זיך צוגעוואוינט צום יינגל און האָט אים באַהאַנדלט ווי אַן אייגן קינד. דער יינגל איז שוין אַלט געווען עלף יאָר, נאָר ער איז געווען קליין און דאַר ווי אַ זעקסיאָריקער.

נאָכן ליקווידירן די ווילנער געטאָ, איז איציק מיטן יינגל אַריינגעפאַלן אין דער גרופּע, וואָס מען האָט געפירט צום קאַצעט קלאָגע. אויפן וועג האָבן די דייטשן צוגענומען די קליינע קינדער פון זייערע טאַטעס. דורך אַ המצאה האָט איציקן זיך איינגעגעבן דורכצושמוגלען דעם יינגל.

אין לאַגער איז דער יינגל געווען אַן אומלעגאַלער תושב. אין דער פרי, ווען מען פלעגט אונדז טרייבן צו דער אַרבעט, פלעגט ער זיך אַרויסגנבענען און אַוועקלויפן אין אַ דאָרף. די פּויערים פלעגן אים געבן גענוג צום עסן און אויך צידה לדרך. פאַר נאַכט פלעגט ער זיך אַריינגנבענען צוריק אין לאַגער און אַלץ, וואָס ער האָט געבראַכט, פלעגט ער אָפּגעבן איציקן. איציק פלעגט אַ טייל פון דעם צעטיילן צווישן זיינע באַקאַנטע.

מיך פלעגט ער אויך מהנה זיין יעדער טאָג מיט אַ שטיקל ברויט. איך בין זיכער, אַז ווען ניט זיין אונטערשטיצונג, וואָלט היינט ניט געווען, ווער ס'זאָל אים דערמאָנען, ווייל אָן זיין הילף וואָלט איך מסתמא דאָרטן אויסגעגאַנגען פון הונגער.

חיהלען פלעגט ער מכבד זיין מיט די בעסערע זאַכן, ווי ברויט געשמירט מיט פּוטער אָדער מיט שטיקלעך פלייש. זי האָט זיך פאַרריכט און פלעגט קוקן אויף אים מיט דאַנקענדיקע אויגן, כאָטש אַ מאָל האָט זי זיך פאַר מיר פאַרטרויט, אַז זי איז פאַרשקלאַפט צו די יידישע טובות ניט ווינציקער, ווי צו דער דייטשער אונטערדריקונג. נאָר דאָך פלעג איך באַמערקן, אַז ביסלעכווייז פאַרשווינדן פון איר אירע אַלטע שמאַטעס, זי איז שוין געווען אָנגעטאָן אין אַ לייטיש קליידל און אין לעדערנע שיך אָנשטאָט די הילצערנע.

איציק פלעגט קוקן אויף איר מיט אַ פאַר ווייכע אויגן. שטענדיק פלעגט ער שטיין לעבן איר מיט צענומענע הענט, אַזוי ווי ער וואָלט געווען גרייט זי צו באַשיצן.

אין קאַצעט איז אָבער קיין זאַך ניט געווען לאורך ימים. איין פלוצעמ־

דיקער באַפּעל — און אַלץ ווערט איבערגעקערט און מענטשן ווערן אַריבער־געוואָרפן אין אַנדערע ערטער. מיט איציקן האָט געטראָפן אַזאַ צופאַל:

אין קלאָגע, וואָס האָט זיך געפונען אויפן ברעג פון קאַלטן פינישן אויסגוס, איז איין טאָג געווען אַ שרעקלעכער פראָסט. דער מאָטאָר פון אונדזער צעמענט־מאַשין איז פאַרפראָרן געוואָרן. עטלעכע יידן האָבן זיך געמאַטערט און מיט די לעצטע כוחות געוואָלט לאָזן דעם מאָטאָר אין גאַנג. די דייטשן מיט שטעקנס האָבן זיי געשלאָגן און געטריבן וואָס גיכער צו דרייען דאָס רעדל פון מאָטאָר, אָבער בשום אופן האָבן די יידן אים ניט גע־קענט אָנוואָרעמען.

אין יענעם מאָמענט איז איציק גראָד פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ שטיין. ער האָט ניט געקענט צוזען דעם צער פון די יידן, איז צוגעגאַנגען צו דער מאַשין און איינער אַליין האָט ער אַ דריי געטאָן דאָס הענטל און דער מאָטאָר האָט אָנגעהויבן אַרבעטן. יעדער איז נשתומם געוואָרן פון איציקס גבורה.

די דייטשן האָבן גלייך פאַראָרדנט איציקן צו פאַרלאָזן זיין אַרבעט אין פאַבריק און צו ווערן אַן אויפפּאַסער אויף די מאָטאָרן אין לאַגער. זיי האָבן אים אַפילו צוגעטיילט אַ באַזונדער צימערל.

איציק האָט שפּאַצירט פראַנק און פריי איבערן לאַגער. דער עולם האָט אים שטאַרק מקנא געווען. מען האָט אַפילו געשמועסט, אַז די דייטשן וועלן אים קיין שלעכטס ניט טאָן.

ביים אַרבעטסטיש אין פאַבריק איז נאָך איציקס אַוועקגיין געוואָרן אומעטיק. ער האָט יעדערן געפעלט. איך האָב שוין געדאַרפט שטאַרק האָרעווען און אויך חיהלע האָט שוין געשלעפּט אַליין די שטיינער. זי האָט שוין ווינציקער גערעדט מיט מיר און איך האָב געפילט, אַז דאָס מיידל באַהאַלט עפּעס פון מיר.

איין מאָל נאָך דער אַרבעט איז חיהלע צוגעגאַנגען צו מיר און מיט אַ שווערן געמיט זיך געזעגנט. זי האָט געזאָגט, אַז זי גייט אַוועק פון דאַנען. לכתחילה האָב איך ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט. איך האָב זי צוגע־רופן און געפרעגט וואוהין זי גייט. אַן אויפגערעגטע האָט זי כמעט ווי אויס־געשריען: „איך גיי אַוועק צו איציקן” — און איז נעלם געוואָרן.

מיין איינציק שטיקל טרייסט אין לאַגער, חיהלע און איציק, איז מיט איין מאָל צערונען געוואָרן.

עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיך די דייטשן געכאַפּט און מיט אַ גרופּע ייִדן אָפּגעשיקט אין אַ צווייטן קאַצעט, לאַגעדע. אין אַ חודש אַרום האָבן זיי מיך מיט נאָך זעקס און דרייסיק ייִדן געבראַכט צוריק קיין קלאָגע. ווען מיר זיינען צוגעקומען צום לאַגער, האָבן זיך געעפנט די טויערן און די דייטשן האָבן אַרויסגעפירט אַ פּאַרטיע ייִדן צום שייטער הויפן: צווישן זיי האָב איך דערזען איציקן, ווי ער פירט אין זיין רעכטער האַנט דעם סוועג־ציאַנער ייִנגל און אין דער לינקער — חיהלע גליק.

אַ נס

דער ווייטערדיקער עפּיזאָד איז זיך פאַרלאָפן אין לאַגער קלאָגע. מען האָט אונדז אַרויסגעטריבן אויפן פעלד צו גראָבן גריבער. אַן עלטערער דייטש, אונדזער אויפזעער, האָט יעדערן געגעבן אַ שופל און געהייסן גראָבן.

לעבן מיר האָט געאַרבעט אַ דאַרע, אויסגעשעפּטע פרוי קאַגאַן. איר מאַן איז געווען אַ פּאַרוואַלטער אין אַ קאָוונער העברעאישער גימנאַזיע. זי האָט גראָד באַקומען אַ גרויסן שופל און ביי יעדער אָננעמען דעם זאַמד, האָט זי זיך געדרייט אין דרייען. איך האָב צוגענומען פון איר איר שווערן שופל און געגעבן איר מיין לייכטערן.

דאָס האָט באַמערקט אונדזער אויפזעער. מאָמענטאַל איז ער צוגעלאָפן צו מיר און האָט גענומען מיך מערדערלעך שלאָגן מיט זיין שטעקן. דעם לעצטן קלאַפּ האָט ער מיר דערלאַנגט מיטן שטעקן אין פּנים. פון מויל האָט גענומען רינען בלוט. איך האָב גלייך צוגעדריקט די ליפּן און גענומען טרינקן מיין אייגן בלוט.

אַ צעשלאָגענער און צעבלוטיקטער האָב איך גענומען ווידער גראָבן די ערד. ערשט איך זע, ווי ס׳קומט צו מיר צו דער דייטש, ער בעמט רואיק אַרויס אַ ביכעלע און פאַרשרייבט דעם קאַצעט־נומער אויף מיין בגד: 326.

אַ דייטש אַן אויפזעער האָט געמעגט שלאָגן אַ יידן, וויפל ער האָט נאָר געוואָלט, אָבער ניט הרגענען. טאָמער האָט אָבער געטראָפן, אַז ער פלעגט יאָ טייטן אַ יידן, פלעגט מען אים אויך גאָרנישט טאָן. טייטן אַ יידן איז געווען באַרעכטיקט נאָר דער לאַגער־פירער. איך האָב געוואוסט, אַז דער דייטש האָט פאַרשריבן מיין נומער, כדי איבערצוגעבן דעם לאַגער־פירער און יענער זאָל שוין מיר מקיים פסק זיין.

אַפילו אין די שווידערלעכסטע באַדינגונגען איז דער דראַנג פון מענטשן צום לעבן זייער שטאַרק. מיין לייב האָט אָנגעהויבן צו ציטערן פון שרעק. איך האָב געוואוסט, אַז נאָכן אַפּעל וועט דער לאַגער־פירער, מיטן חזירשן פנים, אויסרופן: נומער 326. איך וועל אַרויסגיין פון די רייען און צוגיין צו אים. ער וועט מיך באַטראַכטן און אָפּשאַצן, ווי לאַנג איך וועל אויסהאַלטן די שמיץ. דערנאָך וועט ער הייסן מיך אויסציען זיך אויפן באַנק, וואו מען וועט מיך צופּעסטיקן מיט רימענס. ער וועט מיך אָנהייבן שמייסן מיט זיין גראָבן שטעקן און איך וועל דאַרפן ציילן די שמיץ, ביז וואַנען מיין האַרץ וועט פּלאַצן פון די יסורים. אוי, וואָס פאַר אַ שרעקלעכער טויט!

ס׳איז אוממעגלעך איבערצוגעבן די פּיינען, וואָס אַ מענטש לעבט איבער אין אַזעלכע מינוטן.

זעענדיק, אַז איך האָב שוין ניט וואָס צו פאַרלירן, בין איך צוגעגאַנגען צום דייטש און דערקלערט אים, אַז איך האָב נאָר געוואָלט אומבייטן מיין שופל מיט דער שוואַכער פרוי און אַז איך פאַרשטיי ניט, פאַר וואָס ער האָט מיך געשלאָגן. דער דייטש האָט זיך איינגעקוקט אויפן פאַרטריקנטן בלוט אויף מיין פּנים און זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט, גאָרניט זאָגנדיק.

נאָכן אַפּעל בין איך שוין געשטאַנען גרייט, אַז דער לאַגער־פירער זאָל אויסרופן מיין נומער 326, נאָר ער האָט ניט אויסגערופן. קענטיק, אַז דער אויפזעער איז דאָך באַווירקט געוואָרן פון די פּאָר ווערטער, וואָס איך האָב אים געזאָגט נאָכן באַקומען די מכות־רצח, און ער האָט ניט ראַפּאָרטירט צום לאַגער־פירער.

אַ נס!

מיט הערמאַן קרוק

דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אַריינפאַלן אין דעם זעלביקן קאָנצענטראַציע־לאַגער מיטן באַוואוסטן וואַרשעווער ביבליאָטעקאַר און גע־זעלשאַפטלעכן טוער הערמאַן קרוק, דעם ברודער פון פנחס שוואַרץ. געווען איז דאָס אין לאַגער קלאָגע.

יעדן אָוונט, נאָכן שווערן טאָג אַרבעט, פלעגט זיך הערמאַן פאַרקלייבן אין אַ ווינקעלע און פאַרצייכענען זיינע טעגלעכע באַטיצן. ער האָט געשריבן אַ טאָגבוך פון אַ קאַצעטלער.

ס'איז ניט באַשערט געווען דער יידישער ליטעראַטור באַרייכערט צו ווערן מיט אַ טיף־פסיכאָלאָגישער שילדערונג, וואָס וואָלט אָפּגעשפּיגלט די שוידערלעכע איבערלעבונגען פון די יידן אין די דייטשישע קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן. צום באַדויערן, איז דער גאַנצער מאַטעריאַל, וואָס וואָלט געווען אַ טייערע מציאה פאַר שרייבערס, קינסטלערס און היסטאָריקערס, פאַרניכט געוואָרן.

גלייכצייטיק האָט קרוק געלייגט גרויס אַכט אויפן יידישן לאַגער־פאָלקלאָר. אין קאָנצענטראַציע־לאַגער האָט ער זיך אָנגעהערט אָן אַ שיעור פאָלקסווערטלעך, וויצן און קללות. צו יעדער קלייניקייט האָט ער זיך צוגעהערט און עס פאַרצייכנט מיט התמדה.

קרוק האָט זיך זייער פאַראינטערעסירט מיטן גאַנג פון די פּאָליטישע געשעענישן. יידן, וואָס די דייטשן האָבן גערופן פאַרריכטן זייערע ראַדיאָס, פלעגן אים איבערגעבן די נייס, וואָס זיי האָבן געהערט. קרוק איז געווען אונדזער טעלעגראַפן־אַגענטור אין קאַצעט.

אין דעם זעלבן לאַגער האָט זיך געפונען מיינער אַ באַקאַנטער, וואָס די דייטשן האָבן אים צוגעטיילט אַ קליין שטיבעלע, וואו ער האָט געפאַרבן שטרוי און פרויען פלעגן פלעכטן פון דעם שטובשיכלעך פאַר די דייטשן.

ער האָט אויסגעניצט די געלעגנהייט און האָט געמאַכט פּרנסה. ער פלעגט קויפן מעל, פאַרשיידענע גרויפּן און מאַרגאַרין און איך פלעג פון דעם באַקן בייגעלעך אָדער לאַטקעס.

איין מאָל, דאָס איז געווען אין 1944, האָב איך מיט אים באַשלאָסן איינ־צולאָדן קרוקן אויף לאַטקעס און דערפאַר זאָל ער אונדז עפּעס דערציילן וועגן פּאָליטיק. קרוק האָט מסכים געווען. אָן אויסגעהונגערטער, האָט קרוק געגעסן די לאַטקעס מיט גרויס הנאה. מיר זיינען געזעסן און געוואַרט מיט אומגעדולד, אַז ער זאָל אונדז געבן זיין איבערבליק וועגן דער פּאָליטישער לאַגע. ווען קרוק האָט פאַרענדיקט מיט די לאַטקעס, האָט ער זיך אויפגע־הויבן, זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטול און געזאָגט: יעדער מינוט קען ברענגען גוואַלדיקע ענדערונגען, ס'איז ניט וויכטיק די איצטיקע לאַגע. אין מלחמה־צייט איז קיין זאַך ניט סטאַביל. איך וועל אייך איבערגעבן מיין מיינונג וועגן דער פּאָליטישער לאַגע, ווי איך זע זי אין דער נאָענטער צוקונפט. פינלאַנד וועט די ערשטע רעוואָלטירן קעגן דער „אַקס", שפּעטער וועט זיך רומעניע אָפּרייסן. די דייטשישע אַרמיי וועט ליידן אַ גרויסע מפּלה אין רוסלאַנד. די דייטשן וועלן לויפן פון רוסלאַנד, ווי אַ מאָל די פראַנצויזן. די רויטע אַרמיי וועט זיי נאָכיאָגן און ווי אַ פעסט באַזעצן אַ גרויסן טייל פון איראָפּע.

ווען קרוק האָט פאַרענדיקט זיין נבואה־זאָגן, האָט ער זיך געזעגנט און אַוועק. מיר זיינען געבליבן ווי אָפּגעשמיסענע. מיין באַקאַנטער האָט מיט אַ פאַרקרימטן פּנים אַ זאָג געטאָן: קרוק איז טאַקע אַ קלוגער מענטש, אָבער ווי נאָר ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו ווערן אַ נביא, איז ער געוואָרן נאַריש. איך האָב זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז ער זאָל פאָרויסזאָגן אַזאַ אַבסורד. גראָד האָב איך היינט אַליין געהערט דעם ראַדיאָ, וואו די דייטשן האָבן גע־מאָלדן, אַז זיי קעמפן שוין מיט די רעשטלעך פון דער רוסישער אַרמיי.

ס'איז אַריבער אַ ביסל צייט. די דייטשן האָבן אויסגעשאָסן אַלע יידן, בתוכם אויך קרוקן און מיין פריינד. זיי טרעטן אָפּ און די רוסן יאָגן זיי נאָך. רומעניע האָט רעוואָלטירט קעגן דער „אַקס". די דייטשן האָבן קאַפּי־טולירט און די רויטע אַרמיי האָט ווי אַ פעסט באַזעצט אַ גרויסן טייל פון איראָפּע.

די אַבסורדאַלע נבואה פון קרוקן איז מקוים געוואָרן.

הילף פון אַ רוצח

אין עסטלאַנד האָבן די דייטשן געהאַט אויסגעבויט אַ נעץ קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן. אין איינעם פון זיי, אין קלאָגע, בין איך געווען עלף מאָנאַטן, דערנאָך בין איך אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ צווייטן עסטישן לאַגער, לאַגעדע.

דעם גאַנצן טאָג פלעגן מיר אַרבעטן עבודת פרך און אויף דער נאַכט פלעגט מען אונדז אַריינטרייבן אין די באַרעס, וואו אונדזער נאַכט־לעגער איז געווען אויפן נאַסן באָדן.

פון אָפּשוואַכונג איז דער גרעסטער טייל פון אונדז קראַנק געוואָרן אויף דער אַזוי גערופענער „הינערשער בלינדקייט", ד"ה, מיר האָבן ביי נאַכט גאָרניט געזען און מיר פלעגן קריכן איינער אויפן אַנדערן.

איין מאָל האָבן אונדז די דייטשן אַרויסגעטריבן גראָבן גריבער אויף אַ ברייט פעלד. אַ ווילע שפּעטער איז אַרויס אַזאַ מבול, אַז דאָס וואַסער האָט פאַרפלייצט אַלץ, וואָס מיר גראָבן. די דייטשן, זעענדיק, אַז אונדזער אַרבעט איז אַ ברכה לבטלה, האָבן אונדז געהייסן אַריינגיין אין אַ דערביי־איק־גרויסער שטאַל. מיר האָבן דאָרטן שוין געטראָפן, זיצנדיק אויפן היי, אַ גרופּע רוסן. זייער האַלטן זיך איז אונדז געוואָרן פאַרדעכטיקט און מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ פאַרניכטונגס־קאָמאַנדע פאַר יידן. ס'איז געוואָרן נאָך טרויעריקער אויפן האַרצן. אָבער ס'איז ניט געווען די קלענסטע האָפענונג זיך אַרויסצוקריגן פון דאַנען. אין אַזאַ לאַגע ווערן אַ מאָל אַטראָפירט אַלע געפילן און אין עקסטרעמער פאַרצווייפלונג גיט זיך דער מענטש איבער אין די הענט פון בלינדן גורל.

איך האָב זיך אַנידערגעזעצט לעבן איינעם פון דער חברה. זיי האָבן

זיך ציניש געוויצלט צווישן זיך און גערויכערט פּאַפּיראָסן. מיר האָט זיך זייער פאַרוואָלט רייכערן, אָבער איך האָב ניט געוואָגט צו בעטן ביי זיי. מיין שכן, דער רוס, האָט באַמערקט, אַז איך נעם ניט אַראָפּ מיינע אויגן פון זיין פּאַפּיראָס, האָט ער צוגערוקט זיין זעקעלע טאַבאַק און געהייסן מיך פאַרדרייען אַ פּאַפּיראָס.

איך האָב אים אָפּגעדאַנקט און פאַרפירט מיט אים אַ שמועס. ער איז גראָד געווען אַ באַרעדעוודיקער און האָט מיר געשילדערט זיין גאַנץ לעבן: „זיין טאַטן געדענקט ער ניט. זיין מאַמע אַרבעט אין אַ פאַבריק און לעבט אין דחקות. אַז ער איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, האָט ער באַשלאָסן נעמען זיין גורל אין זיינע אייגענע הענט: ער איז געוואָרן אַ גנב. אין אַן אויסבעסערונגס-הויז האָט מען אים אויסגעלערנט שלאָסעריי. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט מען אים מאָביליזירט און ער איז געוואָרן אַ שאָפער. ער איז אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט. ער האָט געאַרבעט שווער און געליטן הונגער. ס'איז אים געווען זייער שלעכט, דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן אָנצונעמען דעם דייטשן אָנבאָט מיטצואַרבעטן אין אַ פאַרניכטונגס-קאָמאַנדע פאַר יידן. די דייטשן לערנען אונדז, וואָס פאַר אַן אומגליק די יידן זיינען פאַר דער מענטשהייט און וואָס זיי טוען, כדי פּטור צו ווערן פון אָט דער מגפה".

דער רוס ענדיקט זיין קורצע לעבנס-געשיכטע און — שלעפּט אַרויס פון אַ זעקעלע אַ שטיק ברויט מיט פּוטער און גיט דאָס מיר. איך האָב מיינע אויגן ניט געגלייבט. פון צעטומלטער פאַרוואונדערונג האָב איך אין ערשטן אויגנבליק זיך ניט געכאַפּט איינשלינגען דעם טייערן אוצר. נאָכער האָט ער מיך ווידער מכבד געווען מיטן גאַנצן זעקעלע טאַבאַק.

שווער צו באַשרייבן מיינע געפילן אין יענעם מאָמענט. מיט אַ רגע פריער איז אָט דער רוס — ווי די אַנדערע אַרום אים — געווען פאַר מיר דער מלאך המוות און פּלוצעם איז ער געוואָרן מיינער אַ פריינד, אפשר גאָר מיין רעטער. איך האָב באַקומען צו אים צוטרוי און געזאָגט אים:

איך האָב אַ ברודער אין רוסלאַנד, איך וויל דיך בעטן, אַז אויב דו וועסט בלייבן לעבן, זאָלסטו אים אָנשרייבן, וואו דו האָסט מיך געטראָפן און ביי וועלכע באַדינגונגען. דו זאָגסט מיר צו?

ער האָט מיר צוגעזאָגט און האָט פאַרשריבן מיין ברודערס אַדרעס.

דערנאָך האָט ער מיר דערלאַנגט אַן אָנגעשריבן צעטעלע און האָט געזאָגט:

„דו זעסט, דאָס איז מיין מאַמעס אַדרעס. איצט זאָג מיר דו צו, אַז אויב דו וועסט בלייבן לעבן, וועסטו איר אָנשרייבן וועגן מיר אַלץ, וואָס דו ווייסט".

איך האָב אים צוגעזאָגט. פון צעטעלע איז ביי מיר קיין זכר ניט געבליבן, אָבער אין מיין זכרון איז געבליבן אויסגעקריצט זיין נאָמען: ניקיטין.

ווען דער פלוך רעגן האָט אויפגעהערט, האָבן די דייטשן אונדז געהייסן אַרויסגיין צו דער אַרבעט. ביים טויער איז צוגעגאַנגען צו מיר ניקיטין און אָנגעוויזן אויפן פעלד אָנגעשניטענע צווייגן. ער האָט מיך געהייסן קומען מאָרגן אַהין, וואו ער וועט שוין וואַרטן אויף מיר.

צו מאָרגנס האָב איך זיך צוגעשאַרט אומבאַמערקטערהייט צו די צווייגן. אונטן, אין אַ גרוב, האָב איך באַמערקט ניקיטינען. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיטן פינגער און איך בין אַראָפּ צו אים. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ זעקעלע מיט עסנוואַרג און געהייסן מיך גלייך אַרויסגיין פאַרזיכטיק, אַז די דייטשן זאָלן מיך ניט באַמערקן און אַז מאָרגן זאָל איך ווידער קומען אַהער. אַזוי האָבן אָנגעהאַלטן מיינע באַגעגענישן מיט ניקיטינען אַ צען טעג — די בעסטע טעג אין מיין גיהנום.

ביי יעדער טרעפן זיך מיט ניקיטינען פלעג איך ניט אויפהערן טראַכטן, וואָס פאַר אַ טיפע רעטעניש עס איז די נשמה פון אַ מענטשן: אָט זע איך פאַר זיך אַ פּראָפעסיאָנעלן, גלייכגילטיקן רוצח — מיט אַ האַרץ פול רחמנות.

ניקיטין איז בלי שום ספק אַן אונטערוועלט־מענטש. ער איז איינער פון גאָרקיס „באָסיאַקעס", וועלכע זיינען אַ בלינדער ווערקצייג סיי ביים יצר־טוב און סיי ביים יצר־הרע. גאָרקיס העלדן זיינען פאַר מיר אַבסטראַקטע העלדן. מיין ניקיטין איז אָבער אַ רעאַלער מענטש. איך טרעף זיך מיט אים יעדן טאָג פּנים אל פּנים און היינט, ווען איך נייטיק זיך אין הילף, ריזיקירט ער מיט זיין לעבן און העלפט מיר. כאָטש מאָרגן, קען זיין, וועט ער מיך שיסן און ווערן מיין מלאך המוות.

אונדזער לעצטע באַגעגעניש איז געווען אַנדערש. אין דער באַשטימטער צייט האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזן אין גרוב און געטראָפן דאָרטן ניקיטינען מיט אַן אומעטיקן פּנים. ער האָט מיר פאַרטרויט אַ סוד, אַז זיי האָבן באַקומען אַ באַפעל צו זיין גרייט. לויט זיין מיינונג, איז מאָרגן אונדזער לעצטער

טאָג, דעריבער לייגט ער מיר פאָר מיך צוצופירן היינט ביי נאַכט צו אַ רו־סישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וואָס געפינט זיך אַ דרייסיק קילאָמעטער פון דאַנען.

איך בין אויפגעציטירט געוואָרן פון זיינע טרויעריקע נייס. אַ צעטומל־טער האָב איך אים געענטפערט, אַז מאָמענטאַל קען איך אים ניט געבן קיין תשובה און אַז מאָרגן וועל איך אים ענטפערן. „גוט" האָט ער אַ מורמל געטאָן „אויב ס'וועט שוין ניט זיין צו שפּעט" — און ווי אַ קאַץ איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון גרוב.

אויף צו מאָרגנס האָב איך שוין ביקיטינען ניט געטראָפן. מיר האָבן אָפּגעאַרבעט ביז האַלבן טאָג און די דייטשן האָבן אונדז געהייסן גיין צוריק אין לאַגער אַריין.

אויפן וועג האָבן מיר שוין דערזען דעם חורבן. די דייטשן שלאָגן יידן און שטופּן זיי אין אויטאָבוסן, די איבעריקע האָבן זיי געהייסן גיין צוריק אין לאַגער אַריין. איך בין געווען צווישן די לעצטע.

ווי אַזוי איך בין געבליבן לעבן

אין קאַצעט לאַגעדע גייט אָן די עוואַקואַציע פון די יידן. מען פּאַקט זיי אין לאַסטאויטאָס און מען פירט זיי אַוועק. מיין ריי איז געווען אין לעצטן אויטאָ.

דאָרט זיינען געפאָרן זיבן און דרייסיק „פּאַסאַזשירן". דער אויטאָ איז געווען פאַרדעקט און מיר האָבן ניט געזען וואוהין מען פירט אונדז.

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ פּינצטערן וואַלד. מיר האָבן געהערט, ווי אונדזערע דייטשן זאָגן צו די דייטשן פון וואַלד, אַז זיי האָבן געבראַכט די לעצטע פּאַרטיע און ווי די דייטשן פון וואַלד האָבן דער־קלערט, אַז זיי קענען אונדז ניט אויפנעמען, ווייל זיי האָבן אַ באַפעל צו אַרבעטן נאָר ביז ביין אַ זייגער און איצטער איז שוין צען מינוט נאָך ביין.

אונדזערע באַגלייטערס האָבן פאַרקערעוועט דעם אויטאָ און מיר האָבן זיך ווידער געלאָזן אין וועג אַריין. מען האָט אונדז צוגעפירט צו אַ ריינעם אַספאַלטירטן הויף, וואו אַרום זיינען געווען הויכע, ווייסע מויערן. דאָס איז געווען אַ גרויסע תפיסה אין רעוועל.

ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, זיינען די דייטשן ווידער געקומען, אַריינגעטריבן אונדז אין אויטאָ און אָפּגעפירט קיין קלאָגע. אויפן גרויסן הויף פון קאַצעט זיינען געווען צעזעצט אויף דער ערד הונדערטער יידן. אויף די הויכע גאַניקעס זיינען געשטאַנען דייטשן און אַכטונג געגעבן אויף די זיצנדיקע.

אונדז, די פריש־געקומענע, האָט מען איינגעשלאָסן אין אַ גרופּע.

צום טויער פון לאַגער קומען צו באַוואָפנטע דייטשן, יעדערער מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויפן פנים. זיי באַפעלן אַ הונדערט יידן זיך אויפצו־שטעלן און זיי פירן זיי אַוועק. מיט עטלעכע מינוט שפּעטער הערן זיך פון דערבייאיקן וואַלד שאָסן פון אויטאָמאַטישע וואָפן.

אויפן זעלביקן הויף איז געווען אַ לאַנגער וואַשצימער. איך מיט מיין שבן זושקע זיינען אַריין אַהין. די דייטשן האָבן אונדז ניט באַמערקט. אין וואַשצימער האָבן מיר שוין געפונען צענדליקער יידן, באַהאַלטענע אין פעסער און קאַסטנס פון וועשעריי.

איך מיט זושקען האָבן זיך אַוועקגעלייגט אונטער אַ באַנק. גראָד איז דאָרטן געווען אַ לאָך צו אַ צווייטן צימער.

שפּעט ביי דער נאַכט, ווען אַלע קלאָגער יידן האָבן שוין געברענט אויף די שייטער הויפנס, האָבן דייטשן מיט עלעקטרישע לעמפּלעך זיך אַריינ־געלאָזן אין וואַשצימער. זיי האָבן איבערגעקערט די פעסלעך מיט קעסט־לעך און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט די באַהאַלטענע. די יידן האָבן זיך גע־נומען בעטן ביי די דייטשן. אַ יונג מיידל האָט געקושט די דייטשן די הענט און פיס. זי האָט געוויינט, אַז זי איז נאָך יונג און געבעטן זי צו שוינען.

אַ דייטש האָט איר געענטפערט, אַז ניט נאָר דאָס לעבן, נאָר אַפילו די שיין פון זון איז פאַר די יידן אַ שאָד. מיט די ווערטער האָט ער זיך געזעגנט מיט זיין יונגן קרבן.

איידער די דייטשן האָבן דערשאָסן די יידן אין וואַשצימער, האָבן זיי די קרבנות געשלאָגן מיט די רעוואָלווערן איבער די קעפּ.

איך מיט זושקען זיינען דערווייל אַריינגעקראָכן אין צווייטן צימער און ווען די רוצחים זיינען געקומען אין צווייטן צימער, זיינען מיר אַרי־בערגעקראָכן אין ערשטן.

אַזוי אַרום זיינען מיר ניצול געוואָרן פון דער דייטשער מערדערישער קויל.

געשרייען פון ברענענדיקן זון

צווישן די יידן פון עסטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער לאַגעדע האָט זיך געפונען איינער שימאַנאָוויטש. ער איז געווען פון די גליקלעכע. מחמת אים האָט זיך איינגעגעבן צו קומען אַהער צוזאַמען מיט זיינעם אַ זון, אַ יונגער, שיינער יינגל.

מיר איז אויסגעקומען אָפט זיך צו טרעפן מיט די שימאַנאָוויטשעס ביי דער אַרבעט. זיי זיינען געווען איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן און שטענדיק פלעגן זיי זיין צוזאַמען.

איין מאָל, אויפן וועג צוריק צום לאַגער פון דער אַרבעט, זיינען די

דייטשן באַפאַלן די יידן, געשלאָגן זיי, אַריינגעשטופּט אין די צוגעגרייטע אויטאָבוסן און זיי אַוועקגעפירט. דעם איבעריקן טייל יידן, וואָס זיי האָבן געטריבן אין לאַגער, האָבן זיי דערנאָך אַרויסגעפירט אויף אַנדערע אויטאָ־בוסן. אויף אַזאַ אופן איז אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה ליקווידירט געוואָרן דער קאָנצענטראַציע־לאַגער לאַגעדע.

נאָכן באַפרייען זיך, האָבן פון די צוואַנציק טויזנט יידן, פאַרשיקטע פון ווילנע און קאָוונע אין די עסטאָנישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, זיך צוזאַמענ־געקליבן אין קלאָגע הונדערט מיט זיבן געראַטעוועטע נפשות. אין קלאָגע האָבן מיר געדאַרפט זיצן, שוין ווי פרייע מענטשן, אַ לענגערע צייט, מחמת דער וועג פון עסטאָניע קיין ווילנע איז נאָך ניט געווען פריי.

אַז ס׳זיינען אַריבערגעגאַנגען עטלעכע טעג נאָכן באַפרייען זיך, האָט זיך אין קלאָגע באַוויזן נאָך אַ ייד. מיר האָבן אים גערופן „דער הונדערט אַכטער" אָדער „דער פרעמדער". דער ייד האָט אויסגעזען שרעקלעך. ער איז געווען פאַרבערענט, אַזוי ווי ער וואָלט ערשט אַרויסגעקראָכן פון אַ ברענענדיקן קאַלכאויוון. די גאַנצע צייט איז ער געזעסן אין אַ ווינקל מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. מענטשן האָבן געוואָלט דערגיין פון אים, ווער ער איז און פון וואַנען ער איז געקו־מען, אָבער דער ייד האָט קיין מאָל ניט געענטפערט.

אין טאָג, אויף אַ שפּאַציר הינטערן שטאָט, איז מיר פלוצעם אַנטקעגנ־געקומען „דער פרעמדער". דאָס מאָל האָבן אונדזערע בליקן זיך אַזוי שאַרף צונויפגעטראָפן, אַז „דער פרעמדער" האָט מיר געגומען אויסזען עפּעס באַקאַנט.

— „זייט איר ניט שימאַנאָוויטש ?" — האָב איך אים געפרעגט.

מיט צעשראָקענע אויגן האָט שימאַנאָוויטש זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און מיט אַ ציטעריקער שטים מיר געזאָגט: „יאָ, דאָס בין איך. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל שוין אַפשוויגן מיין גאַנץ לעבן, ערשט זע איך, אַז איך רייד. ס׳איז דאָ אַזוי פיל צו דערציילן, אַז מיט ווערטער איז דאָס אוממעגלעך דאָס אויסצודריקן, נאָר דורכן שוויגן".

איך האָב אים באַרואיקט און געזאָגט, אַז יעדער איינער פון אונדז האָט דורכגעלעבט דאָס זעלביקע און אַז מיר מוזן שלום מאַכן מיט אונדזער גורל.

„וואָס רעדט איר" — האָט זיך שימאַנאָוויטש אַ וואָרף געטאָן אויף מיר — „יעדער פון אונדז האָט דורכגעמאַכט דאָס זעלביקע? אדרבא, הערט זיך נאָר איין און מיר וועלן זען, צי איר וועט דאָס נאָך אַ מאָל זאָגן".

און ער האָט אָנגעהויבן ריידן:

„איר האָט דאָך געזען, ווי די דייטשן האָבן מיך מיט מיין זון אַריינגע־שטופּט אין אויטאָ. זיי האָבן אונדז אַוועקגעפירט אין אַ געדיכטן וואַלד. זיי האָבן אונדז צעשטעלט אין איין לאַנגער ריי און גענומען אונדז אַרומוויקלען מיט שטעכעדיקן דראָט. נאָכער האָבן זיי יעדן באַגאָסן פון אויבן ביז אַראָפּ מיט בענזין. איך בין געווען דער לעצטער אין דער ריי און לעבן מיר איז געשטאַנען מיין זון. איך האָב געזען, ווי אַ דייטש איז צוגעגאַנגען צום ערשטן פון דער ריי און האָט אים אונטערגעצונדן מיט אַ ברענענדיקן פאַקל. די פלאַמען האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן אַלץ ווייטער און ווייטער. מיין זון האָט גענומען שרייען: ‚טאַטע, ראַטעווע זיך' און אָנגעהויבן אָפּצודריקן מיין דראָט. איך האָב זיך גענומען רייסן און אַרויסגעריסן זיך פון דראָט און אַריינגעלאָפן אין וואַלד אַריין. איך האָב זיך אַרומגעקוקט צוריק און דערזען, ווי די גאַנצע ריי יידן ברענען אין העלע פלאַמען. זיי האָבן זיך געצאַפּלט און געשריען מיט ווילדע קולות, וואָס קלינגען נאָך איצט אין מיינע אויערן און מאַכן מיך משוגע. איך האָב זיך געוואָלט אומקערן צוריק און ברענען צוזאַמען מיט מיין קינד, נאָר עפּעס אַ כוח האָט מיך געשטויסן זיך אָפּצוטראָגן וואָס גיכער פון דאָרטן. ווי אַ משוגענער בין איך אַנטלאָפן. לויפנדיק האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, ווי איך הער אַ ווילדן קול פון מיין ברענענדיקן קינד: „טאַטע, ראַטעווע מיך, טאַטע, טאַטע!!!" נו, וואָס וועט איר איצטער זאָגן? האָט איר איבערגעלעבט דאָס זעלביקע וואָס איך"?

עס האָט ביי מיר אָפּגענומען דאָס לשון. איך האָב געשוויגן.

זיין זונס פעלצל

די דייטשן זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן עסטאָניע אין איילעניש און זיי האָבן ניט באַוויזן צו פאַרניכטן אַלע יידן.

גלייך נאָכן אָנקום פון די רוסן, זיינען מיר, די לעבן־געבליבענע, אַרויסגעקראָכן פון אונדזערע לעכער און געלאָזן זיך אויפזוכן דאָס אָרט, וואו די דייטשן האָבן אויסגעהרגעט די יידן אין קלאגער לאַגער.

ניט ווייט פון לאַגער, אויפן פעלד, זיינען געווען אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען שייטער־הויפנס און אויף זיי זיינען געווען אויסגעלייגט אין רייען הונדערטער האַלב־פאַרברענטע יידן. ס׳איז געווען אַ האַרצרייסנדיק בילד, וואָס מען קען אייביק ניט פאַרגעסן.

מיר זיינען לאַנג געשטאַנען און מיט טרערן אין די אויגן באַטראַכט די קרבנות. מיר זיינען געגאַנגען צוריק מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און קיינער האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

מיט אַ מאָל האָב איך דערהערט, ווי עמעצער רעדט צו מיר. לעבן מיר איז געשטאַנען מיינער אַן אַלטער פריינד. דער פּנים איז ביי אים געווען רויט פון אויפרעגונג און די אויגן צעגלאַנצט ווי ביי אַ משוגענעם.

„קוקט זיך נאָר צו" — האָט ער צו מיר געזאָגט — „איר זעט, דאָס איז מיין זונס פעלצל. איך האָב דאָס געפונען צווישן די אָנגעוואָרפענע בגדים. דאָס האָבן די רוצחים מיר איבערגעלאָזן און מיין קינד האָבן זיי פאַרברענט".

ווער האָט נאָך געקענט מיטפילן דעם אומגליקלעכן טאַטן ווי איך? אָבער מיט וואָס קען איך אים טרייסטן און צי איז דאָ אַ טרייסט אויף דעם?

אין לאַגער פלעגן מיר זיך אָפט טרעפן מיטן זעלביקן פריינד, אָבער

איך פלעג זיך באַמיען, אויף וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך געווען, אים אויס־צומיידן, ווייל שטענדיק האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט זיין זונס פּעלצל. ער האָט זיך ניט געקענט שיידן מיט אים. ווען איך פלעג נאָר דערזען דאָס פּעלצל, פלעגט מיר דאָס האַרץ צעריסן ווערן אויף שטיקער. דאָס איז געווען די סיבה, פאַר וואָס איך האָב זיך דערווייטערט פון מיין פריינד.

שפּעטער, שוין זייענדיק אין ווילנע, איז ער געקומען מיך געוואר ווערן. און אויך דעמאָלט האָט ער באַך געהאַלטן זיין זונס פּעלצל אויפן אָרעם. איך האָב געפילט, אַז עס ווערט מיר שוואַך אין אַלע גלידער. איך האָב אים אַפילו ניט געבעטן זיך אויסטאָן און קוים דערוואַרט, ביז וואַנען ער איז אַוועקגעגאַנגען. דער צער פון זיין גרויסן אומגליק האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן.

אין אַ צוואַנציק יאָר אַרום בין איך אין אַ הייסן זומערטאָג געגאַנגען איבער די גאַסן פון חיפה. פּלוצלונג דערזע איך, ווי אַנטקעגן מיר קומט אָן מיין ווילנער גוטער פריינד. איך האָב זיך געלאָזן לויפן צו אים און געוואָלט אים אַרומכאַפּן. אָבער ווי נאָר איך האָב דערזען אונטער זיין אָרעם זיין זונס פּעלצל, האָב איך זיך גלייך אָפּגעשטעלט און זיך פאַר־קערעוועט אין אַ געשעפט.

דער קאַשמאַר פון זיין זונס טויט אין קלאָגע האָט זיך טיף איינגע־שניטן אין זיין האַרצן, אַז אַפילו באַך צוואַנציק יאָר לעבן אין אייגענעם לאַנד, ווי אַ פרייער מענטש, קען ער זיך נאָך אַלץ ניט באַפרייען פון אים. מסתמא וועט דער קאַשמאַר אים שוין ניט אָפּלאָזן ביזן קבר אַריין.

דער קאַשמאַר פון טויט, וואָס גייט נאָך אונדז אַלעמען, די געראַטע־וועטע פון די היטלעריסטישע קרעמאַטאָריעס.

אַ טרעפעניש מיט „טויטער“ מאַמען

דאָס לעבן אין לאַגער קלאָגע גייט אָן נאָרמאַל. די אויסגעדאַרטע און הונגעריקע יידן אַרבעטן שווער און תמיד טראַכטן זיי וועגן ברויט, וועגן זייער היים, וועגן פרייהייט. זיי קומען און גייען צוריק פון דער אַרבעט גרופּעסווייז. ביט זיי גייען, באַר זיי שלעפּן זיך און ווען איר קוקט זיך צו צו אַזאַ גרופּע פון דער וויטנס, מיינט איר, אַז אַ גרויסע טויטע מאַסע באַוועגט זיך לאַנגזאַם. פון אַ גרופּע האָבן זיך אויסגעטיילט צוויי יונגע, שיינע מיידלעך. לגבי די אַנדערע זיינען זיי געווען ריין געקליידט, מיט פרישע פּנימער. פון שולבאַנק האָט מען זיי אַריינגעטריבן אין געטאָ און איצט זיינען זיי אין לאַגער קלאָגע. די בליענדיקע יוגנט לאָזט זיך ניט באַהערשן פון די שווידערלעכע באַדינגונגען.

די רואיקייט אין לאַגער, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט, איז מיט אַ מאָל צעשטערט געוואָרן. מען פירט אַרויס פרויען, מען שטעלט זיי אויס אין רייען און מען הייסט זיי מאַרשירן אין דער ריכטונג פון דער באַנסטאַנציע.

דער עולם האָט געהאַט גענוג אייגענע צרות און דאגות און דערפאַר האָט מען גיך פאַרגעסן די פרויען־אַקציע.

גלייך נאָך דער מלחמה, שפּאַצירנדיק אַ פרייער איבער די ווילנער גאַסן, האָב איך באַמערקט איינס פון די צוויי שיינע מיידלעך פון לאַגער קלאָגע. זי האָט זיך שטאַרק געביטן. דאָס פּנים איז רויט, פאַרברענט פון זון און עס איז ניט פאַרבליבן קיין שפּור פון דער אַמאָליקער צאַרטקייט. דאָס קלייד — פון דיקן פּויערשן לייוונט, אויף די פיס — אַ פּאָר גרויסע הילצערנע שיך. זי איז געגאַנגען לאַנגזאַם, אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן.

איך האָב זי אָפּגעשטעלט און געפרעגט, צי זי איז געווען אין קלאָגע. זי איז געווען זייער צופרידן, וואָס עס האָט זיך געפונען אַ מענטש, וועלכער

האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט איר. זי האָט מיר דערציילט, אַז בשעת דער פּרויען־אַקציע אין קלאָגע איז זי מיט איר מוטער געווען אין דער גרופּע. מען האָט זיי אַוועקגעפֿירט אין שטוטהאָף, דייטשלאַנד. דאָרט האָט מען זיי פֿאַרשפּאַרט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און יעדן טאָג האָט מען זיי געטריבן צו שווערער, שמוציקער אַרבעט.

בשכנות מיט זייער לאַגער האָט זיך געפֿונען אַ לאַגער פֿון פֿאַרשלעפּטע רוסן. די לאַגערן זיינען געווען אָפּגעצאַמט מיט אַ דראָטענעם פּאַרקאַן. כמעט יעדן טאָג פֿלעגט זי טרעפֿן אויף יענער זייט פּאַרקאַן אַ יונגן רוס. ער פֿלעגט מיט איר ריידן און אַ מאָל אויך איר איבערגעבן ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן.

איין מאָל האָט איר סערגיי, אַזוי האָט געהייסן דער יונגער רוס, אָנגעזאָגט, אַז מאָרגן וועלן די דייטשן פֿאַרניכטן אַלע יידן. ער האָט פֿאַרגעלייגט, אַז זי זאָל ביי נאַכט קומען אויפֿן זעלבן אָרט, וואו ער וועט אויסגראָבן אונטן אַ גרוב און זי וועט אַריבערגיין אין רוסישן לאַגער. ער האָט איר אויך פֿאָרגעלייגט, אַז זי זאָל קומען מיט דער מאַמען. דאָס מיידל, וואָס איר נאָמען איז געווען בול, האָט דאָס דערציילט איר מאַמען און האָט זי געבעטן גיין צוזאַמען. די מאַמע האָט אָבער ניט געוואָלט גיין מיט איר און בול איז אַליין אַוועק אין רוסישן לאַגער.

אויף מאָרגן גאַנץ פֿרי זיינען די דייטשן צוגעפֿאָרן מיט שיפֿן צו די ברעגן פֿון יידישן לאַגער. זיי האָבן אַרויסגעטריבן אויף די שיפֿן אַזוי פֿיל פֿרויען וויפֿל עס האָט זיך נאָר געלאָזן, אַרויסגעפֿאָרן מיט זיי אויפֿן אָפֿענעם ים און דאָרט זיי דערטרונקען.

בול איז געשטאַנען אויפֿן ברעג פֿון רוסישן לאַגער און האָט צוגעזען, ווי מען פֿירט אַרויף אויפֿן שיף איר מאַמען מיט אַ גרופּע פֿרויען און ווי אַ ביסל שפּעטער האָט מען זיי אַריינגעוואָרפֿן אין ים אַריין.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די רוסן פֿאַרנומען שטוטהאָף. בול האָט זיך באַפֿרייט פֿון רוסישן לאַגער. קוים מיט צרות האָט זי זיך דערשלעפּט קיין ווילנע. שוין אַ האַלבן טאָג, ווי זי דרייט זיך אַרום צווישן די חורבות און האָט ניט באַגעגנט קיין איין באַקאַנטן. איך בין מיט איר אַוועק צו מיין וואוינונג. די בעל־הביתטע פֿון מיין צימער האָט זיך אויך פֿאַראינטערעסירט מיט בולן. זי האָט זי אַרומגעוואַשן און איר געגעבן וועש

מיט אַ קליידל אומצובייטן. די בעל־הביתטע האָט איינגעאָרדנט פאַר איר אַ געלעגער און זי איז געבליבן מיט אונדז.

ביסלעכוויַיז איז בול געקומען צו זיך און גענומען אויסזען לייטי־שער. זי איז אָנגעקומען אין אַ גימנאַזיע און ווידער זיך גענומען לערנען. בול האָט אָבער געהאַלטן אין איין קלאָגן און טרויערן, הלמאי זי האָט ניט מיטגענומען איר מאַמען אין רוסישן לאַגער. איך האָב זי קיין מאָל ניט פּרובירט טרייסטן, ווייל מיין האַרץ איז געווען ניט ווייניקער צעבראָכן.

איין פרימאָרגן בין איך געגאַנגען מיט בולן, זי אין שול, און איך צו דער אַרבעט, ערשט עס לויפט צו אונדז צו אַ צעטומלטע פרוי און מיט טרערן אין די אויגן דערציילט זי בולן, אַז עס איז שוין צוויי טעג, ווי זי זוכט זי אַרום, ווייל איר מאַמע איז שוין צוויי טעג אין ווילנע. בול האָט גענומען זי באַרואיקן און דערקלערט, אַז עס איז אַן אוממעגלעכע זאַך, אַז איר מאַמע זאָל זיין אין ווילנע, ווייל זי האָט אַליין געזען, ווי די דייטשן האָבן דערטרונקען איר מאַמען אין ים. די פרוי האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזן. נאָך אַ געוויסער ראַנגלעניש האָט בול באַשלאָסן צו גיין מיט דער פרוי. איך בין מיטגעגאַנגען. אויף זאוואלנע 42 האָט אונדז די פרוי אַראָפּגעפירט אין אַ קעלערשטוב. אין דעם האַלב־באַלויכטענעם צימערל איז געזעסן אַן אַלטע פרוי. בול איז צוגעלאָפן צו איר און ניט מיט קיין מענטשלעכן קול אויסגעשריען: „מאַמע!”

די אויסערגעווינלעכע דראַמאַטישע באַגעגעניש איז אוממעגלעך אי־בערצוגעבן מיט ווערטער. די מאַמע מיט דער טאָכטער האָבן זיך אַזוי צו־זאַמענגעפלאָכטן ווי איין מענטש, נאָר געווייַנט האָבן זיי מיט צוויי באַזונ־דערע היסטערישע קולות.

ווען זיי האָבן זיך באַרואיקט, האָט בולס מאַמע דערציילט, אַז ווען די דייטשן האָבן זי אַריינגעוואָרפן אין וואַסער, איז זי און נאָך עטלעכע פרויען ניט אַראָפּ צום גרונט, נאָר גענומען שווימען. פון אַ דערבייאיקן אינדזל האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אויפן ים מענטשן אין שיפלעך און זיי געראַטעוועט. בול האָט געזען, ווי מען האָט אַריינגעוואָרפן איר מאַמען אין ים, זי האָט אָבער ניט געזען, ווי מען האָט זי אַרויסגעראַטעוועט.

די דאָזיקע באַגעגעניש פון אַ יונג יידיש מיידל מיט איר „טויטער” מאַמען וועל איך אייביק געדענקען.

אַ באַגעגעניש — אַ רעטעניש

די ערשטע טעג נאָך מיין באַפרייאונג אין קלאָגע האָט דער קאַצעט אויסגעזען ווי אַ פרישער גיהנום. אַ ביסל ווייטער זיינען נאָך געשטאַנען די שייטער־הויפנס מיט די טויזנטער פאַרברענטע יידן.

די סאָוועטן האָבן דעם טויטן־לאַגער, ווי זיי האָבן גערופן קלאָגע, אויסגעניצט פאַר פראָפּאַגאַנדע־צוועקן. זיי פלעגן ברענגען אין לאַגער גאַנצע פאָלקן סאָלדאַטן און שילדערן פאַר זיי די דייטשע רציחות. אָפיצערן פלעגן קומען אין קלענערע גרופּעס.

מיר, די איבערגעבליבענע, פלעגן זיי אַרומפירן איבערן לאַגער און דערציילן, ווי מיר האָבן דאָ געלעבט פאַר די דייטשן. זיי פלעגן ניט גלייבן, אָבער ווי נאָר זיי פלעגן דערזען די שייטער־הויפנס, פלעגן זייערע ספקות פאַרשווינדן.

איין פאַרנאַכט זיינען צו מיר צוגעקומען צוויי אָפיצערן אין שוואַרצע אוניפאָרמען און געבעטן מיך, אַז איך זאָל זיי אַרומפירן איבערן לאַגער.

דערזעענדיק מיך פון דער נאָענט און באַטראַכטנדיק מיין הילוך, האָבן זיי קענטיק געצווייפלט, צי בין איך בכלל אַ נאָרמאַלער. אויף די פיס האָב איך געהאַט אַ פּאָר הילצערנע שיך מיט צעריסענע לייוונטענע כאָליעוועס. אַזוי ווי מיינע הויזן האָב איך געהאַט אויסגעביטן אויף ברויט, זיינען די תחתונים געוואָרן מיט דער צייט טונקל גראָ און פון שמוץ און שוויס זיינען זיי געוואָרן האַרט ווי בלעך. דער רעקל איז שוין אויך געווען צעפּוילט. פון די לעכלעך און קנעפּלעך איז קיין סימן ניט פאַרבליבן. פלעג איך זיך אַרומבינדן מיט שטריקלעך, כדי די שמאַטעס זאָלן זיך האַלטן. פון הונגער בין איך דעמאָלט געווען געשוואָלן ווי אַ פאַס, די פאָדערשטע ציינער זיינען ביי מיר געווען אויסגעהאַקט. דערפאַר האָב איך דעם קאָפּ אויסגעפּוצט מיט

אַ שפּאָגל נייעם מיליטערישן היטל, וואָס איך האָב געפונען ביי אַ דייטש אונטערן בעט.

די צוויי האָבן זיך פאַר מיר פאַרגעשטעלט, אַז זיי זיינען פּילאָטן און אַז ביידע זיינען זיי אויסגעצייכנט ווי „העלדן פון ראַטן־פאַרבאַנד". איך האָב געהאַלטן פאַר זיי מיין אויסגעדראָשענע דרשה און אָנגעוויזן זיי אויף פאַר־שיידענע ערטער אין לאַגער.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו די שייטער־הויפנס, זיינען זיי געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערטע. איינער פון זיי האָט זיך געטרייסלט אַזש פון שרעק. איך האָב באַטראַכט זיין פּנים, וואָס האָט מיר אויסגעזען צו זיין באַקאַנט. איך האָב גענומען בלעטערן אין מיין זכרון און זיך דערמאָנט, אַז מיט אַ פינף און צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך זיך געלערנט אַ פּאָר יאָר צוזאַמען מיט איינעם אַ בחורל, באָריס קריוואַי, פון אוזדע. ער איז געווען אַ גוטער מאַטעמאַטיקער און מיר פּלעגן גיין צו אים, ער זאָל אונדז אויפ־קלערן פאַרשיידענע מאַטעמאַטישע אויפגאַבעס. ווען איך האָב זיך בעסער צו־געקוקט צו זיין פּנים, בין איך געוואָרן זיכער, אַז דאָס איז טאַקע דער זעל־ביקער באָריס. איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אויפן וועג צוריק אים אַ פרעג געטאָן:

— צי קען איך וויסן, פון וואַנען שטאַמט איר?

יענער האָט געענטפערט:

— וויט, וויט פון דאַנען, פון ווייסרוסלאַנד.

— איך ווייס, אַז פון ווייסרוסלאַנד, אָבער פון וועלכן שטעטל? — האָב איך נאָך אַ מאָל געפרעגט. יענער איז געוואָרן אויפגערעגט און האָט מיר ניט געענטפערט.

דעמאָלט האָב איך צו אים געזאָגט:

— דו ביסט פון אוזדע. און דו הייסט באָריס קריוואַי.

ווען יענער האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן עפּעס דערשראָקן און האָט אָנגעהויבן שרייען צו זיין חבר: „קאַליי, קאַליי, קום גיכער פון דאַנען". ער האָט געעפנט דאָס טירל פון אויטאָמאָביל און געשריען: „קאַליי, אויב דו גייסט ניט, פאָר איך אַוועק אַליין פון דאַנען".

ס'האָבן זיך אָנגעצונדן די לאַמטערנס און דער אויטאָ מיט די אָפיצערן איז אַוועק.

איך קען ביז היינט ניט פאַרשטיין, פאַר וואָס מיין אָמאָליקער באַקאַנ־טער איז געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, ווען איך האָב אָנגערופן זיין נאָמען. פאַר וואָס האָט ער זיך ניט אָנגעכאַפּט אָן מיינע פראַגעס און ניט געוואָלט דערגיין ווער איך בין? אָדער ער האָט מיך פּשוט ניט דערקענט צוליבן הילוך מיינעם און זיך דערשראָקן פאַר מיין „כישוף"?

אַ באַגעגעניש, וואָס איז פאַר מיר געבליבן אַ רעטעניש ביזן היינטיקן טאָג.

קינדער נאָכן חורבן

די קינדערהיים אין דאָרפען

אין דייטשלאַנד, אין די בערג אויפן וועג קיין מינכן, ליגט אַ פּריצישער הויף דאָרפען. אין גאַנצן זיינען דאָרטן פאַראַן עטלעכע גרויסע אַלטמאָדישע הילצערנע הייזער, אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטן סאָסנאָוון וואַלד. אַ מאָל איז דאָרפען געווען אַ סאַנאַטאָריע פאַר לונגען־קראַנקע. די נאַציס האָבן דאָרטן איינגעאָרדנט אַ לאַגער פאַר דער „היטלער־יוגנט" און נאָך דער מלחמה האָבן די אַמעריקאַנער געהאָלפן דאָרטן אויפבויען אַ קינדערהיים פון עלית־הנוער.

די עלית־הנוער האָט צונויפגעבראַכט אַהער הונדערטער היימלאָזע קינדער. דאָרטן פלעגן די קינדער דורכמאַכן אַ הכשרה און גרופּע נאָך גרופּע פלעגט מען זיי דערנאָך אַפּשיקן מיט דער אומלעגאַלער עליה קיין ארץ־ישראל. הונדערטער פון די דאָרפענער קינדער זיינען געווען און זיינען נאָך עד־היום די בויערס און די פאַרטיידיקערס פון דער יידישער מדינה.

די עלית־הנוער האָט מיר אָנגעפאַרטרויט אָנצופירן אַדמיניסטראַטיוו מיט דעם דאָרפענער קינדער־לאַגער. איך האָב דאָרטן געאַרבעט פינף יאָר. דאָס איז געווען מיין פּראָדוקטיווסטע און אָנגענעמסטע צייט נאָך דער מלחמה.

אין דאָרפען האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט אויסצולאָדן מיין פאָטער־לעכע ליבע, וואָס איך האָב ניט באַוויזן אַרויסצואוויזן צו מיינע אייגענע קינדער, קרבנות פון די נאַצישע רוצחים.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין דאָרפען, האָב איך דאָרטן געפונען אַ כאַאָטישן צושטאַנד. אַלץ איז געווען אָפּגעלאָזן און הפקרדיק. אויף די קינדער איז געווען אַ גרויסער רחמנות. זיי זיינען געווען דערשלאָגן, שמוציק און אָפּט אַפילו הונגעריק.

איך האָב גערופן צו מיר מײַנעם אַ פרײַנד, זעליק קאַסט, און צוזאַמען האָבן מיר זיך גענומען איבעראַנדערשן דאָרפֿען. ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און דאָרפֿען האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען. ס'איז אומעטום געוואָרן ליכטיק, ציכטיק און פֿריילעך. איך האָב אַפֿילו דורכגעפֿירט, אַז עס זאָל אויפֿגעבויט ווערן אַ וואַסער־באַסיין, וואו די קינדער האָבן זיך מחיה געווען מיט באָדן און שווימען.

אין דאָרפֿען האָט זיך געפֿונען אַ גרופּע פֿון אַ דרײַסיק קינדער דרײַ־פֿיר־יאָריקע, נאָך גאָר עופֿעלעך. אויף זיי איז גאָר געווען אַ ביטערער רחמנות. זיי האָבן גערעדט צעבראָכן אויף פֿאַרשיידענע לשונות און קיינער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס זיי ווילן. מען האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיי און שטענדיק זײַנען זיי געווען ערגעץ פֿאַרשטויסן אין אַ ווינקל. סיי די ייִנגלעך און סיי די מיידלעך האָבן געטראָגן שמוציקע, צעריסענע קליידעלעך. פֿון זייערע אייגעלעך האָבן אַרויסגעקוקט צער און שרעק.

איך האָב גלייך פֿאַראָרדנט דער קראַנקן־שוועסטער שטרענג אַכטונג צו געבן אויף זייערע סאַניטאַרע און היגיענישע באַדינגונגען. פֿון „דזשאָינט" האָב איך באַקומען פֿאַר זיי קליידעלעך, גאַרניטערלעך און שיכעלעך און צוויי ספּעציעלע פֿרויען האָבן פֿון דעמאָלט אויפֿגעפּאַסט אויף זיי.

פֿון וואַנען מען האָט געבראַכט אָט די פֿאַרטיע יונגע יתומים, האָב איך ניט געקענט דערגיין, דערפֿאַר אָבער האָב איך געוואוסט, אַז פֿאַר דער צײַט פֿון מײַן אויפֿפּאַסן אויף זיי זײַנען זיי אויסגעוואַקסן שיינע, געזונטע און נאָרמאַלע קינדער.

אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, ערב פּורים איז דאָס געווען, האָבן מיר די קינדער אַרײַנגעזעצט אין אַן עראָפּלאַן און אַפּגעשיקט זיי ווי אַ הערלעכן לעבעדיקן שלח־מנות צו אונדזערע ברידער אין ישׂראל.

אַ מאַנאַשקע — אַ רעטעניש

איין פרימאָרגן זיינען קיין דאָרפען געקומען צווי מאַנאַשקעס מיט אַ יונג מיידעלע. די מאַנאַשקעס האָבן מיר דערציילט, אַז מיט אַ פיר יאָר צוריק איז צו זיי געקומען אַ יידישע פרוי מיטן מיידעלע און געבעטן זיי צונעמען דאָס קינד, ביז זי וועט קענען עס אָפנעמען צוריק. די מאַמע איז אָבער מער ניט געקומען, האָבן זיי באַשלאָסן צוריקצוגעבן דאָס מיידעלע צו יידן.

איך האָב האַרציק אָפגעדאַנקט די נאָנעס. ווען זיי האָבן געוואָלט אַוועק־גיין, האָט דאָס מיידעלע זיך פונאַנדערגעוויינט און ניט געוואָלט פאַרבלייבן ביי אונדז. אויך די נאָנעס האָבן אָנגעהויבן צו וויינען. ס'איז געווען אַ דראַ־מאַטישער מאָמענט. איך האָב אַריינגעשיקט עטלעכע מיידעלעך, וואָס האָבן קוים־קוים באַרואיקט די ניי־געקומענע חברטע און זי האָט סוף־סוף אויפ־געהערט וויינען.

דאָס מיידעלע איז געווען אַן איינגעשפּאַרטע. זי האָט לאַנג ניט געקענט זיך צוגעוואוינען צום יידישן אָרט לעבן. זי איז געווען קריסטלעך פרום, פלעגט נאָך אַנאַנד זיך צלמען און קניען. זונטיק, ווען דער ראַדיאָ פלעגט שפּילן די קריסטלעכע ליטורגישע מוזיק, פלעגט זי ניט אָפּטרעטן ביזן סוף פון פּראָגראַם.

אָבער די צייט טוט זיך אירס.

ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן אינטערעס צום יידישן גלויבן. זייער אָפט פלעגט זי פאַרן קיין פערענוואַלד, אַריינגיין אין שול און זיך צוקוקן, ווי יידן דאַווענען. מיר האָבן דעריבער געביטן איר דייטשן נאָמען אויף תשובהלע.

אין קיך האָבן ביי אונדז געאַרבעט צווי קעכינס, איינע אַ שטענדיקע

און די צווייטע, וואָס דער אַרבעטסאַמט האָט אונדז צוגעשיקט, אַ דייטשע מאַנאַשקע. אין מאַנאַסטיר איז ניט געווען וואָס צום עסן, זיינען די גאַנצע געגאַנגען אַרבעטן.

ווען ס'איז געקומען ערב יום־כפור, האָב איך דער קעכין דער מאַנאַש־קע דערציילט אַ ביסל וועגן יום־טוב און זי געבעטן צוגרייטן אַלץ. זי האָט אַלץ געמאַכט מיט אַלע פּיטשעווקעס. אויף די טישן זיינען געווען אויסגע־שפּרייט שניי־ווייסע טישטעכער, אויף זיי זיינען געשטאַנען אָפּגעקאָכטע פיש, פליייש און זופּ מיט קרעפּלעך. ביים עק טיש זיינען געווען צוגעגרייט ליכט צו בענטשן. איך האָב זיך געוואונדערט, ווער האָט עס געקענט צוגרייטן אַזוי יידישלעך דעם טיש?

מיין וואונדער איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען תשובהלע האָט גע־בענטשט ליכט. זי האָט זיך געפּלאָנטערט מיט די הענטלעך און ניט גע־וואוסט, ווי צוצודעקן איר פּנים ביים בענטשן. די מאַנאַשקע, וואָס איז געשטאַנען אין טיר, איז צוגעגאַנגען און געהאָלפן איר פאַרדעקן דאָס פּנים.

עפּעס האָט דאָס מיר אַלץ אויסגעזען מאָדנע. אין מיין מוח האָבן זיך גענומען פּלאָנטערן געדאַנקען וועגן דער מאַנאַשקע און איר אָפּשטאַם. איך האָב באַשלאָסן צו דערגיין מערער פּרטים וועגן איר.

אָבער נאָך יום־כיפור איז די מאַנאַשקע מער ניט געקומען צו דער אַרבעט. פאַרן אַוועקגיין האָט זי דאָס מאָל געגעבן תשובהלען אַ סך קושן און האָט אויך געוויינט. דאָס האָט תשובהלע מיר שפּעטער איבערגעגעבן.

אַזוי איז די מאַנאַשקע געבליבן פאַר מיר אַ רעטעניש עד היום.

מאָריצל

שפּאַצירנדיק איבער די פּערענטוואַלדער גאַסן, האָב איך אײן מאָל באַ־מערקט אַ שוידערלעך בילד: אַרומגערינגלט פון אַ מאַסע מענטשן איז געשטאַנען אַ באַקעטער ייִנגעלע פון אַ יאָר זיבן־אַכט. זײַן גאַנצער קערפּער איז געווען צעשמיסן אין פּאַסן און אויף די הענט זײַנען געהאָנגען שטריק, מיט וועלכע ער איז געווען צוגעבונדן צום וואַנט פון אַ קעלער, וואו זײַנע עלטערן האָבן אים געהאַלטן ווי אַ שטראָף פאַרן גנבענען עפּעס.

דער פּאַליציסט, וואָס האָט געגעבן די דאָזיקע אויפקלערונג און האָט מיך געקענט פון פריער, האָט מיך געבעטן צוצונעמען דאָס קינד אין דאָר־פענער לאַגער. איך האָב מסכים געווען, אָבער מיטן תנאי, אַז די עלטערן זאָלן מיר געבן אַן אָפיציעלן בריוו, אַז זײ זאָגן זיך אָפּ פון קינד און זײ גיבן עס איבער אין רשות פון עלית־הנוער. די עלטערן האָבן אַרויסגעגעבן אַזאַ אָפיציעלע הסכמה און דאָס קינד איז אָפּגעפירט געוואָרן קיין דאָרפען, וואו ער איז רעגיסטריט געוואָרן אויף זײַן אַלטן נאָמען מאָריץ.

ס׳זײַנען אַריבער עטלעכע טעג און די שוואַרצע פּאַסן אויף מאָריצעס קערפּער האָבן גענומען פאַרשווינדן. מען האָט אים אָנגעטאָן בײַיע מלבושים און צוגעטיילט אים אַן אָרט אין אַ צימער מיט נאָך קינדער. מאָריץ איז אָבער אַרומגעגאַנגען אַ שוויַגנדיקער און זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צו זײַנע נײַע חברים.

ס׳איז געווען פּורים, פון מינכן און פּערענוואַלד זײַנען געקומען די פירערס פון עלית־הנוער צו פאַרברענגען פּורים אין דאָרפען צוזאַמען מיט די קינדער. מען האָט געגעסן און געטרונקען און ליהודים היתה ששון ושמחה. די קינדער האָבן געזונגען, געטאַנצט און פאַרגעשטעלט אַ פּורים־

ספעקטאַקל. פאַרן אַוועקפאָרן האָבן די געסט געטיילט די קינדער מתּנות — זעקעלעך מיט פאַרשיידענע נאַשערייען און שפּילצייג.

צו מאָרגנס אין דער פרי איז אין דאָרפעז אויסגעבראָכן אַ טומל. די קינדער האָבן געוויינט, ווייל זייערע מתּנות זיינען בעלם געוואָרן. געשען איז עס גראָד אויפן עטאַזש, וואו מאַריצל איז געשלאָפן. ס'איז געווען אַ שטאַרקער פאַרדאַכט, אַז דאָס איז מאַריצעס שטיקל אַרבעט. מיך האָט שטאַרק פאַרדראָסן, הלמאי איך האָב דעם תּכשיט אַריינגענומען אין קינדערהיים. איך האָב אָבער פאַרזאָגט אַלעמען, אַז קיינער זאָל מיט מאַריצן ניט ריידן וועגן דער גנבֿה.

ביי דער נאַכט, ווען אַלע האָבן שוין געשלאָפן, בין איך צוגעגאַנגען צו מאַריצעס נאַכטטישל און אַנגעלייגט דאָרטן פאַרשיידענע מתּנות, נאַשערייען און אַפילו עטלעכע מטבעות. אויף צו מאָרגנס האָט שוין ביי די קינדער גאָרניט געפעלט. מיט דעם האָבן זיך פאַרענדיקט די גנבֿות אין דאָרפעז.

מאַריצל איז געוואָרן אַן אָרנטלעך קינד. אויך פיזיש האָט ער זיך געביטן ניט צום דערקענען. זיין פּנים און קערפּער זיינען געוואָרן אויסגעפילט און די אויגן האָבן אָנגעהויבן צו שיינען. ער האָט זיך אויך אָנגעהויבן חברן מיט אַלע קינדער. אין די „האַראַס" האָט ער קיין איין טאָג ניט דורכגעלאָזן.

ווען ס'איז געקומען דער טאָג, ווען מאַריץ האָט געדאַרפט אָפּפאָרן מיט אַ פּאַרטיע קינדער פון עלית־הנוער, האָט ער זיך מיט אַלעמען האַרציק געזעגנט.

אַ קורצע צייט נאָך דעם איז קיין דאָרפעז געקומען אַ יונגע פרוי מיט אַ קינד אויף די הענט. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי מאַריצעס מאַמע און געזאָגט, אַז זי איז אַוועק פון איר מאַן, ווייל ער איז אַ שיכּור און רוצח. זי האָט גרויס חרטה פאַר וואָס זי האָט געהאָלפן איר מאַן קאַטעווען מאַריצן און האָט פון דעם אַ סך עגמת־נפש. זי שלאָפט ניט גאַנצע נעכט און עס בענקט זיך איר זייער שטאַרק נאָך מאַריצן. זי האָט מיך געבעטן אָפּצושיקן זי מיט איר מיידעלע צו מאַריצן אין קיבוץ.

איר בקשה איז דערפילט געוואָרן און גאָר אין גיכן האָבן מיר זי אָפּגעשיקט צו מאַריצן.

בילבולים אויף קדושים

זיינען די יידן אין געטאָ געווען דעמאָראַליזירט?

פאַר דער לעצטער צייט דערשיינען אין פאַרשיידענע שפּראַכן מער־רערע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער כלומרשטער דעמאָראַליזאַציע פון די יידן אין די געטאָס. געלערנטע, ווי פּראָפ׳ בעטעלהיים און פרוי האַנאַ אַרענדט, האָבן טענות צו די געטאָ־יידן, פאַר וואָס זיי האָבן זיך געלאָזן „אויסשעכטן ווי שאָף״ און ניט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד דער דייטשי־שער טיראַניע. פּראָפ׳ בעטעלהיים זאָגט, אַז נאָך אַ לאַנגער חקירה ודרישה איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די יידן האָבן זיך אַזוי געפירט, מחמת זיי האָבן „אַ ווילן צו שטאַרבן״.

ווי איינער פון די ווייניק לעבן־געבליבענע יידן, וויל איך זיך סטאַ־רען צו באַווייזן מיט פאַקטן, אַז די גאַנצע קריטיק זייערע איז געבויט אויף ניט וויסן.

איך וויל דערציילן וועגן ווילנער געטאָ און צוויי עסטאָנישע קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן, וואו איך בין געווען.

אין די ערשטע דריי חדשים פון זייער הערשאַפט אין ווילנע האָבן די דייטשן באַוויזן אויסצוהרגענען ביי 50 טויזנט יידן. מיר, די נאָך לעבעדיקע, ווען מען האָט אונדז אַריינגעטריבן אין געטאָ, זיינען שוין געווען פיזיש און גייסטיק אויסגעשעפּט. מיר זיינען געווען צעבראָכן און אונדזערע מענטש־לעכע געפילן זיינען געווען אַטראָפירט. דאָס לעבן אין געטאָ איז געווען איין גרויסער טרויער.

אָבער ניט קוקנדיק אויפן אומבאַשרייבלעכן טראַגישן לעבן אין געטאָ, זיינען מיר מאָראַליש כמעט ווי ניט געפאַלן. עס זיינען געווען אין געטאָ בתי־מדרשים, חדרים, צדקה־אינסטיטוציעס, אַ ביבליאָטעק, אַ שפּיטאָל און און אַנדערע מוסדות. שרייבערס און פּאָעטן האָבן געשריבן. עס איז געשאַפן

געוואָרן אַ געטאָ־ליטעראַטור און ס׳זיינען געבוירן געוואָרן געטאָלידער און געטאָ־מעלאָדיעס. דאָס הייפּעלע פאַרבליבענע אינטעליגענץ און קינסטלערס פלעגן מיט די לעצטע כוחות איינאָרדענען לעקציעס, פאָרשטעלונגען, קאָנצערטן א״אַ. ס׳איז ניט געווען קיין פּראָסטיטוציע און ס׳זיינען ניט פאָרגעקומען קיין מסירות. אין די „מאַלינעס״, וואו יידן פלעגן זיך אויסבאַהאַלטן פון די דייטשן, האָבן זיי זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן.

אין לאַגער קלאָגע, וואו דער גיהנום איז שוין דערגאַנגען ביז צו דער העכסטער מדרגה, וואו נאָך לעבעדיקע זיינען געווען אויסגעמישט מיט מתים, פלעגט דער שניפּישקער רב ע״ה לערנען משניות מיט אַ מחנה פאַרחלשטע יידן. הערמאַן קרוק פלעגט אין אַ ווינקעלע שרייבן מיט אַ בלייפעדער, גרויס ווי אַן אַרבעס, זיין טאָגבוך. ד״ר קלמן שאַפּיראָ פלעגט אין באָד קאָכן „מאכלים״ פאַר קראַנקע יידן. דער פּראָפעסיאָנעלער גנב סאַמורע פלעגט שטעלן זיין לעבן אין סכנה און יעדער טאָג אריינפירן אַ ציטונג אין קאַצעט, יידן זאָלן וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. יידישע פרויען, וועלכע האָבן געאַרבעט אין אַ דייטשישער וועשעריי, פלעגן בשתיקה וואַשן וועש פאַר פרעמדע מענער, פאַרשטייט זיך פאַר אומזיסט, ווייל מיר האָבן דאָך ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן.

איצט אַ פּאָרביישפּילן מיט ניט־יידן.

אַ דייטשישער אָפיציר, וואָס אים און זיין דיוויזיע האָבן די רוסן גענומען אין געפאַנגענשאַפט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, באַשרייבט אין זיין טאָגבוך „הינטער די שטעכעדיקע דראָטן״ דאָס לעבן פון די קריגס־געפאַנגענע דייטשישע אָפיצירן אין אַ רוסישן לאַגער. דאָס לעבן אין לאַגער איז געווען אַ שווידער. זיי האָבן געליטן פון קעלט, הונגער און שמוץ. דער איינציקער טרוים זייערער איז געווען, אַז די מלחמה זאָל זיך ענדיקן וואָס גיכער און זיי זאָלן פאָרן צוריק צו זייערע היימען. ס׳איז אַ פאַקט, אַז ווען מענטשן לעבן אין דחקות זיינען זיי עובר אויף מאָראַל. דאָ אָבער אין דעם לאַגער, שרייבט דער אָפיציר, איז די דעמאָראַליזאַציע דערגאַנגען ביז דער העכסטער מדרגה. „פאַנען״ און באַראָנען האָבן ניט געקענט אויסהאַלטן די ליידן און זיך אין גאַנצן פאַרלוירן. פאַר עסן אָדער פאַר רייכערן פלעגן זיי אָפּטאָן כל דבר אסור. זיי פלעגן מסרן איינע די אַנדערע, זיי פלעגן גנבענען איינע ביי די אַנדערע. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט פּעדע־

ראַסטיע, זיי האָבן זיך געשלאָגן. ווי ס׳פלעגט זיך נאָר באַווייזן אַ רוס אין טיר, פלעגן זיי צו אים שמייכלען און זיינען געווען גרייט אַלץ צו טאָן, וואָס ער וועט נאָר זאָגן.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דייטשלאַנד איז געווען אָקופּירט, און אין דייטשע היימען האָט מען געשפּירט אַ מאַנגל אין שפּייז, קאַווע, סיגאַרעטן וכדומה, פלעגן דייטשישע פרויען, מאַמעס פון קינדער, זיך פאַרקויפן פאַר נאַשערייען און סיגאַרעטן. עס זיינען געווען פאַלן, ווען דייטשן פלעגן ברענגען צו פירן זייערע אייגענע ווייבער אָדער טעכטער און וואַרטן ביז וואַנען יענע פלעגן זיך אומקערן מיט זייערע „פאַרדינסטן״.

די יידן האָבן בשום אופן ניט געקאָנט באַגרייפן צו וואָס פאַר אַ מדרגה די אויסגעלאַסנקייט איז דערגאַנגען ביי די מענטשן, וועלכע שטאָלצירן מיט זייער הויכער נאָרדישער ראַסע און מיט זייערע קולטורעלע אייגנשאַפטן.

און איצט וועגן „ווילן צום שטאַרבן״.

פאַר דער מלחמה איז זעלבסטמאָרד אין ווילנע געווען אַן אָפּטע דער־שיינונג. די צייטונגען פלעגן גאַנץ אָפט ברענגען אַ נאָמען פון אַ יידן, וועלכער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אינטערעסאַנט, אַז פאַר דער גאַנצער צייט פון דער נאַצישער ממשלה איז, דאַכט זיך, ניט געווען קיין איין יידישער זעלבסטמאָרד. גראָד ווען דער מענטש געפינט זיך אין סכנה, איז דער דראַנג צום לעבן אויס־סערגעוויינלעך שטאַרק. יידן פלעגן טענהן: „מיר זיינען גרייט צו ליידן לענגער — נאָר איבערלעבן״.

און וועגן ווידערשטאַנד — ווי זיינען געווען די דייטשן?

נאָכן פאַרנעמען עסטאָניע האָבן די רוסן געכאַפּט אַ הויכן נאַצי־אָפיציר. זיי האָבן צוגעפירט דעם געפאַנגענעם צו אַן אויטאָ, וואו עס זיינען געזעסן רוסישע סאָלדאַטן, און זיי געוואָרנט, זיי זאָלן אים שטאַרק היטן, ווייל ער דאַרף איבערגעבן וויכטיקע סודות. איינער פון די רוסן איז געפאַלן אויף אַ המצאה און אַ זאָג געטאָן צו די איבעריקע: „אויב אַזוי, חברה, זאָל ער זיך לייגן אויף דער פאָדלאָגע, און מיר וועלן האַלטן אויף אים די פיס״. כך הוה. דער אויסגעפּוצטער אָפיציר אין אַ שפּאָגל נייעם מונדיר האָט זיך אויסגעצויגן אין דער לענג פון אויטאָ און די סאָלדאַטן האָבן אים צוגעדעקט מיט זייערע שטיוול.

דייטשע אונטערלעקעריי איז געווען אומגעוויינלעך. נאָך דער באַפרייאונג האָבן די רוסן מיר צוגעטיילט צוויי דייטשישע יונגע אָפיצירן, קריגס־געפאַנגענע, זיי זאָלן מיר באַדינען. צו ערשט האָב איך זיי גענומען אין באָד, זיי זאָלן מיר העלפן זיך וואַשן, ווייל איך בין געווען אין גאַנצן געשוואָלן פון הונגער און ניט געקענט זיך אַ קער טאָן. אין באָד האָבן זיי מיך אויסגעטאָן און מיך געוואַשן, געשמייכלט צו מיר און געטאַנצט אַרום מיר. זייער אויפפירונג האָט מיך שרעקלעך שאָקירט און איך האָב זיי געבעטן אַוועקגיין און מיך לאָזן אַליין.

צי קען מען ריינוואַשן דייטשן?

פּראָפעסאָר בעטעלהיים שרייבט, אַז די אומבאַוואָפנטע דייטשן האָבן ניט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד דער געשטאַפּאָ אויס מורא.

מיין מיינונג איז, אַז די ציווילע דייטשן האָבן זיך ניט קעגנגעשטעלט דער געשטאַפּאָ, ניט אויס מורא, נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן געשטיצט די געשטאַפּאָ. לאָדזשער יידן האָבן דערציילט, אַז די גרעסטע צרות האָבן זיי געהאַט פון די אומבאַוואָפנטע פאָלקס־דייטשן. די דייטשן האָבן צונויפגעקליבן אין פויזן אַ גרויסע מחנה יידן און אַוועקגעשיקט זיי אויף אַרבעט אין אַ דייטשישער שטאָט (דעם נאָמען געדענק איך ניט). די יידן זיינען אַרויסגעשטיגן פון באַן און גענומען גיין אין רייען איבער די גאַסן, אונטער דער אויפזיכט פון געשטאַפּאָ־לייט. פון אַלע הייזער, פון אַלע הייפן, פון אַלע קעלערס, פון אַלע געשעפטן און פון אומעטום זיינען אַרויסגעלאָפן דייטשן, אַלט און יונג, אויף די גאַסן. זיי האָבן געשריגן און גערזידלט די יידן מיט ווילדע קללות און אַלע האָבן זיי געפּירט מיט די פינגערס איבער זייערע העלדזער...

אין לאַגער קלאַגע איז געווען נאָר איין ס״ס־מאַן. ער האָט געהאַט אין זיין רשות אַ סך עסטאָנישע סאָלדאַטן און זייער אויפגאַבע איז געווען אונדז צו היטן, אַז מיר זאָלן ניט אַנטלויפן. אויסער דעם ס״ס־מאַן זיינען אָבער אין לאַגער געווען נאָך הונדערטער דייטשן, דאָס רוב עלטערע מענטשן אָדער אינוואַלידן. זייער אויפגאַבע איז געווען אַכטונג צו געבן אויף דער אַרבעט, די פּראָדוקציע זאָל זיין וואָס בעסער און גרעסער. עס איז אינטערעסאַנט, אַז אַלע צרות, ביזן אומקום, האָבן מיר געהאַט גראָד פון די אומבאַוואָפנטע דייטשן. זיי האָבן אונדז געפּייניקט און געשלאָגן מכות־רצח.

און וואָס איז מכוח יידישן ווידערשטאַנד ?

די סיבה, פאַר וואָס מיר האָבן אַזוי זעלטן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, לויט מיין מיינונג, ליגט אין דעם, וואָס מיר זיינען געווען פיזיש און גייס־טיק אויסגעשעפּט; נאָר דאָס איז ניט אַלץ. אַ מאַסע, ווי אונטערדריקט זי זאָל ניט זיין, איז ניט בכוח אַליין צו רעוואָלטירן אָן העלדישע אָנפירערס. אין ווילנע האָבן די דייטשן ליקווידירט די אמתע העלדן, איידער די העלדן זיינען געקומען צום וואָרט.

אויך אין דעם פאַל וויל איך ברענגען ביישפּילן פון ניט־יידן. דעם לעצטן טאָג פאַרן פאַרלאָזן עסטאָניע האָבן די דייטשן אויסגעשאָסן און פאַרברענט אַלע יידן, אין די טויזנטער. די אַרבעט האָבן אויסגעפירט מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער, פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, מערסטנס רוסן. די דייטשן האָבן די רוסן ניט געקענט מיטנעמען, ווייל עס האָט געוואַרט אויף זיי נאָר איין שיף אין רעוועלער פּאָרט, און עס איז געווען אַ מאַנגל אין פּלאַץ. האָבן זיי באַשלאָסן די רוסן צו דערשיסן און פאַרברענען, עס זאָל פון זיי קיין זכר ניט בלייבן.

פאַר נאַכט, נאָך דער אַרבעט, ווען אַלע יידן זיינען שוין געווען ליקווי־דירט, האָט מען אַרויסגעפירט די רוסן אויף אַ פעלד, פון דער צווייטער זייט זיינען אָנגעקומען עסטאָנישע סאָלדאַטן. אַ דייטש האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז די רוסן זאָלן איבערגעבן זייערע ביקסן די עסטאָניער. נאָכער איז געקומען אַ באַפעל, אַז די רוסן זאָלן זיך איבערדרייען אין דער ריכטונג פון וואַלד, באַרג אַרויף. אין אַ 10 מינוט שפּעטער זיינען זיי צוריקגעגאַנגען פון וואַלד, יעדערער מיט אַ שטיק האָלץ אונטערן אָרעם. זיי זיינען געגאַנגען מיטן זעלבן וועג, ווי פריער די יידן, צום שייטער הויפן.

ווי ס'איז באַקאַנט, האָבן די דייטשן באַשלאָסן טאָטאַל צו ליקווידירן די ציגיינערס צו גליך מיט די יידן. זיי פלעגן זיי צונויפקלייבן גאַנצע מחנות און אויסשיסן אין די טויזנטער. ס'איז ניט באַקאַנט, אַז די ציגיינערס זאָלן האָבן ווען עס איז געשטעלט אַ ווידערשטאַנד די דייטשן.

אין דער צייט פון דער נאַצי־אָקופּאַציע האָבן פון די שטעט, שטעטלעך און געטאָס געשטראָמט אין די וועלדער טויזנטער יידישע יוגנטלעכע. זיי זיינען געגאַנגען אין די וועלדער, כדי צו קעמפן מיטן דייטש, זיי זיינען געגאַנגען פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד, און מיר וועלן מיט רעכט זיי אָנרופן אויפשטענדלערס. אַ סך פון זיי זיינען געפאַלן אין די קאַמפן, אָבער יעדערער האָט געוואוסט, אַז ער שטאַרבט על קידוש השם.

נקמה און חרטה

אײנע פון די טענות מצד די יעניקע, װאָס זוכן פלעקן אױפן אױפפיר פון די ייִדן אין דער צײַט פון חורבן, איז, אַז װען ייִדן האָבן געהאַט אַ מעג־לעכקײט, האָבן זײ אַלײן סתם געהרגעט גױים. מען קען, באַטירלעך, ניט גאַראַנטירן, אַז אױך אַזעלכע פֿאַלן זײַנען נישט געװען, מען טאָר אָבער אױך ניט פֿאַרקוקן פֿאַקטן, װאָס זײַנען געװען פּונקט דער היפּוך פון דעם. עס האָט ניט אײן מאָל געטראָפן, װען ייִדן האָבן זײער גאַנץ לעבן ניט גע־קענט זיך מוחל זײַן זײערס אַ נקמה־אַקט אין צײַט פון אױפגעקאָכטע בלוטן. אין די װײטערדיקע שורות װעל איך דערצײלן אײנעם פון אַזעלכע פֿאַלן.

נאָך דער מלחמה האָב איך אין דײַטשלאַנד אָנגעפירט מיט אַ קינ־דער־לאַגער פון עלית־הנוער. איך האָב דאָרט געטראָפן מאירן, מײַנעם אַן אַמאָליקן גוטן פרײַנד, און מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט. מיר האָבן געװאױנט אין אײן הױז און כמעט שטענדיק זײַנען מיר געװען צוזאַמען.

אין קינדער־לאַגער האָבן מיר געלעבט אָן זאָרג און קײן זאַך האָט אונדז ניט געפעלט. אָבער מאיר פלעגט אָפט אַרײַנפאַלן אין אַ מרה־שחורה און פאַרשװאונדן װערן אױף עטלעכע טעג. די סיבה דערפון איז מיר קלאָר געװאָרן, װען מאיר האָט מיר אַ מאָל דערצײלט, װאָס ער האָט אָפּגעטאָן בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע אין פױלן.

מאיר האָט חתונה געהאַט מיט אַ פײַן מײדל און האָט געלעבט אין זײַן שטעטעלע ייִדישלעך און באַלעבאַטיש. ער האָט פאַרקױפט ביר און געמאַכט אַ פײַן לעבן. מיט דער צײַט איז געבאָרן געװאָרן אַ קינד און דאָס לעבן איז געװאָרן נאָך מער אנגענעם און אינטערעסאַנט. אין שטעט־טעלע האָבן אַלע מאירן ליב געהאַט, אַפילו די קריסטלעכע שכנים האָבן געלױבט אים און זײַן גוטסקײט.

ביי אים האָט געאַרבעט אַ קריסט, איוואַן, פון אַ דערבייאיקן דאָרף. איוואַן פלעגט פונאַנדערפירן די ביר צו זיינע קליענטן. איוואַנס ווייב פלעגט אָפט קומען צו מאירס ווייב, העלפן איר אויפראַמען דאָס הויז און שטענ־דיק פלעגט זי אַוועק אַ צופרידענע, ווייל אויסער געלט פלעגט מען איר מיטגעבן פאַרשיידענע מתנות.

ווען די נאַציס האָבן אָקופּירט דאָס שטעטל, האָט זיך אַלץ ראַדיקאַל געביטן. זיי האָבן גלייך צוגערויבט ביי די יידן זייערע פאַרמעגנס און געצוואונגען די יידן צו אַרבעטן פאַר זיי ווי שקלאַפן. מען האָט גערעדט, אַז די דייטשן וועלן מאַכן אַ געטאָ און דאָרט פאַרשפּאַרן אַלע יידן.

מאיר האָט זיך געוואָלט פאַרזיכערן מיטן ביסל האָב און גוטס, וואָס איז נאָך געבליבן ביי אים, האָט ער אַרויסגערופן זיין איוואַנען און אים אַוועקגעגעבן אַלע טייערע חפצים. ער האָט אָפּגעמאַכט מיט אים עס אָפּצו־נעמען, ווען די לאַגע וועט זיך נאָרמאַליזירן.

איין טאָג, פאַרריכטנדיק אַ דאַך ביי אַ דייטש, האָט מאיר דערזען, ווי פון די אַרומיקע דערפער פאָרן אַ סך פּויערשע פורן, אַזוי ווי אויף אַ יאַריד. נאָכער האָבן אָנגעהויבן קומען אויטאָמאָבילן מיט דייטשן. ס'האָבן זיך צו אים דערטראָגן געשרייען און אויך עטלעכע שאָסן. ער איז גע־וואָרן אומרואיק און געלאָזן זיך לויפן אַהיים. דער מאַרק איז געווען פול מיט פּויערשע וועגענער און אויף זיי זיינען שוין געלעגן זעק אָנגעפּאַקטע מיט זאַכן.

מאיר איז צוגעלאָפן צו זיין שטוב און האָט דערזען, ווי איוואַן שטופּט אַרויס דורכן טיר זיין ווייב און קינד. נאָך זיי איז אַרויס איוואַנס ווייב מיט צוויי פּעק זאַכן אין די הענט. מאיר האָט געוואָלט זיך וואַרפן אויף איוואַ־נען און אָפּשלאָגן זיין ווייב און קינד, אָבער אין דעם מאָמענט איז צו־געגאַנגען אַ באַוואָפנטער דייטש און געהייסן אים מיטגיין. דער דייטש האָט אַרויפגעפירט מאירן אויפן שולהויף. דאָרטן זיינען שוין געשטאַנען אַ טייל שטעטלשע יידן אַרומגערינגלט דורך מיליטער. מאיר האָט געזען, ווי זיין ווייב און קינד ווערן דורך איוואַנען אַרויפגעפירט אויפן שולהויף און ווי ער גיט זיי איבער די דייטשן. מאיר האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס גייט מען ליקווידירן די יידן פון זיין שטעטעלע. ער האָט געוואָלט דורכשטופּן זיך צו זיין ווייב און עפּעס זאָגן איר. אָבער דערווייל איז אויסגעבראָכן אַ טומל. אַ דייטש האָט געשלאָגן אַ דאָרפישן שייגעץ. די פּויערים האָבן זיך דער־

שראַקן און גענומען לויפן. מאיר האָט זיך אויסגעמישט מיט די פּויערים און גענומען לויפן מיט זיי. די דייטשן האָבן גענומען שיסן און די פּויע־רים זיינען געלאָפן נאָך גיכער. אַזוי איז מאיר אַפּגעלאָפן מיט זיי ביזן וואַלד. די פּויערים זיינען געלאָפן ווייטער צו זייערע דערפער און מאיר האָט זיך אָפּגעשטעלט אין וואַלד. ער האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט און אָפּגעגעבן זיך אַ דין־וחשבון פון זיין קלאָגעדיקער לאַגע. ער האָט גענומען גיין אין דער ריכטונג פון שטעטעלע באַליבאַק. ער האָט געהערט, אַז אין די געדיכטע באַליבאַקער וועלדער האַלטן זיך אויף פּאַרטיזאַנער. דריי טעג האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט, ביז וואַנען ער איז דערגאַנגען צו די פּאַר־טיזאַנער און איז אַליין אויך געוואָרן איינער פון זיי.

זינט דער ליקווידאַציע פון זיין שטעטעלע, ווען מאיר האָט אַליין צוגעזען, ווי די דאָרפישע גוים האָבן געהאָלפן די דייטשן אויסראָטן די יידן און ווי זיין אַנגעפּאַרטרויטער איוואַן האָט איבערגעגעבן זיין ווייב און קינד צו די דייטשן — איז מאיר געוואָרן פאַרביטערט און האָט פיינט געקראָגן די פּויערים גלייך ווי די דייטשן.

מאיר האָט קיין מאָל ניט געהאַלטן פון נקמה נעמען, אָבער איצטער האָט ער זיך ניט געקענט באַרואיקן, כל־זמן ער וועט זיך ניט אָפּרעכענען מיט איוואַנען. דאָס שרעקלעכע בילד פון זיינע געפירטע הילפלאָזע ווייב און קינד איז אים תמיד געשטאַנען פאַר די אויגן און ער האָט געברענט פון נקמה. ער איז אַוועק צו זיין בריגאַדיר און האָט אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע. דער בריגאַדיר האָט אים דערלויבט צו נעמען נאָך עטלעכע פּאַרטיזאַנער און גיין אָפּטאָן דאָס שטיקל אַרבעט. זיי זיינען אַוועק אין דער ריכטונג פון מאירס שטעטעלע. שפּעט ביי דער נאַכט האָבן זיי דערגרייכט איוואַנס שטיבל. מאיר האָט אַנגעקלאַפּט. איוואַנס ווייב האָט אים געעפנט די טיר און איז ווידער אַריינגעקראָכן אין בעט אַריין. מאיר האָט ביי איר געפרעגט: וואו איז איוואַן? זי האָט געענטפערט, אַז ער איז ערגעץ וואו אַוועק. די פּאַרטיזאַנער האָבן גענומען באַזוכן דאָס שטיבל אומעטום און איוואַנען ניט געפונען. ביי מאירן האָט נאָך מער אָנגעהויבן צו ברענען אין האַרצן זיין נקמה־פאַרלאַנג. ניט קענענדיק זיך אָפּרעכענען מיט איוואַנען אַליין, איז ער צוגעגאַנגען צו איוואַנס ווייב, האָט זי אַרויס־געשלעפּט אויפן הויף און זי אַריינגעוואָרפן אין טיפן ברונעם אַריין.

אַ יידיש האַרץ איז אָבער ניט קיין פויעריש. כאָטש ער האָט גע־וואוסט, אַז ער האָט נאָר בלויז נקמה גענומען פאַר די טייערע לעבנס פון זיין ווייב און קינד, הערט אים אָבער ניט אויף צו מאַטערן דער גע־דאַנק, אַז נאָך אַלעמען האָט ער דאָך מיט זיינע אייגענע הענט דערמאָרדעט אַ הילפלאָזע פרוי. צוליב דעם פאַלט ער אָפּט אַריין אין אַ מרה־שחורה און ער אַנטלויפט פון מענטשן אויף עטלעכע טעג.

אַ יידיש האַרץ — דאָס איז דאָך איינס אויף דער וועלט.

זייט מיר מוחל

מיינע אומפאַרגעסלעכע בנימינקע און אַוורעמעלע.

איך האָב אָנגעשריבן אַ בוך — אַ בוך וועגן אונדזער לעבן און וועגן אייער טויט.

די אותיות זיינען געוויינלעך, נאָר וויפל טרערן עס ליגן אין זיי — דאָס ווייסט נאָר מיין האַרץ.

פינף און צוואַנציק יאָר, זינט די רוצחים האָבן אייך אַרויסגעריסן פון מיינע אָרעמס, לאָזן די טרערן ניט אָפּ, ווען איך טראַכט וועגן אייך.

און טראַכטן טראַכט איך וועגן אייך בכל עת ובכל שעה.

טראַכטן — אָבער קוקן אויף אייער בילדעלע קען איך ניט, איך קען ניט.

ווער קען אויסהאַלטן דעם פרעגנדיקן בליק פון אייערע אומשולדיקע אייגעלעך: פאַר וואָס? פאַר וואָס?

וועל איך נאָר איין קוק טאָן אין זיי, וועט מיין האַרץ פּלאַצן — און דעמאָלט וועט שוין קיין איינער ניט בלייבן, וואָס זאָל וויינען נאָך אייך.

דעריבער האָב איך אייער בילדעלע אין בוך ניט אַריינגעשטעלט, זאָל עס בלייבן אין האַרצן פון אייער טאַטן ביזן סוף פון זיינע טעג.

זייט מוחל פאַר דעם, מיינע ליבסטע!

א י נ ה אַ ל ט

אַ פאָר ווערטער וועגן מחבר — 7
אַ מצבה — 9

אַ מאָל, אַ מאָל

ראַקעווער פאַרשוינען — 13
הירשל סמאַרגאָנער — 15
אַ וואַסער־טרעגער און זיינע השגות — 17
דער „מלאך" גבריאל — 19
הירשל „וואַלאַי" — 22
הושע דער סבאָרשטשיק — 25
מיין רבי דערקלערט השגחת הבורא — 28
ס'ציט מיך צום חדר — 29
אַ פאָגראָם אין שטעטל — 32
אַ גימנאַזיע לערנט פון אַ ישיבה — 34
מיין טאַטע שטאַרבט — 36
צוויי מלאכים — 38
הכנסת־אורחים — 41
„יידן שלאָגן דייטשן" — 43
פאָליאַקן שלאָגן יידן — 45
„וואַרפט מיך אַראָפּ!" — 47
אַ דאַנק פון אַ פאָליאַק — 49
אַ קאָרעער וועגן יידן — 51
אַ מעשהלע פאַר קינדער — 53

אונטער די סאָוועטן

א סדר מיט „גויים" — 57
די ליטווינער קומען אָן — 59
לאַווראָוו — 61
א פאַטאַלער צופאַל — 64
מיין קוזינע אין מאָסקווע — 65
„מען שלאָגט די אַבראַמס" — 69
א טלית — 71
א ייד אין ענקאַווּעדע — 73

אין ווילנער געטאָ

דייטשן טרייבן יידן צו פאָנאַר — 79
אונדזערע קריסטלעכע שכנים — 86
דער „ווייסער אָדלער" — 88
„כל נדרי" אין געטאָ — 92
מיין ברודער קומט אום צוליב א יידן — 93
מיינע צוויי יינגלעך — 96
זייגערלעך — 98
קינדערשרעק פאַר דער עקידה — 100
אויפן בית־עולם וואַקסן אויך בלומען — 102
דער גורל פון באַהאַלטענע — 103
דריי ווילנער — 106
אירענאַ זשעזשאָווסקאַ — 109
פאַר די זינד פון די עלטערן — 113
צוויי פיינע ליטווינער — 119
מיין שטעטעלע ברענט — 124

קאַצעטן

פון ווילנע ביז קלאָגע — 129
„הכל שוחטין" — 132
אין אַ פאַרניכטונגס-לאַגער — 134
דער „באָק" — 139
טויטספּאַרטלערס — 140
הונגער — 142
אַ ראָמאַן אין קלאָגע — 144
אַ נס — 148
מיט הערמאַן קרוק — 150
הילף פון אַ רוצח — 152
ווי אַזוי איך בין געבליבן לעבן — 155
געשרייען פון ברענענדיקן זון — 157
זיין זונס פעלצל — 160
אַ טרעפעניש מיט „טויטער" מאַמען — 162
אַ באַגעגעניש — אַ רעטעניש — 165

קינדער נאָכן חורבן

די קינדערהיימס אין דאָרפען — 171
אַ מאַנאַשקע — אַ רעטעניש — 173
מאָריצל — 175

בילבולים אויף קדושים

זיינען די יידן אין געטאָ געווען דעמאָראַליזירט? — 179
נקמה און חרטה — 184
זייט מיר מוחל — 191